STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05160

# DI GOLDENE PAVE

## Moshe Leib Halpern

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Daniel & Dina Frankfurt Katz*
*in memory of*
*Jacob Frankfurt & Dora Kagan Frankfurt*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די גאָלדענע פּאַווע

# די גאָלדענע פּאַווע

פון

## מ. ל. האַלפּערן

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

# DI GOLDENE PAVE

## Poems

By MOSHE LEIB HALPERN

צווייטע אויפלאַגע

ערשטע אויפלאַגע, 1924

צייכענונגען פון
יאָסל קאָטלער

New York, 1954

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th St., New York 3, N. Y.

200

# אינהאַלט:


זייט

שיר השירים — 11

**פון יענער זייט ים**

דער פויגל — 15
דער מאַן זאָגט אָן — 18
זלאָטשעווו, מיין היים — 20
באַלאַדע פון דעם לעמבערגער דייטש — 23
מיין זיידע — 27
באַלאַדע פון אברם דעם קצב — 30

**פון מיינע סלאַווישע מאָטיוון**

משה נאַדירס לייזער עליע — 40
באַלאַדע פון מיין וויגליד — 44
מעשה מיט דער פליג — 49
ברויט און פייער — 51
אָט איז ער דאָך — 53
דאָס ליד פון יידישן קאָוואַל — 54
היידאַ־דוניי־דו — 55
דאָס גאָלדענע צלמל — 56
לויט דער וויסטעניש — 58
מיט זיך אַליין — 59
ביים שיין פון לעמפּל — 64
די פּראָצעסיע — 67
וואַקסט אַרויס פון דער ערד — 68
קיינמאָל שוין וועל איך ניט זאָגן — 69
אויף אַלע וועגן דאָ — 70
אין פולמאַן — 71
קאָנטרי־קאָנצערטן — 72
פון אַ בריוו מיינעם — 73
וועגן גרויסע און קליינע פיס — 75
מיין רייזעלע דערציילט פון קאַליישאַקער באַל — 78
קוני־לעמל דער פּאַרלאָזענער — 80

זײַט

אין די גאַסן פון דער שטאָט — 89
אין סאַבווײ — 91
מײַנע רייד צו גאָלדענע גאָלדינע — 97
ווי אַזוי מען מאַרטשט באַנונץ אין אַמעריקע — 103
האַרשבער דער קוילנטרעגער — 106
די ר־ר־רייד פון מאַרדאָוועץ באַרנולע — 109

## מיר געפעלט דאָס נישט

דער מענטש דער אַף — 113
באַלאַדע פון דעם אומגליקלעכן קיניק — 115
די מעשה מיט דער וועלט — 118
אייבי קירלי, דער מלחמה־העלד — 120
דער פּאַסקודנער בעטלער — 122
באַלאַדע פון דעם קיניק וואָס האָט אַליין — 127
דער מוסר־זאָגער און פאַלשער פּאָעט — 129
גריזלי דער בער — 133

## פון אונדזערע טעג

דער חכם האַרשל באַיער — 137
פּאַראַד נײַנצן־צוואַנציק — 139
די לעצטע — 140
ער וועט שוין ניט קומען — 141
פרילינג נײַנצן־צווײ־און־צוואַנציק — 143
אין סוף פון די טעג — 145
די באַלאַדע פון מײַן אומעט — 147
מײַן צוואה — 151
אַלץ אין אונדז ווערט מיד — 154
דער צער פון דער וועלט — 156
נײַנצן־דרײַ־און־צוואַנציק — 157
פאַרדאַמט זאָל ער זײַן דער פּראָזן־דרעשער — 158
זונאויפגאַנג — 162
ווער וועט ראַטעווען ? — 164
העי, דו נאַקעטער — 165
איך דײַן גאָט — 167
ווינט און רעגנבײַטש — 168
די זונה — אונדזער פירערשאַפט — 170
דער מעסער־העלד — 172
ייד, מײַן ברודער — 175
אָונט — 177
דער רויטינקער האָן און מײַן זונעלע — 179
שפּיל, מײַן קאַטערינקע — 182

זייט

## משה לייב ביים ברעג ים


וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפן — 185
די באַלאַדע פון קאַשטאַראַן — 189
ווען דער האַרבסט — 197
אין האַלבער נאַכט — 199
אָוונט — 208
אַ גינגעלי מיין אומעט — 211
יאַהאַמאַס באַנגליד — 214
מיט זיך אַליין — 215
ווען די זון פאַרגייט — 216


## זרחי ביים ברעג ים


זרחי צו זיך אַליין — 219
באַבלטאָון — 229
זרחי וועגן די זיבן רויטע בערד — 238
זרחי זאָגט תורה — 250
וועכטער אין הימל — 258
זרחי און די קעניגין — 262
דאָס גאָלדענע ביקל נומער איינס — 264
דאָס גאָלדענע ביקל נומער צוויי — 267
דאָס גאָלדענע ביקל נומער דריי — 270
זרחים משפחה — 280
דאָס געשריפטס אויף זרחים מצבה־שטיין — 290
גייען מיר שפּאַצירן — 302



דאָס דאָזיקע בוך איז געדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1924. אַרויסגעגעבן פון „גרופּע יידיש", קליוולאַנד.

די צייכענונגען זיינען פון יאָסל קאָטלער. אין בוך איז עס נישט אָנגעגעבן. לויטן כאַראַקטער דערקענט מען אָבער ווער דער צייכענער איז.

דאָס בוך ווערט געדרוקט פונקט ווי די ערשטע אויסגאַבע.



משה לייב האַלפּערן



## שיר-השירים

און דאָ איז דאָס ליד פון אַלע לידער.
אין אָנהויב זײַנען געװען דרײַ ברידער:
אײנער מיט פאַרחלומטע אויגן,
אײנער װי אַ דעמבענער בוים אַ געזונטער,
און אײנער װאָס איז אַרומגעגאַנגען מיטן קאָפּ אַרונטער.
האָט דער מיט די פאַרחלומטע אויגן
גענומען פאַר זיך די לבנה;
האָט פאַרנומען די זון דער געזונטער;
איז געבליבן פאַר דעם מיטן קאָפּ אַרונטער — די פינצטערניש.
האָט ער זיך צעװײנט מיט אַ גרויס געװײן.
האָט דאָס אויפגעװעקט פון זײַן אײביקן שלאָף
קאַליבאַבי דעם פילאָזאָף.
האָט ער אָנגעצונדן זײַן לאַמטערן
און געפאָרשט אַזוי לאַנג בײַ דעם גאַנג פון די שטערן,
ביז ער האָט אַרײַנגעקריצט אין זײַן װאונדערלעכן חכמה-שטײן
אַז ערגעץ דאָ, דאָרט, נישט װײַט, פון אומעטום —
אויף דעם װעג, װאָס איז נישט גלײַך און נישט קרום...
זיצט עמעץ װאָס מיט אים איז עפּעס נישט דאָס...
און ער װײנט, װײַל ער װײסט אַלײן נישט פאַרװאָס...
און זינט דעמאָלט — װי מען קאָן נישט צײלן אויפן קאָפּ די האָר,
קאָן מען נישט צײלן די יאָר,
און דער מיטן קאָפּ אַרונטער בלאָנדזשעט אַרום אין דער פינצטערניש
אַזוי װי אַלעמאָל מיט זײַן געװײן.
און מיר, די חכמים פון דער װעלט, װאָס הערן אים יװײנען,

דרייען זיך די לאַמטערנעס אַרום דעם חכמה־שטיין
און מיר לערנען זיך ביז אין טויט אַריין, איבערלייענען
אַז ערגעץ דאָ — דאָרט — נישט ווייט — פון אומעטום...
אויף דעם וועג, וואָס איז נישט גלייך און נישט קרום...
זיצט עמעץ וואָס מיט אים איז עפּעס נישט דאָס...
און ער וויינט, ווייל ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס...

# פון יענער זייט ים



## דער פויגל

קומט צוגיין אַ פויגל מיט אַ קוליע אונטערן פליגל
און פרעגט פאַרוואָס איך האַלט די טיר אויפן ריגל.
ענטפער איך אים, אַז פאַרן טויער
שטייען גזלנים אויף דער לויער,
וואָס ווילן אויסכאַפּן דאָס שטיקל קעז,
וואָס איך האַלט באַהאַלטן אונטער מיין געזעמס.

ווײנט דער פויגל דורכן שליסל־לעכל
און דערציילט מיר, אַז ער איז מיין ברודער מעכל,
און זאָגט, אַז איך האָב נישט קיין באַגריף
ווי ער האָט געליטן אויף דער שיף,
וואָס האָט אים אַריבערגעבראַכט אַהער.
אויפן קוימען — זאָגט ער — געקומען איז ער.

זע איך דאָך שוין וואָס דער פויגל איז אויסן,
לאָז איך אים טאַקע שטיין אין דרויסן.
דערווייל אָבער, ווי עס מאַכט זיך אַ זאַך,
באַשלים איך ביי זיך צו זיין אויף דער וואַך,
און איך שטופּ אַרונטער מיין שטיקל קעז
נאָך טיפער אונטער מיין געזעמס.

מאַכט דער פויגל, ווי מיין ברודער מעכל,
מיט אַ פליגל איבער די אויגן אַ דעכל

און ער שרייט דורכן שלים-לעכל אַריין,
אַז אַזוי זאָל דאָס מזל אים ליכטיק זיין,
ווי ער האָט געזען דאָס שטיק קעז, וואָס איך האָב,
און אַז ער וועט דערפאַר מיר שפּאַלטן דעם קאָפּ.

זע איך דאָך שוין ,אַז סע ווערט נישט פריילעך,
רוק איך זיך צו צו דער טיר פּאַמעלעך
מיט מיין בענקל און מיטן קעז,
וואָס איך היט אונטער מיין געזעס
און איך מאַך נישט חלילה קיין געוואַלד,
נאָר איך פרעג אים גלאַט אַזוי, צי ס'איז קאַלט.

ענטפערט ער מיר ,אַז ביידע אויערן
זיינען ביי אים אָפּגעפרוירן,
און ער שווערט מיר דאַביי מיט אַ גרויס געוויין,
אַז ער האָט אין שלאָף ביי זיך אַליין
אויפגעגעסן דעם פוס, וואָס אים פעלט,
און ווען איך לאָז אים אַריין וואָלט ער מער דערציילט.

פאַרשטייט זיך, דערהערט דאָס וואָרט: געגעסן, —
האָב איך זיך דערשראָקן. שיר נישט פאַרגעסן
אָפּצוהיטן דאָס שטיקל קעז,
וואָס איך האַלט באַהאַלטן אונטער מיין געזעס.
נאָר אַבי איך גיב אַ טאַפּ און ס'איז דאָ,
איז דאָך שוין ווידער קיין זאָרג נישטאָ.

מאַך איך אַ פאָרשלאַג, מיר זאָלן פּרובירן
ווער עס וועט דאָס געדולד פאַרלירן:
צי איך, אין מיין אייגן הויז ביי מיר,
צי ער, אין דרויסן הינטער דער טיר?

ס׳איז, דאַכט זיך, טשיקאַווע אַזוינס צו דערגיין,
אַפילו — זאָג איך — פאַר זיך אַליין.

און אַזוי איז עס טאַקע זינט דעמאָלט געבליבן.
און היינט איז שוין אַוועק אַ יאָר זיבן,
שריי איך גוטמאָרגן צו אים דורך דער טיר,
שרייט ער צוריק אַ גוטיאָר צו מיר.
בעט איך זיך: ברודערקע, לאָז מיך אַרויס, —
זאָגט ער: לאָז מיך אַריין אין הויז.

ווייס איך דאָך אָבער וואָס ער איז אויסן,
לאָז איך אים ווייטער שטיין אין דרויסן.
פרעגט ער מיך וועגן דעם שטיקל קעז,
וואָס איך היט עס אונטער מיין געזעס.
דערשרעק איך זיך, גיב איך אַ טאַפּ, איז עס דאָ.
איז דאָך שוין ווידער קיין זאָרג נישטאָ.

## דער מאַן זאָגט אָן

לעמאַנעשעם, חנה־מירל, — דאָס הארץ
פאַרגעם ניט מיט זיך צו נעמען.
דאָס אומגליק אויף יענער זייט איז גרויס
און אָן אַ הארץ וועט דיך גאָרנישט קלעמען,
חנה־מירל.

אַ סויבל פּעלץ קאָנסטו דיר קויפן דאָרט
און אויך אַנדערע גאַרדעראָבע,
נאָר האַנטעכער — זיי קויף בעסער דאָ.
דאָרט זענען זיי פּראָסטע און גראָבע,
חנה־מירל.

און מען טאָר זיי נישט נוצן, ווען מען וויינט,
די אויגן ווערן געשוואָלן,
און דיינע אַמאָליקע שונאים אין דער היים
דיך צו זען אַזוי — וואָלטן אַנגעקוואָלן,
חנה־מירל.

און וויינען מוזן דאָרט אַלע אַצינד, —
פרעג ביי דער מומע האָדע —
זי זאָגט, אַז אַ פרוי וואָס וויינט דאָרט נישט
פירט זיך נישט לויט דער מאָדע,
חנה־מירל.

נאָר פאַרגעס אויך נישט, איך בעט דיך, אָן מיר,
דיין ליבן אהרן־ניסל.
באַשרייב מיר דאָס אומגליק אַקוראַט,
איך וויל אויך פאַרגעניגן אַביסל,
חנה־מירל.

און לעמאַנעשעם דאָס ליולקעלע אויך, —
אָן דעם זאָלסטו גאָרנישט קומען.
איך וועל דאָך מיט אַלע מיינע פריינט
צום שיף דיר ברענגען בלומען,
חנה־מירל.

און עס איז דאָך נישט שיין, אַז איך זאָל דיר
מיט בלומען גיין אַנטקעגן,
און דו זאָלסט נישט האָבן קיין זאַך געבראַכט
פון דאָרטן — — — פון מיינעטוועגן — — —
חנה־מירל. — — —

## זלאָטשאָוו, מיין היים

אַ זלאָטשאָוו, דו מיין היים, מיין שטאָט
מיט דיין קלויסטער־שפּיץ און שול און באָד.
און מיט דיינע זיצערקעס אויפן מאַרק,
און מיט דיינע יידעלעך וואָס רייסן זיך אָפּ
ווי הינט אויף דעם פייער וואָס קומט אַראָפּ
מיט אַ קוישל אייער פון סאָסאָווער באַרג —
ווי דאָס לעבן אין פרילינג וואַכט אויף אין מיר
מיין אָרעם ביסל בענקשאַפט צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

נאָר אַז איך דערמאָן זיך פאַרבענקטערהייט
אָן דעם נגיד ראַפּאַפּאָרט, ווי ער גייט
מיט זיין גראָבן בויך אין שול אַריין,
און אָן שאַיע היללס, דעם פרומאַק,
וואָס וואַלט ווי אַ חזיר אין אַ זאַק
פאַרקויפט אַפילו די זון מיט איר שיין —
איז דאָס געגוג עס זאָל אויסגיין אין מיר,
אַזוי ווי אַ ליכט, מיין בענקשאַפט צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

ווי דערציילט זיך די מעשה פון יענעם פראַנט:
ער האָט איינמאָל פאַרנאַכט אַזוי לאַנג נאָכאַנאַנד
געזען מלאכים אַרום דער זון,
ביז סע האָט אים אַ שיכור, אַ גוי מיט אַ האַק
אַזאַ מין פאַרפאַר געטאָן אונטערן פראַק,
אַז ר'איז געבליבן שיר נישט געשטאָרבן דערפון —
דער גוי מיט דער האַק איז מיין שנאה אין מיר
צו מיין ייִדן, און אים צוליב אויך צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

דיין ערד איז אַן עדות, אַז איך טראַכט נישט אויס.
ווען מיין זיידע האָט מיין מאַמען פון הויז
אַרויסגעשטעלט מיט דער פאָליציי,
האָט מיין באָבע אין דער ברייט מיט די פיס
געשמייכלט שיר אַזוי האָניק-זיס,
ווי אַ שיקסע וואָס שטייט צווישן זעלנער צוויי —
אַז פאַרשאָלטן זאָל ווערן מיין שנאה אין מיר,
וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן איר און אָן דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

ווי אַ קופּקעלע נאַקעטע ייִדן אין באָד
אַרום אַ פאַרבריטן, האָט מען אין ראָד
געשאָקלט די קעפּ און די בערד זיך געגלעט
אַרום די אַרויסגעוואָרפענע פּעק
און שמאַטעס און בעבעכעס אין זעק
און אַרום דעם צעבראָכענעם שטיקל בעט —
מיין מאַמע וויינט נאָך איצטער אין מיר,
ווי דעמאָלט אונטער דיין הימל אין דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

נאָר וואונדערלעך איז דאָך אונדזער וועלט
מיט אַ פערד און וואָגן איבער אַ פעלד
שלעפּט מען זיך אַרוים צו דער באַן,
וואָס פליט ווי אַ שד איבער פעלדער אַוועק,
ביז זי ברענגט אויף אַ שיף מיט אַ צווישנדעק,
וואָס פירט אַריבער קיין ניו־יאָרק דאַונטאַון —
איז דאָס טאַקע די איינציקע טרייסט כאָטש פאַר מיר,
וואָס מען וועט מיך נישט באַגראָבן אין דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

## די באַלאַדע פון דעם לעמבערגער דייטש

מ'עט נישט נעמען דאָס וואָס איז נישטאָ —
האָט דער פעטער געזאָגט, מיט די אויגן צום דיל.
(געהאַט שוין צום דריטן מאָל אָנגעזעצט דעמאָלט)
די מומע האָט געוויינט אין דער שטיל.

ווען אָבער דער סוחר, דער לעמבערגער דייטש,
איז מיט דעם באַאמטן געקומען צוגיין —
האָט די מומע שיר ווי פון זינען אַראָפּ
זיך צעלאַכט אויפן קול, אין מיטן געוויין.

אָן אמת'ע ציבעלע האָט אַרויסגעשלעפּט
דער באַאַמטער,ביים פעטער פון וועסטל-טאַש.
דער דייטש איז צום ערשט געוואָרן רויט —
און נאָכדעם שיר-נישט גרוי ווי אַש.

ר'האָט אַפילו דאַביי אַ זאָג געטאָן
אויף דייטשיש טאַקע — דאָס איסט דאָך געמאַין.
נאָר דער פעטער (איך האָב דאָס אַליין געהערט)
האָט געהייסן זיך קושן אין פּופּיק אַריין.

געוואונדערט האָט מיך בלויז דאַביי,
וואָס דער פעטער איז אַפילו אין כעס נישט געוועזן.
אדרבה — אַ מלאך פון הימל
וואָלט רואיקער נישט אויסגעזען.

נאָר דער דייטש (בעת עס האָט זיך דער פעטער
דאָס וועסטל צעקנעפּלט) האָט נאָך אַלץ געוואַרט.
אָבער נישט נאָר צעקנעפּלט האָט זיך דער פעטער,
נאָר ער האָט אויך דעם טלית־קטן פאַרשאַרט.

דער דייטש איז שוין דעמאָלט געשטאַנען ביים טיר,
מיטאַמאָל אָבער האָט ער זיך אומגעקערט —
און אַ זעץ געטאָן מיר מיט אַ פוס אין בייכל —
כ׳בין געזעסן אין הוילן העמדל, אויף דר׳ערד.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך פאַרקייכט —
און די מומע האָט אָנגעמאַכט אַ געוואַלד.
נאָר דעמאָלט האָט שוין דער דייטש זיין טייסטער
אַרויסגעכאַפּט פון אונטערן שפּאַלט.

און אַ גאַנצן זילבערנעם ראַניש האָט ער
אין הענטל מיר אַריינגעדריקט,
דערנאָך האָט דער פעטער אים, מיט אַ שטיק האַלץ,
געוויזן די טיר, און אַרויסגעשיקט.

און מיך האָט ער אויף די הענט גענומען —
און איינגעשטילט האָט ער מיך מיט דעם —
וואָס ר׳האָט צוגעזאָגט אַז ער נעמט מיך מיט
צום רבין, אויף יום־טוב מערצישעם.

און ער האָט מיך טאַקע מיטגענומען, —
איך געדענק אַפילו ווי מ׳האָט אין פעלד
(ווען די מאָרגנזון איז אויפגעגאַנגען)
צו דאַוונען זיך אָפּגעשטעלט.

דעם רבין פון דעמאָלט — ווי דורך אַ וואָלקן
קומט מיר שוין אויס אים אַצינד צו זען.
נאָר דעם פעטער, און דעם לעמבערגער דייטש,
געדענק איך, ווי היינט וואָלט דאָס געווען.

און דאַכט זיך, אַוועק פון דער היים שוין אַ בחור
און שוין אַ יאָר פופצן אַז איך בין דאָ. —
דאַרף מיר דאָך קלאָר זיין, אַז קיינער פון זיי
איז היינט שוין מער אויף דער וועלט נישטאָ.

פונדעסטוועגן — ווי טאַקע דער נאַר
וואָלט אַ שטופּ געטאָן מיך איטלעכם מאָל.
אָן אַנדערער לאַכט כאָטש שטילערהייט —
איך הירזשע אַזוי ווי אַ פערד אויפן קול.

נאָר ס'איז מאָדנע טאַקע — אַ דייטש קומט נעמען
אַלצדינג וואָס ס'איז דאָ אין הויז,
און דער סוף איז, אַז נישט נאָר נעמט ער גאָרנישט,
נאָר מען נעמט נאָך ביי אים אַ ראַניש אַרויס.

די מומע האָט באַשטעלט ביים פעטער
אַ היטעלע, אין שול אַריין.
דאָס אַלטע צעפּאַלט זיך שוין — האָט זי געזאָגט —
עס האַלט זיך קוים אויפן קאָפּ נאָך איין.

דער פעטער אָבער האָט איר געענטפערט
אַז ביי אַ יתום נעמען איז אַ זינד,
און עס האָט דאָך דער דייטש דעם ראַניש בפירוש
איבערגעלאָזן פאַרן קינד.

און כדי איך זאָל גלויבן, האָט ער געוויזן
ווי ער באַהאַלט אים אין קעשענע פאַר מיר.
און אַ גאָלדענע יאַרמולקע צוגעזאָגט —
וואָס איך וואַרט נאָך טאָקע ביז היינט אויף איר.

נאָר אַ וואָרעמס האָבן מיר דעמאָלט געהאַט
אַזוי ווי שבת, מיט פלייש און יויך.
און אויף פידוואָרעמס האָט מען מיר מיטגעגעבן
אַ גראָשן אויף אַ בייגל אויך.

און אַז איך האָב נאָכדעם גאָט געבעטן,
דער דייטש זאָל קומען נאָכאַמאָל.
האָט דער פעטער פאַרהויבן די אויגן צום באַלקן
און נאָכגעזאָגט אמן אויפן קול.

## מיין זיידע

צי זיינען טאַקע דאָ מלאכים, ווי מען גלויבט ביי מענטשן?
דער, וואָס רויבט דעם לעצטן אָטעם צו,
איז זיכער נישט קיין מלאך;
נאָר זאָל שוין זיין, אַז ס'איז אַ פּראָסטער ווינט,
וואָס פליט מיט אים אַוועק ווער ווייסט וואו ערגעץ.
מיין זיידנס לעצטן אָטעם אָבער
(קוים איך טראַכט פון אים)
דערזע איך אין אַ הונט,
וואָס שמעקט אַרום דאָס קעפּל פון אַ הערינג אויפן מיסט.
און עס העלפט מיר נישט, וואָס איך פאַרמאַך די אויגן
און רעד מיר איין, אַז ס'איז אַ משוגעת.
די שרעק אין מיר מאָלט אויס דעם הונט אַזאָ,
ווי ער וואָלט קלאָר געזען פאַרוואָס איך ציטער
בעת איך האַלט די הענט ביים האַרצן מיינעם — — —

איך בין געווען אַ קינד קוים אַ יאָר פינעף דעמאָלט,
ווען כ'האָב
ביים זיידן אין אַ קראָם פון אַלדאָס גוטס,
אַ הערינג צוגעגנבעט.
האָב איך דעם הערינג צוגעדריקט
צום האַרץ צום נאַקעטן פון אונטערן העמדל —

ער זאָל נישט אָפּשטיין.
עס האָט דער זיידע מיר געקאָנט אַזוי ווי אַלעמאָל
אַ קניפּ טאָן אונטערן העלדזל און דערזען,
און צונעמען צוריק — — —
און מיינע האָבן דאָך געוואַרט אויף דעם,
ווי אויף משיחן
אין הויז —
ביים קאַלטן אויוון. — — —
נאָר איצט — אַז איבער צוואַנציק יאָר
איז שוין אַוועק זינט דעמאָלט,
און אַז אַ ווייטעניש מיט באַן און שיף צו פאָרן
טיילט מיך אָפּ פון דאָרט, וואוהין איך בענק צוריק;
און אַז מיר דאַכט זיך אוים ביים פענצטער דאָ,
אַז אויף דעם וואָלקן אויבן, וואָס איך זע,
זיצן אַטעמס כל המינים,
אָנגעפּאַקט, ווי חסידים אויף אַ פור,
וואָס פאָרן איבער־יום־טובן
צו זייער רבין,
איז דאָך רב זיינוול פון טשאַרנע באָראַהאַי,
מיין מאַמעס טאַטע (ווי קאַרג ער איז געווען),
אַ זיידע מיר;
מעג דאָך באַנג טאָן מיר
זיין לעצטן אָטעם אין אַ הונט צו זען.
און אַז דער הונט שטרעקט אוים דעם האַלדז זיינעם
און וויינט אַרויף צו דער לבנה,
וואָס באַשיינט דעם וואָלקן,
מעג דאָך באַנג טאָן מיר (כאָטש אומעטום איז וועלט).
אויבן אָבער שוועבט מען דאָך
הויך איבער אַלע פינצטערנישן פון דער נאַכט
און וואונדערלעך, ווי אויסגעוועבט פון ליכט,

איז דאָרט די רו — — —
און פון אַ הונט אַרויס,
וואָס הונגערט,
אין דער נאַכט,
וויינט מען דאָך מיט אויסגעשטרעקטן האַלדז אַרויף —
און מען רוט אַליין נישט, — — —
און מען לאָזט אויך אַנדערע נישט רוען. — — —

## די באַלאַדע פון אברם דעם קצב

— און כאַטש ער האָט פאַרטריבן צו שפּעט
דעם קלעזמעריונג פון דער טאָכטערס בעט, —
האָט אַברם דעם קצב דאָס גאַרנישט געאַרט,
און ער האָט זיך טאַקע איינגעשפּאַרט,
אַזוי ווי פאַר דער יאַטקע אַ ביק,
וואָס דערשמעקט דאָס בלוט און שלעפּט צוריק. —
אַ תקיעת-כף? נישט פאַר גאָלד אַ באַרג!
ער וועט גיכער, זאָגט ער, ברעכן דעם קאַרק!
און דער זעץ מיט דער פויסט אין שפּיגל אַריין
האָט עדות געזאָגט אַז ס'עט זיכער זיין
אַזוי ווי ער וויל. און אַזוי איז געשען,
אַז נאָך איידער מען האָט עפּעס אָנגעזען
ביי דער טאָכטער פון אונטערן קלייד און האַרץ,
איז די גאַס געווען פון מענטשן שוואַרץ,
און אַלץ האָט ווי חיות מיט געברום
זיך געדראַפּעט אַרום די פענצטער אַרום
צו זען, ווי אַזוי דער חתן זעט אויס,
וואָס אַברם האָט געבראַכט פון דער זבאַריוועער קלויז
און צו זען לייב-בערן דעם קלעזמעריונג,
וואָס אַברם האָט אַרויסגעשטעלט אַ צונג.
נאָר לייב בער איז געשטאַנען דעם קאָפּ צו דער ערד

ווי אויף דער לאָנקע אַ חולה פערד,
און אַזוי ווי אַ טרוקן ראָד אויף אַן אַקס
האָט ער (מיט הענט צוויי געלע ווי וואַקס)
געסקריפּעט אויף זיין באַס צו די רייד,
וואָס דער בדחן האָט אַרויסגעדרייט
פון זיין אַלטן גאָרגל, אַזוי ווי אַ ציג,
וואָס מעקעט ווען זי איז הונגעריק.
נאָר די כלה, וואָס האָט פונעם שלייער אַפיר
געזען, אַז לייב-בער קוקט נישט אויף איר,
האָט אַליין פון פנים און הענט די הויט
זיך געשיילט, ביז דאָס קלייד איז געוואָרן רויט.
האָט זיך אויפגעהויבן אַרום איר אין אַ ראָד
אַ ליאַרם, אַזאַ ווי מען הערט אין אַ באָד.
איז אַברם דער קצב אין ראָק מיטן שפּאַלט
אַריין, אַזוי ווי אַ גזלן פון וואַלד,
און דערלאַנגט אַ שפּיי און אַ רוק אַראָפּ
דאָס היטל איבער די אויגן פון קאָפּ
און אַ רעווע געטאָן מען זאָל גיין אַ שער.
האָבן מוידן גענומען אַהין און אַהער
זיך דרייען מיט די בוזעמס פאָראויס
און מיט די באָקעס פון הינטן אַרויס,
ביז דער חופּה-דאַך האָט צוגעדעקט
דאָס האַרץ מיט דעם קלייד פון בלוט באַפלעקט.
האָבן קוילעטש און ליכט אין דער הויך זיך געדרייט
מיט דער אַלטער אברמס אין איר זיידן-קלייד;
האָבן שטערן געברומט און געטאַנצט מיט איר
פון אונטער דער טאָכטערס חופּה אַפיר,
ביז סע האָבן מחותּנים ווי אומעטום

מיט די לאַפּעס אַרום די העלדזער אַרום
צעריבן, ווי קאָרן אונטערן שטיין,
דעם דיל מיט די פּיס און דעם צער מיט די ציין
און געגאָסן אין זיך, ווי אין פּעסער אַריין
גאַנצע פלעשער אַקעווויט און ווייַן.
און אַזוי ביז ס׳איז טאַקע אַוועק ווי אַ טשאַד
אַלץ וואָס מען האָט אויפן האַרצן געהאַט.
אָבער דאָרט, וואו דער מסחר האָט אָפּגערעדט
אונטערצולייגן אין חופּה־בעט,
ווי אַ שטרוויזאַק מיט פרישן שטרוי, אַ מויד,
איז כאַטש נעם אַ מעסער און שינד די הויט
ווי פון אַ קאַלב — ווי אַ בייז געשוויר
האָט אין דער פינצטער אונטער דער טיר
די שנאה געפּלאַצט און אַרומגעצאַמט
דאָס בעט מיט אַן אָטעם, וואָס האָט פאַרסמט
אַפילו אויפן פאַרהאַנג די שיין,
וואָס איז מיטן אָנהויב טאָג אַריין.
די אַלטע אַברמס, ווי אַ מאַמע טוט,
ווען זי וויל אַז אַלץ זאָל זיך אויסלאָזן גוט,
האָט אויך מיטן טאָג צוגלייך ביי די ווענט
זיך אַריינגעשאַרט מיט געשטרעקטע הענט.
אַזוי ווי זי וואָלט געפּעדערט זיך
אַפּירצונעמען דאָס ליילעך, אויף גיך
זי זאָל אַליין נישט זען וואָס סע פעלט.
נאָר אַז זי האָט דערהערט אַז סע טרעלט
אַזוי ווי אַ פויגל צום שטאַרבן קראַנק
איר איידעם אין ווינקל אויף דער באַנק.
מיטן קאָפּ צווישן די נאַקעטע קני,

האָט איר זיין עלנט דערלאַנגט אַ ברי,
ווי סע וואָלט זיך אַ דריי געטאָן אַ שרויף
פון הארצן ביי איר ביז די אויגן אַרויף.
דער בליק אָבער פון דער טאָכטער אין בעט
האָט נישט געבריט, נאָר ער האָט גערעדט
צו דער מאַמעס צוויי פאַרבראָכענע הענט,
ווי זיי וואָלטן ראַטעווען געקענט
און נישט געוואָלט. און אַזאַ מין בליק
וויקלט זיך אַרום האַלדז ווי אַ שטריק,
און די ערד, ווי געזונט און האַרט זי איז,
ווערט זי שפּינגעוועבס אונטער די פיס
און סע העלפט נישט, וואָס מען שאַרט זיך אַרוים
און מען ווישט זיך די רויטע אויגן אויס.
מען קען באַהאַלטן אַ קרעל, אַ בריליאַנט,
אָבער די זאָרג וואָס ווײנט, און די שאַנד
קריכט אַרוים מיטן קוימענרויך
און זי בלייבט אפשר הענגען אין דער הויך
אַזוי ווי אַ וואָלקן איבערן דאַך,
און מיילער און אויערן זײַנען דאָ אַ סך — — —
אָבער נישט געגוג, וואָס מ׳האָט באַלד צווישן זיך
געשאַרט מיט די צינגער אַזוי ווי מיט שיך,
אַזוי אַז סע האָט זיך שיר נישט געדאַכט,
אַז די גאַנצע בלוטיקע חופּה-נאַכט
איז אַ סוד אַזאַ, וואָס מען ווייסט שוין דערפון
ביי די פייגל אַפילו אונטער דער זון,
האָט מען אויך באַלד אינמיטן מאַרק
זיך געווישט פאַר געלעכטער אויגן און קאַרק,
אַרום כאַצקלען דעם בלינדן כאַם, דעם שמיד,

וואָס האָט ווי פּאָר גוים אויף אַ יאַריד
פאַרריסן דעם קאָפּ און די לאָפּעס צעשפּרייט
און געזונגען כלומרשט אין וויסטע לייד
וועגן דעם, וואָס, נעבעך, צוליב אַ גוט אויג,
זאָל זיך האָבן צעוואַקסן אַזוי ווי אַ פּויק
ביי דער כלה דער בויך, און וואָס צוליב דעם
זאָל דער חתן אַזוי ווי אויף קידוש השם
זיך האָבן דראַפּען געמוזט צו איר,
ביז כאַשע די גבאיטע ביי דער טיר
האָט פּאָר גרוים רחמנות אין מיטן דער נאַכט
פונעם קוימענקערער כלומרשט געבראַכט
אַ ליטער אַזאַ, וואָס גרייכט אַרויף
ביז צום בוידעם כמעט, ווען מען שטעלט זי אויף.
און נישט געֶנוג, וואָס מען האָט נישט געזען,
ווי קויטיק מען איז שוין אַליין געווען
צוליב דעם וואָס מען שפּילט זיך, ווי קינדער מיט טינט,
מיט יענעמס פאַרגאָסענעם בלוט וואָס רינט,
האָט מען אויך לייב-בערן וואָס האָט שוין גערעדט
צו זיך אַליין אויפן טויטנבעט,
נישט שוינען געוואָלט, און מען האָט פאַרקלערט,
אַז ער האָט אַנידערגעוואָרפן אויף דר'ערד
דעם אָרעמען סאַרווער וועלוול פאַרשפּאַרט
און אים אויסגעריסן אַ זשמעניע באָרד,
ווייל כלומרשט די קישקע איז געווען פאַרדאַרט
וואָס מען האָט מיטן פליש אים צוגעשאַרט.
נאָר ביים אָפענעם גרוב אויפן קברים-פעלד,
וואו דער אמת האָט זיך אַרויסגעשטעלט,
האָט מען קעפּ און אויגן ווי פון אַ פראָסט

צעבלאָזענע, שוין אָרונטערגעלאָזט,
און מען האָט שוין געוואַרט ווי אויף אַ נס.
ס'האָט זיך שיר נישט געדאַכט, אַז מען וויל דער מת
זאָל טאַקע אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ.
ווען מען האָט אים געפרעגט, צי ער זאָגט זיך אָפּ.
נאָר כאָטש ס'האָט אפילו געוואָרנט מיט גאָט
דראַנזשיק דער משומד פון שטאָט,
האָט מען נישט פאַרשיט מיט דעם מת אין דרערד
זיין באָס מיטן סמיק, ווי ער האָט באַגערט,
און נישט אָפּגעשיילט פון זיין פּנים די הויט
אַזוי ווי ער האָט פאַרלאַנגט פאַרן טויט.
בלויז דער אַלטער רב האָט לויטן דין
געהייסן אַ מחיצה פאַרצי'ן,
עס זאָל דער שטאָט קיין בייז ניט געשען.
נאָר אויך ער איז אומזיסט באַזאָרגט געווען.
גאָט האָט קיין שטראָף אויף דער שטאָט ניט געשיקט.
בלויז די טאָכטער אַברמס האָט אַ שד דערשטיקט
מיט אַ האַלב יאָר דערנאָך. זי האָט אָנגעגרייט
אַ וויקלשנור, וואָס ער האָט פאַרדרייט
אַרום איר האַלדז ביינאַכט אין דער גיך,
נאָך איידער זי האָט איר ממזר פון זיך
אַרויסצואוואַרפן צייט געהאַט
און אַזוי טאַקע האָט מען דאָס קורץ און גלאַט
פאַרשריבן אין פּנקס, וואָס נעמט צו דאָס וואָרט
ווי די ערד דעם טויטן דאָ און דאָרט.
און ווי טיף עס זאָל די וואונד נישט זיין
וואָס בלייבט נאָכדעם — די זון מיט איר שיין
טרינקט זי אויס, ווי דאָס וואַסער פון הויז

וואָס מען גיסט נאָך אַ מת, אין דרויסן אַרויס.
און דאָס לעבן האָט פּיס, און די צייט האָט טעג,
און נישט אייביק גייט מען דאָס שטיקל וועג
פון דער היים צו דער יאַטקע, דעם קאָפּ אַראָפּ.
נאָר אַמאָל קאָן זיין, אַז עס ווילט זיך אַ קאָפּ
שוין אפשר קיינמאָל נישט אויסגלייכן מער —
דעמאָלט וואַקלט מען זיך אַהין און אַהער
ביז מען טראַכט שוין אַליין נישט, וואוהין מען גייט.
איז געבליבן הענגען דער שלאָס מיט דער קייט
אויף דער יאַטקע־טיר. האָט מען נאָך בלויז
געקוקט אויף דעם איידעם וואָס זיצט אין קלויז
און מען האָט זיך שוין געשפּילט מיט דער שרעק
ווי אַ קאַץ מיט אַ שטיקל מויזן־עק
ביז מען האָט שוין אַפילו קינדער פאַרשטילט
מיט אַ מעשה ווי מען סקריפּעט און שפּילט
ביי אברהמען אין הויז — ווּעמעס פּנים מען שיילט,
און דער וועכטער סטעפּאַן האָט אַפילו דערציילט
אַז ער האָט אַליין ביינאַכט אַרום הויז
געזען מיט אַ נאַקעט קינד אויפן שויס
אַ טויטע אַזאַ, וואָס האָט אויסגעזען
ווי די הייליקע מאַמע. נאָר דאָס איז געווען
(ווי מען האָט שוין געוואוסט) אברם אַליין.
געמאַכט זיך אַ טבע אַרומצוגיין
ביינאַכט אין דרויסן נאַקעטערהייט,
האָט אַנגענומען דער גוי פאַר אַ קלייד
די גאַטיעס אפשר. און אַ העמד אין ווינט
קען דאָך אויסזען ווי אַ צעוויקלט קינד.
נאָר ווען עס האָט שוין ביים העלן טאָג

אַברם זיך איינמאָל געגעבן אַ יאָג
נאָכן אײדעם, אין גאַס אַרויס מיט אַ האַק —
האָט שוין אַזוי ווי אַ וואָלף אין אַ זאַק
זיך די גאַנצע שטאָט אַ וואָרף געטאָן,
און מען האָט טאַקע פון דעמאָלט אָן
אָנגעהויבן מיידן דאָס הויז.
נאָר גענוג ווען אַ טייל איז אמת בלויז
פון דעם, וואָס מען האָט זיך אָנגעהערט;
ס׳האָט געהייסן, אַז אַברם האָט די ערד
מיט די הוילע הענט הינטער זיך אין שטוב
צעגראָבן אַזוי, אַז ער זיצט אין אַ גרוב,
פון וואַנען ער רעוועט אַרויס ווי אַ ביק,
וואָס רייסט זיך ביים יאַטקע-טויער פון שטריק.
נאָר אַזוי צי אַזוי — דער ל״ו
וואָס האָט אויסגעטראַכט די גנאָד מיט דער שטראָף
האָט אפשר באַצאָלט מיט אַ לעבן דערפאַר
צו ווייזן אַז אויך ער — אויך ער איז אַ נאַר.
נאָר אויב אַפילו אַ גראָשן פעלט אוים
ווען מען נעמט אים פון אַ קניפּל אַרויס,
מעג דאָך וויינען די מאַמע די קו
ווען מען נעמט ביי איר דאָס קעלבל צו.
נאָר אויך די אַלטע האָט שוין געקלאָגט
אוים געוואוינהייט בלויז, משטיינסגעזאָגט.
אויף דעם בערגל ערד ביים פּלויט אַליין,
ווי אַן אמתער מצבה-שטיין —
וואָס אים אַרט נישט בליץ און רעגן און ווינט —
האָט זי געקלאָגט, אַז אַפילו די הינט
וואָס האָבן זי באַשמעקט און באַקוקט,

האָבן זיך וואָיענדיק אָפּגערוקט.
פאַרן קברן וואָס האָט זי קומען געזען
אַלע פאַרטאָג — איז זי געווען
אַ זייגער בלויז. און די שטאָט מיטן מאַרק —
אַז דאגות־פּרנסה דריקט ווי אַ באַרג,
ווייל מען דאַרף זיך היטן פאַרן זשאַנדאַר —
האָט מען טאַקע געדאַרפט אפשר האָפקע דעם נאַר
ער זאָל מאַכן מיט די הענט אַ הוש,
צו די פערדערן אויף זיין קאַפּעליוש.
דעם זשאַנדאַר די פעדערן אָנצוטאָן,
האָט מען בלויז קוילען געדאַרפט אַ האָן.
פאַר אברהמען האָט מען אומגעבראַכט
אַן אָקס, ווען ר'האָט חתונה געמאַכט.
נאָר ווער ווייסט? אפשר האָט מען אַזוי געדאַרפט
צוליב דעם חלף וואָס האָט זיך געשאַרפט.
אָדער אפשר האָבן אַזוי באַגערט
די פליג אויפן מיסט, צי דער וואָרעם אין דר'ערד.
נאָר דאָס זיינען דאָך שוין אוודאי רייד
וואָס זוכן אין חושך ליכטיקייט,
אַזוי ווי בלינדע צווישן ווענט,
מיט ציטערדיקע פּים און הענט.
און צו דעם האָט מען דאָך אויף אונדזער וועלט
אַ שול מיט אַ קלויסטער אויפגעשטעלט.
וואָס ווייזן אייביק ווי גולמס אַרויף
צום רויך מיטן פויגל וואָס הויבט זיך אויף.
דער פויגל מיד און הונגעריק
קערט זיך אום צו דער ערד צוריק;
דער מענטש — ווי פאַרשאָלטן פון זיך אַליין —

זעט (אַפּילו מיטן קאָפּ אויף אַ שטיין)
מלאכים אויבן אין דער הויך.
און אַזוי ווי פאַרצייטיקן קרבן־רויך
שיקט ער אייביק דאָס ביסל וואַסער מיט זאַלץ
פון זיין אויג אַרויף — עס זאָל מאָנען פאַר אַלץ —
וואָס איז דאַכט זיך — אָדער ער רעדט זיך איין —
אַז ס׳האָט נישט געדאַרפט אַזוי צו זיין — — —

## משה נאַדירס לייזערעליע, דער, פון דער אַלטער היים

וועגט איבער לייזערעליע נאָכאמאָל די הון אין האַנט,
בלאָזט נאָכאַמאָל ביים הינטערטייל די פעדערן פאַנאַנד,
וואַקסט אויס אַ רעטעניש פאַר אים
אין לעבן פון דער הון.
ווער דאַרף זי דאָ?
און וואָס האָט ער דער מענטש, מיט איר צו טאָן?
און ווער האָט דאָס ביי איר די אייער וואָס זי לייגט, באַשטעלט?
צי לייגט נישט עמעץ אויך די טעג —
ווי אייער אין דער וועלט?
אָט דאַכט זי ערשט זיך אויפגעכאַפּט,
וואו קומט אַהין דער טאָג?
אַ זעקל אַלטן ווייץ געקויפט ביי יאָשקען, אויף דער וואָג,
אַ וועגל האָלץ אַהיימגעשלעפּט —
אַ נאַריש בינטל שטרוי —
און נאָכדעם בלויז אַ טאַפּ געטאָן
אַ קעלבל ביי אַ גוי
און שוין (זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד)
קומט ווידער אויס
כאָטש לאָז אַזאַ מציאה דאָ, די הון —

פון האַנט אַרוים
און ווידער לויף צו מנחה שוין,
ווייל דו, אַ מאַנספּאַרשוין
דאַרפסט אייביק זיך באַוואָרענען מיט עולם־הבא־לוין
און ווייל שוין נאָך אַ טאָג האָט אויסגעטרונקען —
גאָט־ווייס־װער,
להבדיל ווי אָן איי טרינקט אוים דער חזן יעקב־בער — — — —
און אַט אַזוי
דאָס רעטעניש די הון אין ביידע הענט —
די מערב־זייט אין הימל ברענט —
און לייזערעליע שטייט און קוקט זיך איין
ווי כביכול לייגט די זון צוריק אין פוטער־פאַס אריין
און איינציקווייז מיט שטרוי און שטויב
אויף אַקסל און אויף באָרד
פאַרזאַמלען זיך אין רעדלעך שוין
די סוחרים דאָ און דאָרט
און עמעץ צינדט שוין אָן אין שול צום דאַוונען די ליכט
און אויך דער אַלטיטשקער וואַסיל,
דער שרייבער פון געריכט,
גייט שוין אַהיים
און לייזערעליע שטייט
און שטרעקט אַרויף
דעם האַלדז,
דעם קאָפּ
און ציט די אויגן ענגער נאָך צונויף
און קוקט צום וואָלקן אין דער הויך וואָס נעמט די זון אַרום
און הערט דעם זשום פון פליגעלע
וואָס רינגלט אים אַרום,
און שטילער ווערט
און ליידיקער אין מאַרק —

גיט זיך אַ הויב אַ שטרוי אין ווינט,
אַ בלאַט,
אַ פעדערל,
אַ רעדל שטרוי;
צעבומקעט זיך אַ קלויסטער-גלאָק,
לאָזט אָפּ אַ טויב אַ זערנעלע פּאָר שרעק
און פליט אַוועק;
צלמט זיך אַ גוי וואָס נעמט אַוועק דאָס היי ביים פערד,
פאַרנויגט זיך אויך און צלמט זיך
אַ בעטלער אויף דער ערד,
זאָגט אויך די גויע פון דער הון
איר אָוונטלעך געבעט
און לייזערעליע שטייט נאָך אַלץ
און שאָקלט זיך ווי אין אַ הינערפּלעט
און קוקט אויף איר, אויף זיך
און אויף דעם זעלנער אויך וואָס שטייט אין מיטן מאַרק.
דער זעלנער האַלט אַ ברויט ביים בויך
און קוקט אַרויף ווי ער
און קנייפּט אין מויל אַריין דאָס ברויט
מיט הענט פאַרהאַרעוועט — ווי בורעקעס רויט
און לייזערעליע האַלט די הון, פאַרטראַכט אַזוי ווי פריער,
און וואָס אים פעלט איז אפשר בלויז אַ שרייב-פּענדל —
אַ בלעטל שרייב-פּאַפּיר. —
נאָר וואָס וואָלט זיין ווען ער וואָלט שוין געהאַט
און וואָלט טאַקע שוין אויסגערעכנט אַקוראַט
אַז ס'איז דער טאָג מ'שטיינסגעזאָגט
געגליכן צו אַן איי;
אַז אַלצדינג איז דאָך סיי ווי סיי
אומזיסטער קאָפּ-געדריי;
ווייל וואָס איז שוין אַז סע האָט דער טאָג אַ געלכל אויך —

די זון,
און אַז דער זעלנער איז דער בלוטסטראָפּן —
איז וואָס דערפון?
צו וואָס וועט ער מיט אַזאַ גריבלעניש דערגיין
אַז אויך דאָס ראָד וואָס ער האָט אויסגעטראַכט
וויל זיך נישט דריי'ן
און אַז ער וועט אַרויסבאַקומען דעם פּאַטענט אויף טינט
וואָס טויג דאָס אַלץ,
אַז ווידער ליגט דאָס ווייב אין קימפּעט מיט אַ קינד
און אַז דער דאָקטאָר וואָרנט אים
ער זאָל לזיך היטן גוט
עס זאָל דאָס מל זיין
דעם קינד נישט קאָסטן צופיל בלוט,
און אַז ער האָט גאָט וויים ווי לאַנג
קיין גילדן נישט געזען;
קומט דאָך אוים
אַז ער איז שטילערהייט גערעכט טאַקע ביי זיך אַליין
בעת ער פרעגט זיך אַלעמאָל צו וואָס? צו ווען?

# די באַלאַדע פון מיין וויגליד

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט, דער לאָמפּ איז נאָך נישט געווען אָנגעצונדן, האָב איך געוויינט ווי אַלע קליינע יינגעלעך פאַרן שלאָפנגיין, האָט מיך די באָבע גענומען אויפן שויס, און אָט וואָס זי האָט מיר דערציילט:

— אַמאָל איז געווען אַ מלך וואָס האָט ליב געהאַט יונגע ציבעלעך, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער עקשן, אַ גרויסער עקשן, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט אַז ער וויל ציבעלעך מיט רויטע בערשטעלעך.

— וואָס-זשע האָט מען געטאָן?

— האָט מען צעשיקט שלוחים איבער דער וועלט, שלוחים איבער דער וועלט.

האָבן אָבער די שלוחים געבלאָנדזשעט אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין פּראָמישלאַן צום פעטער רב לייבישל.

איז דאָך דער פעטער רב לייבישל געווען אַ בערשטלמאַכער אַ בערשטלמאַכער האָט ער אַרויסגענומען פון זיבן בינטלעך ציבעלעך די ווייסע בערשטלעך און אַריינגעפלאָכטן אַהין די פרענדזלעך פון זיין שאַליקל פון זיין רויטן שאַליקל וואָס ער איז געגאַנגען אַרום האַלדז ווינטער און זומער און אַלע זיינע יאָרן

און אַזוי איז געשען, אַז ווי נאָר ער האָט זיך געזעגנט מיט ווייב

און קינד, איז ער אַוועק מיט די שלוחים צו דער שטאָט, צו דער ווייטער און שיינער און גאָלדענער שטאָט וואו דער מלך האָט געוואוינט, מלך האָט געוואוינט.
אָבער זינט דעמאָלט טאַקע האָט מען מער נישט געהערט פון אים, מער נישט געהערט פון אים.
אַזוי ווי אין וואַסער אַריין איז ער — — —
אַזוי ווי אין וואַסער אַריין — — —

נאָר אַז איך, וואָס בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יינגעלע, האָב נאָך אַלץ געוויינט, האָט די באָבע פאַרענדיקט אַז דער פעטער רב לייבישל איז געוואָרן ביים מלך אַ גרויסער חשוב, גרויסער חשוב.
און זי האָט אויסגעלאָזט מיט דעם, אַז דער מלך האָט געהאַט אַ טעכטערל
זייער אַ שיין טעכטערל, האָט אָבער איינמאָל די ניאַנקע זיך פאַרקוקט אויף אַן עלטסטן מיט אַ געלן שפּענצער, איז דאָס טעכטערל אַראָפּגעפאַלן פונעם בוידעם, און פון דעמאָלט אָן טאַקע,
ווען עס קומט דער ליבער פורים דער ליבער פורים, און זי וויל זאָגן גיב מיר אַ שטיקעלע פורים-קוילעטש, שטרעקט זי אויס דאָס הענדזעלע
און זי זאָגט: גיב מיר אַ שטיקעלע פּו.
גיב מיר אַ שטיקעלע פּו־פּו.
גיב מיר אַ שטיקעלע פּו־פּו־פּו.
און ווייטער קען זי נישט — — —
און ווייטער קען זי נישט — — —


פֿון מײנע
סלאַווישע
מאָטיוון

# די מעשה מיט דער פליג

אויפן ווינטמילפליגל אין אָוונט-גאָלד,
זיצט אַ שד און וויינט פאַר פאַרדראָס.
פון הונגעריקן דאָרף איז אַנטלאָפן אַ פליג —
זשומט זי און דרייט זיך אַרום זיין נאָז,
און לאָזט אים נישט דרימלען.

הערט דער מילנער ביים ליידיקן ראָד
אַז מען וויינט אין דרויסן — ווייסט ער נישט ווער,
מיינט ער, אַז דאָס איז זיין ווייב וואָס קומט
צו פרעגן פאַרוואָס ער זיצט ווי אַ בער,
און מאָלט נישט קיין ברויט פאַר די קינדער.

לאָזט ער דאָס ליידיקע מילראָד גיין,
און וואַרפט זיך אַליין ווי קאָרן אַריין
קוקט די זון דורך אַ שפּאַרע און מיינט
אַז זי מאַכט רויט דאָס מעל מיט איר שיין —
ווייזט זי דעם שד דאָס וואונדער.

לויפט דער שד אין דאָרף אַריין
מיט דעם וואונדער וועגן דעם רויטן ברויט.
דערקענט אַבראַמקאַ אַז דאָס איז אַ שד
וואָס וויל די גוים פאַרמוטשען צום טויט,
מיט אַ מעשה וועגן אַ וואונדער.

שטופּט ער זיך פונעם רעדל אַפּיר,
און ער זאָגט אַז מען איז שוין פון מעשׂות מיד,
לאַכט דער שד, און ער ווייזט אים אָן
כלומרשט אויף אַ פויגל וואָס פליט,
און ער שניידט אים איבער דעם גאָרגל.

מיינען די גוים אַז דאָס איז אַ שפּאַס —
לאַכן זיי, מיט די קעפּ צו דער זון.
טוט זיי אַלעמען אָפּ דער שד
דאָס אייגענע, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן
דעם אָרעמען אַבראַמקאַ.

ליגן די גוים אין אָוונט-גאָלד,
ווי רויטע שטיקער ברויט אויף דער ערד.
נעמען זיך די ראָבן צונויף,
און זיי בענטשן דעם וואָס האָט באַשערט
פאַר זיי אַזאַ גרויסע סעודה.

לויפט דער שד צו דער ווינטמיל צוריק,
און ווי אַ מאַלפּע טאַנצט ער און שפּרינגט
פון פליגל צו פליגל, אין אָוונט-גאָלד,
און ער קרייט ווי אַ האָן, און ער פייפט און זינגט
ווי דער נאַרישער ווינט וואָס האָרעוועט.

## ברויט און פייער

דער זאַק איז אָנגעגרייט. דאָס קאָרן בליט אין פעלד —
געגנוג פאַר איטלעכן וואָס האָרעוועט אויף דער וועלט.
נאָר אַז דער פּריץ בייט פאַר גאָלד דאָס קאָרן אויס,
בלייבט ליגן פּוסט דער זאַק ביי איטלעכן אין הויז,
און אַז ביים גוי אין דאָרף איז ווייב און קינדער דאָ,
און אַז מ׳איז הונגעריק און ס׳איז קיין ברויט נישטאָ —
איז דאָך קיין וואונדער ניט, פאַרוואָס ער האָרכט דער נויט
און קומט אין שטאָט אַריין צו גנבענען דיין ברויט.
און אַז ער זעט אויף דיר אַ גאָלדענע די קייט,
וואָס ליגט מיוחסדיק אַרום דיין בויך צעשפּרייט —
איז דאָך קיין וואונדער ניט פאַרוואָס ער רויבט דאָס צו.
ער האָט דאָך שוין זינט לאַנג צוליב דעם גאָלד קיין רו,
ער האָט דאָך שוין אַמאָל צוליב דעם גאָלד געטראַכט
צו גיין באַפאַלן אויך דעם פּריץ אין דער נאַכט;
נאָר אַז דער פּריץ ווייסט וואָס אים קאָן זיין באַשערט,
האַלט ער אַ הונט אין הויף און אויף דער וואַנט אַ שווערד.

די האַק איז אָנגעשאַרפט. וואָס טויג דער האַק איר שאַרף?
צו האַקן האָלץ אין וואַלד פאַר איטלעכן וואָס דאַרף.
נאָר אַז דער פּריץ דאַרף דעם וואַלד אויף יאַגד צו גיין,
מוז ביז צום זשאַווערן די האַק אין ווינקל שטיין.

און אַז ביים גוי אין דאָרף איז ווייב און קינדער דאָ.
און אַז אין אויוון פרירט און ס'איז קיין האָלץ נישטאָ —
איז דאָך קיין וואונדער ניט, פאַרוואָס ער קומט צו דיר
און שפּאַלט אויף האָלץ פאַר זיך דיין פענצטער און דיין טיר.
און אַז דו שטרעקסט די הענט דער האַק אין וועג אַריין
קען דאָך דער גוי וואָס האַקט קיין שומר דיר נישט זיין.
און אַז דו ליגסט אויף דר'ערד מיט הענט צעהאַקטע, טויט,
און אַז דיין בלוט אויף דר'ערד איז שיר ווי פייער רויט, —
איז דאָך קיין וואונדער ניט פאַרוואָס דער גוי צעשפּאַלט
דיין קאָפּ, דעם בלוטיקן, ווי אַ שטיק האָלץ אין וואַלד.
און אַז דיין קינד, וואָס שרייט, האָט אויך ווי דו אַ קאָפּ,
איז דאָך קיין וואונדער ניט פאַרוואָס ער האַקט אים אָפּ.

## אַט איז ער דאָך

אַט איז ער דאָך דער כאַם:
פאַרקויפט דעם פאַן אַ טאָג מיט פראַצע אויפן פעלד.
דאָס ביסל געלט פאַרזשלאָקעט אין אַ שענק.
און ווייל מ׳האָט נישט געלאָזט אים גנבענען אַ ברויט
איז ער אַוועק אַהיים און האָט דאָס ווייב געשלאָגן.
און איצטער קניט ער דאָ, כאַטש קוק אויף אים און גלויב,
אַז ס׳האָט אַ הייליקער פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַהער.
דאָס ווייב זיינס כאָליעט דאָרט
ווי אַ געראַניעט פערד אויף דר׳ערד.
און לעבן איר, דאָס לעבעדיקע ממזר זיינס
וואָס ציט די ברוסט און שרייט.
און ער — ביים מאַטקע־באָזשע־שטיין
ווי נאָך אַ געטשקע דאָ
פאַר דעם פאַרבייגייער, וואָס האָט דעם צלם פיינט —
אַז ער זאָל האָבן נאָך עפּעס אין וועג,
אויף וואָס אַ שפּיי צו טאָן.

## דאָס ליד פון דעם יידישן קאָוואַל

אין דרויסן ליג איך איצט. אַפּנים אַז ס'איז וואָר
קיין שטריימל מאַכט מען נישט פון גראָבע חזיר־האָר —
וואָס האָט געוואָלט פון מיר דער כאַם, דער שכן מיינער?

ער האָט געהאַט אַ סאָד און אַ שטיק שוואַרצע ערד
און איך — אַ ווערקשטאַט בלויז, צו קאָוועז אים דאָס פערד,
האָט ער געזאָגט ס'איז זיינס, דער כאַם, דער שכן מיינער.

אַ העמדל פאַר זיין קינד האָט אויפגענייט מיין ווייב,
האָט ער אַראָפּגעשלעפּט דעם שפּענצער פון מיין לייב,
באַגנבעט האָט ער מיך — דער כאַם, דער שכן מיינער.

ווען ער איז קראַנק געווען, האָב איך געהיט זיין בעט —
האָט ער געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ ווילדן שד,
געצלמט האָט ער זיך — דער כאַם, דער שכן מיינער.

קוים אויסגעלערנט אים צו האַלטן אין די הענט
אַ לעמפּל ווי מען דאַרף... האָט ער דערפאַר פאַרברענט
דעם דאַך, וואָס איבער מיר — דער כאַם, דער שכן מיינער.

איצט דאַר איך ווי זיין אָקס, וואָס שלעפּט נאָך זיך אין יאָך
דורך ערד פאַרטריקנטער אַ טויט שטיק אייזן נאָך
און גאָרנישט טוט צו דעם — דער כאַם, דער שכן מיינער.

אַ קרעטשמע האָט ער זיך — דאָרט כאַליעט ער און טרינקט. —
אַ קלויסטער האָט ער זיך — דאָרט מאַליעט ער און שטינקט. —
און מער דאַרף ער נישט, דער כאַם, דער שכן מיינער.

## הײדאַ־דונײ־דו

אויף די חורבות פֿון דער װעלט
זיצט אַן אַלטע ראָב און שעלט;
קריכט אַן אַלטער זשיד אַפֿיר,
און ער זעצט זיך לעבן איר.
שעלטן בײדע קראַ־קראַ־קרו —
הײדאַ־דונײ־דו.

קומט דער באַטקאַ אין גאַלאָפּ,
האַקט ער אָפּ דער ראָב דעם קאָפּ,
מאַכט דער זשיד אַזאַ געװאַלד
אַז מען מײנט אַ דונער פֿאַלט,
אײ־װײ־װײ, אַהו־אַהו —
הײדאַ־דונײ־דו.

גריזשעט באַטקאַ װי אַ מויז,
בײ דעם זשיד די אויגלעך אויס;
גיט די מאַטקאַ אים פֿאַר זײ
גרויסע װײסע בולקעס צװײ
און אויף װאָדקאַ געלט דערצו —
הײדאַ־דונײ־דו.

פֿרעסט דער באַטקאַ הינטערן פּלויט,
פֿאַלן ברעקלעך פֿון ברויט.
שלאָגן זיך מיט אַ געשרײ
הונט און האָן, װי כלאָפּעס צװײ:
האַװ־האַװ־האַװ, קאַריקערו —
הײדאַ־דונײ־דו.

## דאָס גאָלדענע צלמל

1

לאַפּעטע, קאַטשערע הינטער דער טיר!
זאָגט לאַפּעטע: „רוק זיך אָפּ פון מיר,
מיין ליבע קאַטשערע:
שטעל זיך אַביסל וויטער, באַזונדער.
פאַרוואָס?
— ווייל די אַלטע מיט די קינדער די זיבן,
וואָס האָבן זיך אַרום בעט פאַרקליבן,
קוקן ווי אויף אַ בייזן וואונדער
אויף אונדז וואָס מיר שטייען ליידיק. —

הערט זיך צו צו אַזוינע רייד
דער אויוון, וואָס דרימלט פאַרמאַכטערהייט,
טראַכט ער: „מאָדנע״.
נאָר אַזוי ווי ער איז פויל זיך צו מישן,
זייער פויל
קוקט ער כלומרשט אַרויף צו די כמאַרעס
וואָס מ׳זעט דורכן דאַך, דורך לעכער און שפּאַרעס,
און צו די צוויי קויטיקע פלעדערווישן,
וואָס גלאָצן פון פּיעקעליק אַרונטער, —

דאָס מעלזעקל אָבער אונטערן בעט
אַרט אין גאַנצן ניט, וואָס מען רעדט:
ס׳איז נישט זיין דאגה.
אים אַרט די מויז, וואָס גריזשעט אים אונטן
פיל מער.

נאָר דער בעזעם — וואָס דער ווינט שפּרינגט אַריבער —
איז אַזאַ בהמה, אַז ער קערט זיך איבער
מיט אַ געלעכטער אַזאַ געזונטן,
אַז ער שרעקט אַזש איבער די פליג אויפן פענצטער.

2

פאַלט אַרונטער פון פענצטער די פליג,
פאַלט זי אַרונטער נאָזנדיק
אויף אַ לעפל פון האַלץ, וואָס איז איינגעקאַרבט,
און צעברעכט זיך דאָס רוקנביינדל און שטאַרבט.
נאָר אַז עס ליגט שוין די פליג — אַ מת
אויפן לעפל גאַנצע זיבן מעת-לעת,
שיקט גאָט אַ מלאך אַראָפּ מיט אַ גלעט
צו די זיבן קינדער אַרום בעט.
דערלאַנגט ער דעם לעפל איינס און צוויי
צו דעם קינד וואָס לעבט נאָך צווישן זיי,
מאַכט עס אַ ברכה און פאַרשלינגט די פליג,
אַנטלויפט דער מלאך וויינענדיק.
דערשרעקט זיך די קאַץ און פליט אַרום
און דערציילט דאָס די גוים פאַרן הויז.
לויפט מען אַריין און מען נעמט די פליג
אויף גיך דורכן בייכל אַרויס צוריק,
און מיט בלויזע קעפ און אויף דרענגלעך צוויי
און מיט אַ גלעקל דורך ווינט און שניי
טראָגט מען זי צום צווינטער אַרויס,
און מען גראָבט איר דאָרט אַ קבֿרל אויס,
און מען שטעלט אַ גאָלדן צלמל אויף —
דאָס נשמהלע זאָל אין הימל אַרויף.

## לויט דער וויסטעניש

לויט דער וויסטעניש
און לויט דעם הייזעריקן חיהשן געברום
האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז אַ מדבר דאָרט
און אַז עס קריכט אַן אַלטער לייב
אַרום אַ פעלז אַרום, ווייל ער איז קראַנק
און ווייל ער זוכט אַן אָרט
צו קענען זיך אַנידערלייגן שטאַרבן.
נאָר אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ פּוסטע שטאָט
מיט אַ משוגענעם, וואָס איז אויף הענט און פיס
אַרומגעקראָכן אין אַ ראָד
אַרום אַ הויז אַן איינגעפאַלענעם.
און דאָס, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט פון הינטער אים,
איז בלויז געווען אַ שאַרבן אויף אַ שטריק
צום גאַרטל זיינעם הינטן צוגעבונדן.

## מיט זיך אַליין

1

ווי מאָדנע דאָס איז: אָט הער איך וויינען.
נאָר ווער עס וויינט, דאָס זע איך ניט.
קען זיין, ס׳איז אַ מענטש אַזוינער ערגעץ,
ווי מיין נשמה קראַנק און מיד.

אַן אַראַבער זע איך, ווי דורך אַ חלום. —
— אַ ייד — וויינט ער — האָט פאַרנומען מיין פעלד;
בין איך געשטאָרבן אין וועג אויף מיין אייזל,
בלאָנדזשענדיק איבער דער וויסטער וועלט.

דער אַראַבער איז אפשר אַן אויסגעטראַכטער,
אָדער גאָר פון אַ טאָג-צייטונג אַרויס.
אַלץ וואָס די טעלעגראַף-דראָטן ברענגען,
איז ביי אונדז אַן אמת, וואָס מיר פויקן אויס.

אָט איך אַליין — אפשר מאַך איך איצטער
אַן אומזיסטן בלבול אויף אַ ייד.
נאָר איך הער דאָך אפילו דעם שאָרך פון די שטיינדלעך
אין וועג, פון הינטער דעם אייזלס טריט.

נאָר אפשר איז דער אייזל אַ יידנס
וואָס איז קיין ארץ ישראל אַוועק,
נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעקומען
ביי אַ הריגה מיט הוילער שרעק.

און אים האָט געטויט אַן אַראַבער דאָרטן —
און דער אייזל זיינער, אַליין אין וועג
גייט — ווייל דעם יידנס נשמה פירט אים
צום רבין, אויף די הייליקע טעג.

אַ סימן איז דאָך דער כלב אפילו —
וואָס האָוקעט אויף אים פון דער פינצטער אַרויס.
און איך הער דאָך אפילו דעם ווינט וואָס וואָיעט,
און וואָס מיידט אים אַ צעשראָקענער אויס.

מיך וואונדערט נאָר, וואָס איך הער אַזוי דייטלעך,
ווי דאָס וואָלט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיין טיר.
און דער אייזל גייט דאָך קיין ביאַלעקאַמיען —
ערגעץ איבערן ים — אַזוי ווייט פון מיר — — —

נאָר אַפּנים אַז נישט מיט די אויערן הערט מען
ווען מען ליגט אַליין אַן שלאָף און מען טראַכט.
און אַפּנים אַז נישט מיט די אויגן זעט מען
די וועלט אין דער פינצטער, אין מיטן דער נאַכט.

2

אַ, וואָלט כאָטש אַ ליכט זיך באַוויזן פון ערגעץ —
איך בין דאָך — מיר דאַכט זיך — ווי איך ליג
אַליין דער גילגול, און אַליין דער רבי,
וואָס וואַרפט זיך אַזוי, אַהין און צוריק.

אָט הער איך דאָך ווי איך וויין, און בעט זיך
ווי ביי אַ רבין, אַליין ביי מיר.
אַ רבי, — זאָג איך, — דו האָסט דאָך אויגן —
פענצטער צום הימל, פאַר דער וועלט, און פאַר דיר.

אַ רבי — זאָג איך — עפן די פענצטער.
זאָלן ווידער אין דיין זכות ווי אַמאָל
מלאכים די אָרעמע וועלט באַהיטן,
ווען די נאַכט ליגט איבער באַרג און טאָל.

זאָל די בייזקייט — זאָג איך — צוריק אין די וועלדער
וואו זי איז געווען ביים אָנהויב וועלט.
און זאָל אָקס אין יאָך מיטן מענטש אינאיינעם
זיך אומקערן צוריק אין פעלד.

זאָל ווידער — זאָג איך — זיין אַ יום־טוב
דער טאָג ווען מען שניידט און מען זאַמלט איין.
און אָנגעזעטיקט זאָל דער אייזל
טראָגן זיין לאַסט אין מיל אַריין.

זאָלן גויעס קאַרשן, און רעטעך, ברענגען
אין מאַרק אַריין, אַזוי ווי פריער.
און זאָל מען נישט דאַרפן קיין בריוו מער שרייבן
אַזוינע, ווי מיין מאַמע צו מיר.

נאָר אויב עס איז, רבי, דעם אויבערשטנס ווילן
אַז אויך דאָס אומגליק זאָל אייביק זיין,
טאָ זאָל עס כאָטש — זאָג איך — נישט זיין אַזוי גרויזאַם,
ווען עס פאַלט אין אונדזערס אַ נעסט אַריין.

נאָר אויב עס איז רבי, דעם אויבערשטנס ווילן
און די גוים גיבן זיך ווידער אַ נעם,
זאָל מען כאָטש — זאָג איך — ווי שאָף נית שטאַרבן
און דאָס אָנרופן על קידוש השם.

זאָל דער וואָס האָט אַ ווייב מיט קינדער
ווי אַ גזלן — זאָג איך — זיך שטעלן פאָרויס.
און זאָל ער מיט בלוט אויף זיין העמד ביים האַרצן
פאַרצייכענען פיל ער קוילעט אוים.

און ווער עס וועט מער פאַרצייכנט האָבן —
אים זאָל זיין אונדזער לויב-געשריי.
און אים אונדזער ליבע אַ גאַנצע, אַ ריינע,
ווי בלוט אויף ערשט-געפאַלענעם שניי.

אָ רבי — זאָג איך — אַ וועלט גייט אונטער
און דאָס גאַנצע לעבן אַרום אונדז הענגט
ווי אויף אַ האָר — און די אַנדערן זיינען
אַזוי ווי צום פלאַצן אָנגעשטרענגט.

אָ רבי — זאָג איך — דו אַליין אפילו
האַלטסט דאָך די אויגן פאַרמאַכט פאַר שרעק.
און עס שטייט דאָך דיין אייגענער ווייטיק דיר — זאָג איך —
ווי אַ ביין אין גאָרגל פאַפּערעק.

דו וויינסט דאָך שוין — זאָג איך — אויף דעם וואָס סע נעמט זיך
קיין שלאָף נישט צו דיין בינטל הויט.
און עס הייסט דאָך ,אַז ווער עס בעט אויף זיך שלאָף, גיט איבער
אַליין זיך אין די הענט פונעם טויט.

אָ רבי — זאָג איך — דאָס בלוט פון קדושים
איז אויפגעצאָרנט אויף דיר — שטיי אויף.
און איז נישטאָ מער קיין מנין גערעכטע,
נעם צען יתומים מיט זיך אַרויף,

ברעך אויף — זאָג איך — אויב עס גייט נישט אַנדערש,
מיט די פויסטן דעם הימל און זאָל מען זען.
און זאָל מען דיר — זאָג איך — טאַקע זאָגן
צי ס׳איז נויטיק עס זאָל אַזוינס געשען.

נאָר וויפיל איך שריי, און וויין, און בעט זיך
מיט מיין פנים פאַל איך צו זיינע פיס,
און איך רייס מיר אַליין דאָס האַרץ מיט די נעגל,
כדי ער זאָל זען ווי פינצטער מיר איז.

נאָר ער ווי פריער, מיט די הייבלעך אויף ד׳אויגן,
ווי אַ גולם, אָן אַ שאַרך און ריר;
אַזוי, ביז איך זע זיך אַליין ווי אַ קבר —
און אים, אַזוי ווי דעם מת אין מיר.

און בלויז ווי די ביינער פוילן הער איך —
און די ווערעם וואָס גראָבן אין האַרץ זיך איין —
און די אייביקע קלאָג וואָס ציט זיך אין דרויסן
ווי אַ גילגול, אין אייביקן גאַרנישט אַריין.

# ביים שיין פון לעמפּל

הער איך אין מיר געדאַנקען וויינען,
ווי בלוטיקע פינגער איבער אַ פידל אָן אַלטן,
וועמעס זיינען די בלוטיקע פינגער, וואָס וויינען?
עפּעס איינער אַ יידל, אַן איינגעהויקערטס,
אין אַ שטוב אין מיטן דער נאַכט ביי אַ לעמפּל,
וואָס באַשיינט צעבראָכענע טיש און בענקלעך,
און אַ קינד אָן אַ קאָפּ אויף די אַקסל, די קליינע,
און אַ טויטע פרוי אויף דער ערד דאָ לעבן;
און זי האַלט ווי פון וואַקס די הענט אין דער לופטן.
און דאָס בלייכע איינגעהויקערטע יידל
מיט בלוטיקע פינגער ביים שיין פונעם לעמפּל
און מיט אויגן אַזוי ווי פון גלאָז ווייט־אָפן.
און דער פידל בויגט זיך צעבראָכן צו ווערן
און דער פידל בויגט זיך און קאָן זיך נישט ברעכן.
און דעם יידלס האַלדז דער אויסגעשטרעקטער —
ס'אַראַ ווייסטע הענט מען דאַרף דאָס האָבן, —
נישט צו מיאוסן זיך אַזוינס צו דערווערגן.

אַשרי, אַשרי! — אַ לויב צו די שאָטנס
פון פרוי און קינד ביים שיין פונעם לעמפּל;
אַ לויב צו די ווענט, וואָס מיט זייערע הויקערס
זיינען זיי צו דעם יידל געגליכן,
און אַ לויב דער נאַכט אין די שטיקלעך שויבן
פון די אַלטע אויסגעקרומטע פענצטער. —
זי דערמאָנט אָן דעם גאָרנישט — דעם אייביקן גאָרנישט,
וואָס וואַרט אויף אונדז אומעטום אין דער פינצטער — — —



דע-לא
דעסטער

## די פּראָצעסיע

צום ערשט אַ קויטיק געדרענג דורך אַ גאַס
מיט קאַסטן, פושקאַרט און הערינג־פאַס;
דערנאָך דריי באַגילדעטע גוים פאָרויס,
וואָס קוקן ווי דריי גענעראַלן אויס:
דערנאָך אַ פּויק מיט אַ טראָמבאָן,
וואָס הילכן הינטער אַ גוי מיט אַ פאָן,
און הינטער און איבער זיי, אין דער הויך,
וואָס דרייט זיך אַרויס פון די מעשענע פענדלעך,
וואָס עטלעכע גויעס שווינגען אויף בענדלעך.
און דערנאָך פּאַרהאַוועט, ווי אויף אַ יאַריד,
מיט אַ קאָשעק אויף זיך עפּעס איינער אַ ייד,
וואָס מיט איין האַנט הויבט ער און שלעפּט די הויזן
און מיט דער צווייטער דרייט ער אַ בינטל רויזן
מיט אַזאַ געשריי, איבער זיך אין אַ ראָד,
ווי להבדיל אַ באָד־גוי דעם בעזעם אין באָד.
די הייליקע מאַמע — פאַרשוואַרצט פון דעם רויך,

## וואַקסט אַרויס פון דער ערד

וואַקסט אַרויס פון דר'ערד אַ זאַך אַזאַ,
וואָס רופט זיך אַן אַ בוים.
וואַקסן אויף דעם בוים אויך זאַכן אַנדערע אַזוינע,
גרינע, געלע, בלויע, רויטע, ברוינע —
רופן מיר דאָס אַן אַ באַר, אַן עפּל און אַ פלוים
און שטרעקן זיך מיט שטיקער גוף — וואָס הייסן הענט — ארויף,
און זאַמלען וואָס מיר רייסן אָפּ אין קאָשיקעס צונויף,
און פירן דאָס מיט וועגענער און באַנען אויפן מאַרק אַרויס.
און דאָרטן טיילן מיר דאָס שענסטע אויס
צו די וואָס זיינען פעט און האָבן גאָלד;
פאַר זילבער גיבן מיר אַוועק
וואָס האָט שוין דאָ און דאָרט אויף זיך אַ ברוינעם פלעק;
פאַר קופּער — וואָס איז שוין פאַרפוילט
און פונעם וואָרעם אויסגעהוילט.
און ווער עס וויל אַן עפּל פאַר אומזיסט,
אים לאָזן מיר אַ בערגל מיסט —
ער זאָל זיך טיילן מיט דער הונגעריקער מויז,
וואָס וווינט פון איר באַהעלטעניש אַרויס.

## קיינמאָל שוין וועל איך ניט זאָגן

פאַראַנען לייט וואָס קענען אפשר זאָגן
אַז ס׳איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פּלוימען.
נאָר אַז ס׳איז שיין אין מיטן גאַס זיך נאָכשלעפּן אַ טויטנוואָגן —
אַנגעטאָן אין שוואַרצן, און צו דעם נאָך קלאָגן,
איז דאָך אַ זינד צו זאָגן
אַז ס׳איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן

מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פּלוימען.
מען דאַרף אפשר נישט רייסן זיך אַזוי, און שלאָגן.
מען קען דאָך רואיק שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס און אוגערקעס, און פּלוימען.
נאָר אַז עס קאָן די בייטש אַפילו קיינעם נישט פאַריאָגן,
ווייל דער טיראַן פון דעם באַשעפעניש אויף דר׳ערד, דער מאָגן
וויל אַזוי — באַדאַרף מען שוין אַ רשע זיין, צו זאָגן
אַז ס׳איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פּלוימען.

דעריבער טאַקע וועל איך קיינמאָל שוין נישט זאָגן
אַז ס׳איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פּלוימען.
ווי שטאַרק עס זאָל אַ שטופּעניש אַזאַ מיך מאַטערן און פּלאָגן,
וועל איך מיין קאָפּ אַרונטערבויגן, און אַריבערטראָגן.
ווײַנען וועל איך אפשר — אָבער קיינמאָל שוין וועל איך ניט זאָגן
אַז ס׳איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פּלוימען.

## אויף אַלע וועגן דאָ

די זון איז אַלעמענס, —
און ביי דער ערד איז אויך דאָס מינדסטע גרעזל אירס אַ קינד,
ווי דו און ווי דער אַף און ווי דער אייזל ביי זיין מאַמען.
דעריבער וויינט טאַקע די ערד פון הינטערן אַספאַלט אַפיר
אויף אַלע וועגן דאָ ביי אונדז אין לאַנד.
די פרויען אונדזערע, די אָרעמע, וואָס זיינען מאַמעס,
באַנעמען פון דער ערד דעם טרויער, —
די רייכע אָבער הערן גאָרנישט ניט.
דער רויש דער מאָנאָטאָנער פון די טרייב-מאַשינען
אונטער זייערע קאַרעטן וויגט זיי איין,
שלאָפן זיי אויף אַלע וועגן דאָ ביי אונדז אין לאַנד
מיט קינדער אויף די שויסן און מיט הינטלעך אויך,
וואָס זיינען ליב ווי קינדער;
קאָנען זיי נישט הערן, ווי עס וויינט די ערד
פון הינטערן אַספאַלט — די ערד
אויף אַלע וועגן דאָ ביי אונדז אין לאַנד.

## אין פולמאַן

אומעטום, אומעטום, וואו מען פליט פאַרביי,
אַ זייגער אין דער הויך און אַ צלם, —
דער זייגער פאַר קאַהן און גאַלעהאַן,
די סוחרים, וואָס פאָרן מיט מיר אין באַן,
און דעם צלם (ווי אַ נאַר, אַ ייד, וואָלט געזאָגט)
פאַר די גוים, יעמאַכשעמאָם.
פאַר מיר די פלאַך מיט הויז און בוים,
וואָס פליט פאַרביי, ווי אַ קראַנקער טרוים,
פון אַן אייביק־קראַנקן גאָט אין דער וועלט,
איבער שטאָט און פעלד.
קאַהן און גאַלעהאַן, קאַהן און גאַלעהאַן, —
וועלן זיי האַלטן, און מיט רייד
לויבן און צוזאָגן,
לויבן און חנפהנען,
לויבן און אָפּגיין מיט קלוגע אויגן.
און דער בלאָנדער ריז אַנטקעגן מיר
וועט אויסשטרעקן זיין האַנט צו אַ טיר,
וואָס רופט זיך זיין היים,
און זיך פרייען מיט פּנים, אָטעם און בלומען,
וואָס וועט אים אַנטקעגן קומען.
און איך אומעטום, אין דער פרעמד, אין דער פרעמד
וועל טראַכטן פון מיין ווייב און קינד
און זיך ראַנגלען מיט זאָרג, און זיך ראַנגלען מיט זאָרג,
ווי מיין אָרעמער ברודער דאָן קיכאָט
מיט די מילן אין ווינט,
מיט די מילן אין ווינט.

## קאַנטרי-קאַנצערטן

איך האָב שוין געזען דעם פּלאַקאַט אויפן וואַנט:
איך שטיי דאָרט און האַלט אַ בוך אין האַנט, —
אוי, ווי איז מיר —
און מיר אַנטקעגן מיט אַ פידל אַ מויד
מיט אַ פּנים און הענט, ווי צו קנעטן ברויט, —
אוי, ווי איז מיר, אוי ווי איז מיר.

די מויד וועט לכבוד מיר דעם סמיק
אויף די סטרונעס אַ שלעפּ טאָן אַהין און צוריק, —
אוי, ווי איז מיר —
וועט זיך דאַכטן אפשר, אַז עס האַווקען הינט,
וועט זיך פאַר פּחד צעוויינען אַ קינד, —
אוי, ווי איז מיר, אוי ווי איז מיר.

וועט די מאַמע פאַרשטילן דאָס קינד מיט דער ברוסט,
וועט אַ מאַנצביל אַ פאַרך דערלאַנגען אַ הוסט, —
אוי, ווי איז מיר, —
און איך — אין געהאַקטע וואונדן — שטאָלץ
מיט אַ בוך אין האַנט, ווי אַ שטיק האָלץ —
אוי, ווי איז מיר, אוי ווי איז מיר.

## פון אַ בריוו מײנעם

ס'איז אמת, איך בין טאַקע װײַט פון דיר,
נאָר דײַנע צערטלעכקײטן אין די בריװ צו מיר
דערמאָנען אָן גאַנצע טשאַטעס מיט זומערפֿײגל
װאָס זוכן בלומענהאָניק צװישן קראָפּיװע.

די געגנט? — דער הימל איז אומעטום בלוי,
און איך האָב דיך אומעטום ליב מײַן פֿרוי.
נאָר די מידקײט מײַנע פֿאַרװאָלקנט דײַן שײנקײט,
װי דער רויך פֿון דער באַן דעם בלויען הימל.

װען אַ פֿרעמדער װעט איבערלײענען דאָס ליד,
װעט ער טראַכטן: איז דאָס אַ מאָדנער ייִד: —
פֿאַרגלײַכט זײַן פֿרוי צו הימל און זומערפֿײגל,
און זיך צו רויך און קראָפּיװע.

דער גוטער פֿרעמדער (איך זאָג עס אים אױס),
איך שטעל אים אַ פֿײג מיט אַ צונג אַרױס,
ער זאָל דיר, מײַן ליבע פֿרוי, פֿון דער װײַטנס
קײן גוט־אויג נישט קאָנען געבן.

דו אָבער פֿונדעסטװעגן היט זיך אָפּ,
און לאָז זיך פֿון מיר נישט פֿאַרדרײען דעם קאָפּ
מיט בלויען הימל און זומערפֿײגל
צװישן די ניו יאָרקער גאַסנבאַנען.

ס׳עט נישט נעמען מער לאַנג. איך קום די טעג
עס פייפט שוין מיין באַן אויף דעם באַרגיקן וועג
אַרום סינסינעטי, וואָס ליגט טיף אונטן
און זעט אוים אַזוי ווי אַ ריזיקער שפּיי־טאָג.

איך לאַך אַליין. מיר געפעלט דער פאַרגלייך,
ס׳אָל זיך נאָר נישט אויסלאָזן אַ טייך
פון מיין ביסל פריילעכקייט, נעבעך,
דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַ שלימזל.

דערווייל פעלט מיר גאָרנישט וואוהין איך קום,
אַ חוץ דיין קאָפּ, וואָס איך נעם אַרום,
ווען איך וויל זיך רייצן מיט דיינע ליפּלעך,
וואָס בענקען נאָך מיינע ליפּן.

באַלד, באַלד, ווי געזאָגט; איך בין צו דיר
מיט אַ טויזנט מייל שוין נענטער ווי פרי׳ר,
גרים מיר ניו יאָרק, — אַ פּאַסקודנע שטעטל
אָבער פּאָרט אַ וואוילס, אַז מען האָט דאָרט ווען.

## וועגן גרויסע און קליינע פיס

עס איז הארב געגנוג, ווען מען גיט בלויז א טראכט
וועגן ענגע שיך אויף זיך.
נאר מער נאך הארב איז אוודאי דער פרוי,
וואס דארף טראגן אזוינע שיך.

נאר ווער איז שולדיק? פאראנען אין אונדז
א געזעץ אזא געווים.
מיר האבן ליב קליינע ליפן אויך,
און נישט נאר קליינע פיס.

פאראנען שיינע פרויען אויך
מיט פיס פון א גרעסערער מאס,
נאר איך אליין — איך שרעק זיך פאר זיי
און כ׳לעבן, כ׳ווייס ניט פארוואס.

מיר דאכט זיך, איך זע זייערע מאנען פאר זיך
ווען איך דערמאן זיך אן זיי,
ווען די זון פארגייט דארף דאך ווערן שטיל
און זיי קומען אהיים מיט געשריי.

רעטעך מיט ציבעלעס ווילן זיי
און אויגן אויף דער יויך,
און דעם צימעס שטופן זיי פון טאפ
מיט די הענט אריין אין בויך.

און טרעפט זיך, מען בעט זיי פאַרן קינד
אין אַפּטייק אַריינצוגיין,
ברעכן זיי טעלער און ווייזן פאַר כעס
אַזוי ווי מאַלפּעס די ציין.

צו די פרויען אָבער מיט די קליינע פּיס
קומט מען דאַכט זיך, אַנדערש אַהיים:
צו איבעררעשן זיי, גנבעט מען זיך
אין שטוב אַריין אין געהיים.

און נישט מען שרייט, נאָר מען לייגט זיי אַרויף
אויף די אויגן די הענט, און מען לאַכט,
און טרעפן זיי נישט, — זאָגט מען אַליין,
וואָס מען האָט פאַר זיי געבראַכט.

— אַ קישן פאַר דיינע פּיסלעך ביים בעט,
אַ זיידנס — יאָ, מיין גאָלד,
פון פּאַפּיראָסן-געלט אָפּגעשפּאָרט,
דו האָסט דאָך אַזוינס געוואָלט.

און אַז אַ פרוי אַזאַ ציט זיך אַרויף
צו די וואָנסן פון טאַביק פאַרגעלט,
זעט אוים אפשר טאַקע דער מאַן אַזוי,
ווי עס וואָלט אים מער גאָרנישט געפעלט.

נאָר וויפיל איך האָב נישט געטראַכט וועגן דעם,
פון וואַנען נעמט זיך דאָס?
פאַרוואָס מוז זיין דער הימל בלוי,
און דווקא גרין דאָס גראָז?

פאַרוואָס אין אויגן טונקל און גרויס
זעען מיר שיינקייט נאָר?
פאַרוואָס זאָל נישט זיין אויך מיט פּיס אזוי,
צו אַלדי גוטע יאָר?

כ'האָב שוין איבערגערעדט וועגן דעם מיט פריינט
און אַפילו מיט מיין פרוי,
נאָר זיי האָבן אַלע אויך געזאָגט,
אַז עס דאַרף נישט זיין אַזוי.

און מיין ליבע פרוי וואָלט נישט געזאָגט
אַזוינס וואָס זי וואָלט נישט געמיינט.
מיר איז בלויז אַ רעטעניש געווען,
פאַרוואָס זי האָט געוויינט.

זי טראָגט דאָך אַ שיכל דריי און אַ האַלב,
און אויך דאָס איז צו גרויס אויף איר.
נאָר אַפּנים, ווען זי האָט געזען ווי איך לייד,
האָט זי מיטלייד געהאַט מיט מיר.



## מיין רויזעלע דערציילט פון קאַליילישאַקער באַל

ביים באַל פון מיינע לאַנדסלייט, די קאַליילישאַקער,
האָב איך מיין גאָלדענעם פעכער אָנגעוואוירן.
האָט אָנגעשטעלט אויף מיר
מיין מאַן די בלויע אויגן זיינע, ווי אַ קינד פאַרזאָרגט,
און מיט אַ פינגער אויפן קריזעלע אַרום מיין אַרבל
זיך ביי מיר געבעטן
אַז איך זאָל מוחל זיין דעם בטלן, יעקב משהן.
פרעג איך אים
ווי קומט מיין גאָלדענער פעכער
צו דעם בטלן יעקב משהן?
ענטפערט מיר מיין מאַן, — וואָס פרעגסטו ליבע פרוי;
דו האָסט פאַררעדט זיך אויף אַ ווייל
מיט דוואָשע וועלוול דעם באַרנולעס, פון קאַליילישאַק,
האָט זיך דער פעכער אַזוי לאַנג
געהוידעט אויף דעם קייטל אין דיין הענטל,
ביז ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט
פון איינעם פון די רינגלעך,
און איז אַריינגעפאַלן אין דעם טעלער אין דעם ליידיקן

וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש אין ווינקל,
אַנטקעגן אים, דעם זינט־ער־לעבט־פֿאַרשלאָפֿענעם
און אויסגעדאַרטן בטלן יעקב משה.
האָט ער געמיינט אפשר אַז דאָס איז אַזאַ זאַך,
וואָס מענטשן רופֿן עפּל־שטרודל,
האָט ער דאָס אויפֿגעגעסן
ביז צום לעצטן גאָלדענעם פֿעדערל נעבעך. —
פֿרעג איך ביי מיין מאַן, פֿאַר וואָס ער האָט דערלאָזן
און נישט צוגענומען איידער וואָס און ווען?
דערציילט ער מיר,
אַז יענער האָט דאָס שטיקל קיטל פֿונעם פּעכער
אַזוי לאַנג געקאַיעט,
ביז ער האָט דאָס, מיט צוגעקוועטשטע אויגן
גאַנצערהייט אַראָפּגעשלונגען,
און אַז דאָס ייִנגעלע, דאָס בלייבע, חיה־ביילעס,
וואָס איז געשטאַנען
(מיט אַ ריטשקעלע פֿון אונטערן נעזל)
אים אַנטקעגן
און פֿאַרקוויפּט באַמבאַנעס צו די פֿריילינס,
האָט דאָס אויך געזען.

## קוני-לעמל דער פאַרלאָזענער

קלאָג-לידער, ווי ער אַליין וואָלט
זיי אָנגעשריבן, מער-וויניקער.)

1

— אים איבערגעלאָזן ווי שמאַטעס אַ בינטל,
וואָס מען לאָזט ערגעץ נאָך אַ באַנקראָט אין אַ קרעמל.
איצט אַרט אים אַפילו זיין צונאָמען מער נישט.
אים דאַכט זיך אַז טאַקע ער הייסט קוני-לעמל.

אַ שכן, אַ ליץ, שטעלט אים אָפּ טאַמעוואַטע;
צי שרייבט אים דאָס ווייבל? צי לאָזט זי גערימן?
און צי טאַקע איז זי אין אַ וואַרעמבאָד ערגעץ?
און אויך צי זי קומט באַלד אַהיים, וויל ער וויסן?

אַ צווייטער וואָס ווייסט פון פאַרמשכנטן זייגער
שלעפּט אַרויס אַ האַלבע מאַראַנץ, אויף אַ בענדל:
און פרעגט צי עס קומט אים אַ מזל-טוב טאַקע...
און צי טאַקע דאָס ווייבל זיינס רופט מען גענענדל?

אַ דריטער נעמט דווקא אים אונטערן אָרעם,
און שושקעט אים כלומרשט אַ סוד אין אַן אויער.
און גיט אַן אַדרעס אים און ווינקט מיט אַן אויגל.
און זאָגט אַז מ'עט וואַרטן אויף אים פאַרן טויער.

נאָר ער קוני לעמל — סיי ווי שוין דערשלאָגן
נעמט ער צו ביי איטלעכן לץ זיין קאַטאָוועס —
אַזוי ווי אַ פערד אַ זשמיט היי, וואָס מען גיט אים —
און אַזוי ווי אַ בעטלער אַ בלינדער, נדבות.

2

אַוועק מיט זיין אָרעמען האַרץ, אין דער פינצטער
ווי אַ קאַץ מיט אַ הינערשער פאָלקע פון טעפּל.
ער איז איר שוין מוחל... נאָר זי איז דאָך אַ מאַמע,
און אַ קינד איז דאָך פאָרט נישט קיין ווערמיקער עפּל.

שוין אָפּגערעדט — וואָס ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל געבן
אין הענטל אַ שטיקעלע ברויטיע מיט פּוטער,
נאָר אַ קינד האָט דאָך אויגלעך וואָס קוקן און פרעגן —
און סע שעמט זיך דאָך אַז סע האָט נישט קיין מוטער.

און ס'איז דאָך אינגאַנצן צו איר טאַקע ענלעך,
ס'פּנימל שיינט דאָך אַזוי ווי אַ שטערן,
און אַז ס'האָט פאַר אַ טאַטן אַזאַ קוני-לעמל,
וועט דאָך מוזן היינט-מאָרגן אַ תל דערפון ווערן.

צו זאָגן אַז ר'האָט דאָס נישט ליב ? — זאָל עס וועלן,
איז ער גרייט זיך אַרויסצושטעכן די אויגן.
פאַרקערט — זאָל די מאַמע דאָס קינד טאַקע טרעפן
ווי סע פירט אים, אַ בעטלער אַ בלינדן געבויגן.

ווי דעם יידישן קעניג וואָס ר'האָט אין טעאַטער
אַ בלינדן געזען אויף זיין יתומל קלאָגן:
וועט ער נישט קוקן אויף איר, ווען זי'ט וויינען,
נאָר דאָס קינד וועט ער בענטשן, און תהילים זאָגן.

3

אַט היינט איז ער ווידער אין שענקל געזעסן.
די מילך פאַרן קינד האָט ער ווידער פאַרטרונקען.
נאָר אַ טעות, צו זאָגן אַז אים קוני-לעמלען
געפעלט זיך צו זען אַזוי נידריק געזונקען...

ער ווייסט אַז ער שטעקט אין זיין אייגענעם אומגליק
ווי אַ גוי מיט אַ פערד און וואָגן אין בלאָטע,
נאָר ער ווייסט אויך אַז ווען ס׳איז דער מענטש שוין אַ שמאַטע
קאָן ער נישט גלאַנצן ווי אַ נייע קאַפּאָטע.

אַט זעט ער אין גאַס ווי מען גייט זיך שפּאַצירן.
אַ מאַן מיט אַ ווייב און מיט קינדערלעך פיינע.
און ער מיט אַ קינד וואָס איז נאַקעט און באָרוועס —
און ווער ווייסט וואו זי איז ערגעץ איצטער דאָרט — זיינע?

דאָס קינד שטעלט זיך אָפּ ביי אַ קראָם מיט געבעקסלעך,
און בעט מיט אַ הענטל אַ קיכעלע קויפן.
און ער שטייט און טראַכט צי ער זאָל עס נישט לאָזן
אין מיטן דער גאַס און אַליין אויך אַנטלויפן.

ער וועט צו אַן אַלטער מכשפה אַוועקגיין
און בעטן, אַז זי זאָל אים אויסלייגן קאָרטן.
אפשר רייסט זי די האָר פונעם קאָפּ פאַר יסורים,
ווען זי טראַכט פונעם קינד, וואו זי איז ערגעץ דאָרטן?

4

אַזוי זעט ער זי אָפּטמאָל ביינאַכט אין געלעגער,
מיט אויגן געשוואָלענע און פאַרוויינטע
ערגעץ אין קאַנאַדע דאָרט, וואו זי שפּילט זיך
מיט בריוולעך, שוין הונדערט מאָל איבערגעלייענטע.

ער וויל זי אַ רוף טאָן, באַפאַלט אים אַ פּחד
ער זאָל צוליב דעם זי נישט ווידער פאַרלירן.
אויך זעט ער זי אָפט מיט אַ קינד מיט אַן אַנדערם
אַזוי ווי מיט זיינעם. אַרומשפּאַצירן.

אַנומלטן האָט ער געזען זי אין חלום —
ער האָט פון דער שיף זי אַרונטערגענומען.
זי האָט אים געזאָגט, ער זעט אוים ווי אַ פּריץ
אַזוי ווי ער שטייט, אין די הענט מיט די בלומען;

ער געדענקט אויך ווי ער האָט פאַרפלעקט איר דאָס קליידל
וואָס זי האָט געבראַכט פון דער היים, דעמאָלט טאַקע.
ר'האָט זיך דעמאָלט געשאָלטן אַליין — ס'זאָל זיך זעצן
אַזוי ווי דער פלעק, אים אין האַרצן אַ מכּה.

איצט הענגט עס אין שאַפע דאָס קליידל — אַ זכר
פאַר אים און זיין קינד — דעם אומזיסטיקן קרבן.
און ווען ער באַקוקט עס, און ווען ער באַרירט עס,
דאַכט זיך אים שיר נישט אַז זי איז געשטאָרבן.

5

ר'האָט זיין ווייב געקענט — און זיך אָנגעהאַלטן
ווי טאַקע אַ קינד ביי דער מאַמען, ביים פּאָלע.
דער יונגאַטש אָבער מיט די ברילן די גרויסע
האָט זיך געקלעפּט ווי אַ שוסטער צו סמאָלע.

ווען מ'האָט נישט געוואָלט איז ער אויסגעוואַקסן
און איר אַלעמאָל דייטשישע לידלעך געזונגען.
און זי — ווי מען שלינגט אַ קאַרטאָפליע אַ הייסע,
האָט אים מיט מויל און מיט אויגן געשלונגען.

ר'האָט אַפילו געהאַט שוין באַשלאָסן איינמאָל
אַז מען דאַרף יענעם אונטערהאַקן די ריפּן,
ער האָט דאָך געקושט זי פאַר אים אין די אויגן —
געקושט זי, און אונטערן יאַקל געקניפּן.

ר'האָט טאַקע אים דעמאָלט געהייסן זיך שעמען —
נאָר געבליבן איז ער אַליין דער פאַרשעמטער.
ווייל ווי נאָר דאָס ווייב האָט די צונג אים געוויזן
האָט ער געשטומט ווי אַ גען אַ געליימטער.

זי איז שוין געווען אויפן פערטן חודש,
ווען דער יונג האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען.
ווייסט ער, אַז ס'האָט כאָטש דאָס קינד אַ טאַטן,
ווען דער רוח האָט די מאַמען צוגענומען.

6

אליין מוז ער וואַשן אַ גלאָז מיט אַ לעפל.
פאַרלאַטען אַ העמדל דעם קינד, וואָס איז נאַקעט.
דאַביי מוז ער אויבעט דעם קאָפּ זיינעם וויגן —
און אויסהערן אַלץ וואָס די שכנה באַלאַקעט.

זי ווייזט אים פלאַנעלע ווייבערשע הויזן,
און וויל ער זאָל טרעפן דאָס געלט וואָס זיי קאָסטן.
צו דעם, ווי אַ צוגאָב, דאַרף ער נאָך הערן
די מעשה פון אייגענעם מאַן פון איר פּראָסטן.

זי וויינט און דערציילט ווי־אַזוי־נאָך מען קריגט זיך,
און אויך ווי ס'איז אָפט צו געשלעגן דערגאַנגען.
און אַלעמאָל הוסט זי, און וועקט אים דאָס קינד אויף,
און ער דאַרף נאָך גיין — און איר וואַסער דערלאַנגען.

אַמאָל נעמט זי גאָר און הויבט אָן אים דערציילן
ווי זי האָט געשוואַנגערט, ווי זי האָט געקינדלט.
ווי אָפט דורכן טאָג ז'האָט די קינדער געזויגן
און וויפיל מאָל זי האָט זיי איבערגעווינדלט.

און ער, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, דאַרף זיצן
און ענטפערן איר, צי ער הערט, צי ער הערט נישט
אַזוי, ביז ער הויבט שוין אַליין אָן צו גלויבן,
אַז ער איז באמת קיין מאַנספּאַרשוין מער נישט.

## 7

עס שפּאַלט זיך ניט איינמאָל אים שיר ניט דער מוח —
ס׳איז דאָך טאַקע כמעט ווי מען זאָגט אומבאַשרייבלעך,
נאָר אַפּנים — דאָס וויסטע אַמעריקע טאַקע
האָט פון וועג שוין אַראָפּגעפירט פיינערע ווייבלעך.

ווען דאָס וואָלט געשען אין דערהיים, וואָלט מען זיכער
קברים געריסן און איינגעלייגט וועלטן.
און אַפילו ביים דיין — איר אייגענעם טאַטן
וואָלט מען פועלן געקאָנט אַז ער זאָל זי פאַרשעלטן.

נאָר וואָלט ער געוואוסט, וואָלט ער בעסער געגאַנגען
און שטיינער געהאַקט — ווי מען זאָגט — אויף די וועגן
און געוואוינט אין אַ בוידעם-שטוב וואָלט ער דאָרט ערגעץ
וואו סע רינט אַריין דורכן דאַך אין אַ רעגן.

אַז סע מוטשען זיך יידן אַזוי-און-אַזויפיל
וואָלט אויך ער אוודאי נישט אומגעקומען;
און ווען זי וואָלט נישט אויסגעטאָן דאָס שייטל
וואָלט זי קיינער ביי אים נישט צוגענומען.

נאָר ער האָט דאָך די היים נישט פאַר וואוילטאָג פאַרלאָזן —
עס קאָן דאָך אַ קו אויך זיך אייביק נישט קאַלבן:
פאַר צוויי טויזנט גילדן אָן אייזן-קרעמל
האָט מען אויפגעגעסן אין אַ יאָר מיט אַ האַלבן.

## 8

זי איז טאַקע געבילדעט און שיין — דאָס איז אמת.
נאָר ביי גאָט איז אַ קינד אויך די שיקסע, די פּראָסטע.
וואָס טויגן געשווירענע האָר אים מיט ביכלעך —
אַז ער דאַרף אַ מאַמע צום קינד — אַ באַלעבאָסטע.

וואָס טויג אים אַ פּריצטע, וואָס שפּילט אויף אַ פּיאַנאָ,
און זינגט ווי אַ פֿויגל, און קוקט אויפֿן וואָלקן,
אַז איידל געווען איז אויך האַנקאַ די שיקסע,
וואָס האָט די בהמות ביים זיידן געמאָלקן.

ס'האָט אים איינמאָל אַ שייגעץ פֿאַרמסרט ביים זיידן —
האָט האַנקאַ געוויינט ווי מיט בלוט פֿונעם האַרצן.
און זי האָט טאַקע נישט אויסגעזאָגט קיינמאָל דעם אמת —
ווייזט אויס, ניט געוואָלט אים דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן.

די צייט איז אַוועק, און ער בענקט נישט נאָך האַנקאַן,
אויף דעם איז ער גרייט ביי אַ ספֿר צו שווערן.
כאָטש זי וואָלט דאָס אייגענע קינד נישט פֿאַרלאָזן, —
זי וואָלט נישט געקאָנט אַזוי אומגעטריי ווערן.

מען קאָן טאַקע קופּער צו גאָלד נישט פֿאַרגלייכן,
נאָר געטריישאַפֿט איז שווער מיטן אויג צו דערקענען.
בלויז דאָרף־שיקסעס פּראָסטע — נאָר ער, קוני לעמל,
בעט גאָט פֿאַר זיי דאָ — וואו זיי דינען און זיינען.

9

מיין קינד, לאָמיר גיין דורך דער וועלט, פאַר די טירן,
און זאָל מען אונדז טרייבן ווי בעטלערס פון דאָרטן.
עס וואוינט אין אַ טייערן גאָרטן דיין מאַמע,
מיט בלומען און גילדענע פאַוועס אין גאָרטן.

מיין קינד, לאָמיר שלעפן זיך איבער די וועגן
ווי בלינדע, וואָס וויינען אויף זייערע יאָרן.
דיין מאַמע איז שיר ווי די זון אַזוי ליכטיק —
פאַר אונדז איז די זון שוין פאַרלאָשן געוואָרן.

מיין קינד, ווי צוויי ברידערלעך קליינע וואָס בלאָנדזשען
באַדאַרפן מיר ביידע זיך האַלטן צוזאַמען.
קאָן זיין, אַז מיר וועלן אַזוי ביז אין קבר
באַדאַרפן אַרומגיין צו זוכן דיין מאַמען.

ס'איז נישט אַזאַ מעשה וואָס לאָזט זיך דערציילן —
ס'איז נישט אַזאַ ווייטיק וואָס לאָזט זיך פאַרגעסן —
אַ וואָלף איז געקומען מיט אויגן ווי פייער,
און האָט ביי דיין מאַמען דאָס האַרץ אויפגעגעסן.

אומזיסט וואָס מען עפנט אונדז אויף אַלע טירן —
אומזיסט וואָס מען וויל איבער אונדז זיך דערבאַרמען —
נישטאָ אַזאַ ברויט אונדזער הונגער צו שטילן.
נישטאָ אַזאַ פייער וואָס קאָן אונדז דערוואַרמען.

## אין די גאַסן פון דער שטאָט

פאַר איינעם, וואָס זעט אויס,
אַז ער האָט געלט צו ציילן אַזוי פיל,
אַז ס׳קאָנען קויטיק ווערן
זיינע הענט ביי אים,
ווי ביי קוימענקערער, נעבעך —
פאַר אים בויגט יעדע פרוי
ביים גאַנג אירן די פיס אַזוי אפשר,
אַז פאַלדן פון דעם קלייד אַרום איר שויס
זאָלן אים דערציילן פון איר נאַקעטקייט.
פאַר דעם אָבער, וואָס שטייט ביים ראָג פון גאַס
מיט קאָפּ און אַקסל אָפּגעלאָזענע
און איז פון שווערער אַרבעט
קויטיק טאַקע, ווי אַ קוימענקערער,
פאַר אים דאַרף זיין גענוג
צו מעגן זיך באַגריסן מיט דער גאַסנפרוי,
וואָס שלעפּט זיך אים פאַרביי.
און כאָטש די היפטן אירע
הוידען זיך ביים גאַנג,
ווי ביי אַ קראַנקער קו וואָס קוים זי קריכט אַרום,
איז אים דערלויבט איר נאָכצוקוקן

מיט דער דזשעדנעקייט פון אַ פאַרהונגערטן,
וואָס זעט אַן אויסגעשניטענעם אַרבוז
אין אויסשטעל־פענצטער,
צי מיט דער פרייד, אפשר,
פון אַ געלערנטן, משטיינסגעזאָגט,
וואָס מיינט אַז עס האָבן זיך אים
אַלע טויערן פון גליק געעפנט
מיט דעם, וואָס ר'האָט אויף העלפטן צוויי
פון אַ געוועזענעם גלאָבוס ערגעץ אויף אַ מיסט
אַן אַלט־היסטאָריש הייליק־אָרט געפונען...



## אין סאָבוויי

פאַרטאָג.
איך אַ מידער פון אַ נאַכט מיט ווײַן
און ווײַבערשײַנקײַט
פאָר אַהײם.
און ער, צונויפגעמישט
פון קויטיק לײם מיט טיפּוס־געלקײַט
פאַרט די וועלט באַזאָרגן מיט זײַן פּראַצע.
שאָקלען מיר זיך בײדע
אין דעם הויז דעם אײַזערנעם,
וואָס פליט מיט אונדז אויף רעדלעך
דורך דעם מײַלנלאַנגגן לאָך, דעם וויסטן,
אונטער שטײן און ערד.
קוקן מיר זיך אָן,
איך — מיט אויגן שלאָף־פאַרחלומטע דורך ברילן,
און ער — מיט שפּאַרעס צווײ אַזוי אין זײַן פּנים,
וואָס מאָלן אוים פאַר מיר אַ באָד אַ ווײַבעריש,
וואוהין איך האָב אַמאָל
פאַרגנבעט (דורך אַ לעכל בלויז)
אַרײַנגעקוקט.

שאָקלען מיר זיך ביידע אַט־אַזוי.
זע איך אים (ווי אויף אַ קינאָ־לייוונט)
אַ פערד אַרויסשלעפּן פון שטאַל
און איינשפּאַנען.
זע איך אין דער הויך
אויף אַט־דעם פולן אָנגעפּאַקטן וואָגן
אַן איינגעהויקערט מענטשל זיצן.
פרעג איך דורכן פענצטער:
— טאַטעלע,
וואו פאָרסטו אין אַ רעגן אַט־אַזאַ פאַרטאָג?
ענטפערט ער מיר: אויף יאַריד, מיין זונדל,
אויף יאַריד, מיין זונדל.
הער איך ווי די רעדער סקריפּען שוין,
שריי איך מיטן נעזל צוגעפּרעסט צום שויב:
— פאָר געזונט, מיין טאַטעלע.
ענטפערט ער מיר: זיי געזונט, מיין זונדל.
קלינגט זיין קול ווי דורך אַ וואַנט אין רעגן.
דאַכט זיך מיר ,אַז פאַר אַ בערעלע פאַרשטעלט
האָט זיך מיין טאַטעלע.
מאַך איך: בוה — בוה־הו —

שאָקלען מיר זיך ביידע אַט־אַזוי,
ער — דאָס דאָרף מיט פערד און שטאַל,
און איך — דאָס שטעטל לעבן דאָרף
מיט שול און באָד און מיט אַ האַמערל
וואָס רופט צו דינען גאָט פאַרטאָג
אין אַלע לאַדנס.
באַקוקט ער מיינע שיך,
באַטרויערט ער דאַביי דאָס קעלבל אפשר,
וואָס ר'האָט אַמאָל פאַרקויפט —

אַהער צו קומען.
באַקוק איך אויף זיין שוים
דאָס פּעקל, וואָס ער האַלט.
הער איך, ווי איך דאַוון גיך און גיכער
צו קאָנען אויפעסן די פּאַזשימקעס מיט סמעטענע,
וואָס וואַרטן שוין אויף מיר.
דאַכט זיך מיר אַ שטיקל חזיר־פלייש
פון פּעקל זיינס קריכט אַרויס
און קריכט אַריין אין מיין שמע ישראל, וואָס איך זאָג
שטופּט זיך אויך אַריין
אַ שטיקל קעז, וואָס שטינקט,
אינאיינעם מיט אַ שטיקל ברויט אַ האַרטן.
וועקן זיי ווי פון אַ בייזן חלום אויף
די שמונה־עשרה אויך,
פאַרשאַרט זי אין אַ ווינקל זיך און וויינט,
בויגט זיך צו דאָס חזיר־פלייש
און שרייט אַריין אין אויער איר אַ ליד
וואָס איך האָב אין דער אָפּערע געהערט אַמאָל.
ציט זיך דער שמע ישראל אויס
ווי יעזוס אויפן צלם
און הויבט אָן יאָמערן זיין אלי, אלי.
נעמען זיך ביים האַנט
דאָס ברויט אינאיינעם מיטן קעז וואָס שטינקט
און רעווען הייזעריק ווי גוים צוויי באַטרונקענע,
די מאַרסעליעזע און נאָך עפּעס אַזוינע לידער — — —
דאַכט זיך מיר, אַז אַלע אָדערן
אין מיר צעשפּרינגען.
ווילט זיך מיר אַנטלויפן —
אויסבאַהאַלטן זיך וואו ערגעץ —
שליידערט מיך אַ האַנט אַ האַרטע, ווי פון אייזן,

אויף אַ דאַך אַרויף אַ שווינדלדיקן הויכן.
הער איך, ווי דאָס ברויט מיט קעז
און דער שמע ישראל און דאָס חזיר־פלייש
אינאיינעם מיט דער שמונה־עשרה אונטן
מאַכן אַ געוואַלד מען זאָל אַ לייטער ברענגען,
איך זאָל צוריק אַראָפּגיין.
איז נישטאָ אַזאַ מין לייטער.
לאָך איך פון דער הויך אַרונטער,
ביז סע הענגט אַרויס די צונג ביי מיר פון פּחד.
מיינען זיי, איך בין אַ שד געוואָרן,
וואָס ווייזט זיי גיהינום־קונצן ווי אַ קלאָון אין צירק.
שרעקן זיי זיך אונטן איטלעכער
אַזוי ווי איך דאָ אויבן
צווישן ערד און וואָלקנס.
צעשאַרן זיי זיך אין די ווינקלען אונטן
איטלעכער פאַר זיך און וויינען,
אַזוי ווי איך דאָ אויבן,
צווישן ערד און וואָלקנס. —



## מיינע רייד צו גאָלדע גאָלדינע

אַ כישוף-מאַכערין, גאָלדע גאָלדינע,
וואָס דו האָסט מיך אַהערצו אַריבערגעבראַכט,
ווארום מאַטערסטו מיך, אַ דערוואַקסענעם מענטשן,
מיט אַזויפיל חלומות נאַכט אויף נאַכט?

וואָס טויג מיר אין שלאָף דער אויטאָמאָביל
און צו וואָס די גראָבע קעשענע געלט,
מיט די דינער, וואָס שטייען ווי שטייפע לאָקשן
פון ביידע זייטן פאַלאַץ צעשטעלט?

איך געדענק, מיין אַלטער רבי רב אהרן,
האָט אויך זיין בהמה אָפּגענאַרט:
דערלאַנגט איר אַ צעבער מיט בולבע-שאָלעכץ,
ווען זי האָט אויף גראָז אַ זשמעניע געוואַרט.

אָבער ער האָט כאָטש געהאַט אַ טענה,
פון וואַנען זאָל ער איר נעמען גראָז,
אַז דער קאָמעץ-אַלעף-אָ איז זיין גאָרטן
און דאָס בידנע טייטל — זיין באַלעבאָס?

אָבער דו, אָ, גרויסע גאָלדע גאָלדינע, —
מיר דאַכט זיך דאָך נישט איינמאָל שיר,
אַז דו פאַלסט, ווי אונטער זיין לאַסט דער אייזל,
אונטער דיין גאָלד און בריליאַנטן-ציר.

נאָר טאָמער האָסטו אויף מיר פאַראיבל,
וואָס איך רייד אַזוי, — בין איך אַלעמאָל גרייט,
ווי מיין חבר, דער קראַנקער פּאָעט־אימפּעראַטאָר,
אויסצוצירן מיינע רייד.

ווען איך זע אים, דאַכט זיך, איך קוק אין שפּיגל,
און איך ווייס נישט, ווער ס׳איז דער מאַניאַק;
איך טראָג אין אַ האַנט־טאַש די מאַנוסקריפּטן, —
ער נייט זיי אַריין אין די פּאָלעס פון פראַק.

ער, ווען ער טראַכט, דאַכט זיך אויס, אַז ער גריבלט
מיט וואָס אַ פויגעלע פּי־פּי מאַכט.
און איך בין אויך נישט קיין גרויסער חכם,
ווען איך זיץ מיט אַ פינגערביים שטערן און טראַכט.

אים אָבער איז פאָרט נאָך בעסער:
ער האָט אין די הענט אַ גאָלדן פּאַך —
אַ שוסטער איז ער מאַכט הונדערט דאלער.
פאַר מיר איז דאָס פיל מער ווי אַ סך.

ער מאַכט בלויז שיך פון טייערן לעדער,
און שיכלעך פון גאָלד־געוועב און פון זייד,
פאַר געזונטע שיינע און רייכע פרויען,
וואָס האָבן זיך צו פוצן צייט.

איך אָבער — אַ חוץ וואָס מיין ווייבל
אַרבעט דעם גאַנצן טאָג אין פאַבריק,
דאַרף זיך שפּילן מיט רייד פאַר פּרנסה,
ווי אַן אַקראָבאַט אין אַ צירק אויפן שטריק.

אָבער נישט געננוג וואָס מען צאָלט מיר ווייניק,
פּאָלט מען נאָך אָן מיט גראָבקייט אויף מיר,
פאַרוואָס איך האָב טענות אַזוינע בייזע
צו אַלע וואָס זיינען רייך, און צו דיר.

נאָר פאַר די צייטונגסלייט דיינע גרויסע
בויג איך, — אָ, גאָלדע גאָלדינע, — מיין קאָפּ;
זיי האַלטן די צייטונג, ווי דער טראָן דעם קעניג,
און ווי אַן אָפּפירמיטל אַ קינד אויפן טאָפּ.

נאָר אַפילו איינעם פון די קאַרליקלעך דיינע,
וואָס נעמט זיך אָן פאַר דער רויטער פאָן,
אָ, זיי מיר מוחל, גאָלדע גאָלדינע,
צווישן לייז קאָן אויך זיין אַ טשעמפּיאָן.

איך קען אַפילו, ווען איך זאָל וועלן,
(צו טרייסטן מיין באַליידיקטע זעל)
אַ זאָג טאָן צו זיך, אַז אַ לייב דאַרף נישט קעמפן
מיט דעם קליינוואַרג, וואָס קריכט אַרום אין זיין פעל.

נאָר דאָס איז דאָך פאַקטיש נישט קיין אמת,
וואָרעם וואָלט איך טאַקע אַ לייב געווען,
וואָלט מען מיך דאָך אין אַ שטייג געהאַלטן,
און געלאָזט זיך באַצאָלן מיך צו זען.

און נישט מען וואָלט מיך געלאָזט אַרומגיין
אָט-אַזוי-אָ שוין פופצן יאָר דאָ אין לאַנד;
מיר קומט דאָך נישט איינמאָל אויס אין מיין פרייקייט,
כאַטש נעם און שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט.

בפרט אין אָוונט — ווען עס קומט מיין ווייבל —
איך וואַרט אויף איר ביים טראַמוויי זייגער זעקס.
איך שטיי דאָרט אַזוי ווי אַ טרעמפּ ביים פּענצטער
פון אַ רעסטאָראַן מיט פרישן געבעקס.

מיין ווייבל און איך ווילן קינדער האָבן,
ווי טאַטע־מאַמע האָבן אונדז געהאַט,
נאָר אַז אייביק לעבט מען ווי אין אַ האָטעל,
לעבט מען אַליין דורך אַ נס כמעט.

נישט איין מאָל אָבער ווײַנט דער אומעט
ביי מיין ווייבל פון איר פּנים אַראָפּ,
אַז מיר ווילט זיך, ווי מיין פעטער רב זרחי,
אונטערשאָקלען דערביי מיטן קאָפּ.

אַ מאָדנער ייד געווען רב זרחי,
פלעגט ענטפערן בלויז מיט אַ מאַך פון אַ האַנט;
און אַראָפּגעוויינט האָט פון אים תמיד זיין גרויקייט,
ווי דער שטויביקער מזרח פון דער וואַנט.

נאָר איך בין, ווייזט אויס, פאַרדאָרבן טאַקע —
אָט גיב איך פון ווענן דעם מזרח אַ טראַכט,
און מיר ווילט זיך דערביי שוין חוזק מאַכן
פון די לייבן, ווי אַזוי מען האָט זיי געמאַכט.

איין לייב, דאַכט זיך, חוזקט אַליין פון זיין אויסזען; —
ווי אַ קאָטער קוקט ער פון מזרח אַראָפּ.
און ווי ס׳היטל ביי אַ היימישן שניידערל, זיצט
דאָס קרוינדל ביים צווייטן אויפן קאָפּ.

מען טאָר זיך ניט טשעפּען מיט מזרח־לייבן,
נאָר איך שרעק זיך נישט, אויב איך האָב זיי פאַרשעמט.
זיי קאָנען נישט קומען ביי נאַכט און מיר ווערגן, —
זיי זיינען אַזוי ווי איך געליימט.

נאָר זיי האָבן כאָטש אונטער זיך די לוחות,
איבער וועלכע זיי קוקן פון מזרח אַרויס;
איך האָב אין מיין פענצטער אַ וואַנט אַ טויטע
פון אַ זיבעצנגאָרנדיק היגן הויז.

וואָלט דאָ כאָטש געווען מיין חבר משה —
מיר זיינען שוין ביידע מער נישט יונג.
נאָר ווען מיר טרעפן זיך, ווייזן מיר זיך
אויס לאַנגוויל, איינער דעם צווייטן די צונג.

און אַמאָל אויך שפּילן מיר זיך אין צאַפּעס,
מיר בויגן זיך איינער צום צווייטן אַראָפּ
און פאַרהערן זיך, ווער סע קאָן העכער שפּרינגען
און בעסער זיך דוצקען מיטן קאָפּ.

און דעמאָלט ווערט פריילעכער טאַקע אַביסל,
ווייל מיר טרעטן נישט אָפּ — נישט ער, נישט איך —
ביז מיר האָבן נישט ביידע, שטערנס ווי פּענכערס. —
נישט אַלע טאָג אָבער טרעפט מען זיך.

און סוף כל סוף, אַ, גאָלדע גאָלדינע,
בין איך אין אָט דער גרויסער שטאָט
אַליין מיט זיך, ווי להבדיל אַ באָד־גוי
ווען קיינער איז נישטאָ אין באָד.

ווי דער באָד-גוי מיט זיך אַליין אין דער פּאַרע
מיטן בעזעם אויפן נאַקעטן בויך,
שטיי איך און שאָקל זיך פאַר לאַנגווייל,
פאַרהילט פון מיין אייגענעם לולקע-רויך.

און טראַכט איך פון דיר, אָ, גאָלדע גאָלדינע,
אָדער איך רעד צו דיר ווי אַצינד,
פאַרשרייב איך דאָס נאָכדעם, אויך פאַר לאַנגווייל,
אויף מיין גאָלדן פּאַפּיר, מיט מיין רויטן טינט.



## ווי אַזוי מען מאַרטשט באַגונץ אין אַמעריקע

— זייט-זשע מוחל, מיסטער קראָכמאַל, שטייט שוין אויף,
געגאָסע דזשייק, אָט יענער מיטן קוויטשנדיקן קול
און מיטן בלינדן אויג, איז היינט שוין דאָ געווען צום דריטן מאָל.
ער האָט געזאָגט: מען שטעלט זיך שוין צונויף,
און אַז מען ווארט אויף אייך.
טאָ זייט-זשע מוחל, טאַקע גלייך
און טוט זיך אָן,
און נעמט מיט זיך — האָט ער געזאָגט — די נייע גרויסע פאָן,
ווייל ערשטנס וויל דאָס מיסטער טשוואַק, דער פרעזידענט,
און צווייטנס איז זי טאַקע נישט קיין דרוק,
נאָר אמתער געוועב, איר רויטקייט וואָלט די גאַס פאַרבלענדט.
נאָר אויב איר האָט חלילה נישט קיין כוח גענוג,
וועט מוזן גוט זיין אויך
די קלענערע, די אַלטע מיט דער לאַטע.
זי איז אוודאי שוין אַ שמאַטע
און איז שוין געל כמעט, נאָר אין דער הויך
דערקאָנט מען ניט, — האָט ער געזאָגט.
ער האָט אַפילו זיך דאַביי אויך שטאַרק געקלאָגט,
פאַרוואָס ס'איז היינט קאַלעמוטנע — קיין ליכטשטראַל זון נישטאָ.
נאָר גאָט אַ דאַנק, אַבי אַ פערד איז דאָ.

מען האָט זיך שוין געשראָקן, אַז דער מאַרשאַל סטראַפּטשע,
וואָס איז קראַנק
שוין דריי יאָר לאַנג
אויף רומאַטיזם, נעבעך, וועט מוזן גיין צופּוס.
ער האָט אויך מיטגעבראַכט
אַ שיינעם גרוס
פון פריילין ציפּעלען — פון דער, וואָס איז אין פּאַרק ביי נאַכט
מיט אייך געזעסן.
און פון צאַצעליזם אַזוי שיין גערעדט,
ווען איר האָט זי געגלעט.
און אַכרענאַכרענכאָוויף, זאָלט איר נישט פאַרגעסן, —
האָט ער אָנגעזאָגט — די לענטע אויפן יאַקל,
און לעמאַנישעם אויך מיטנעמען מיט אַלץ אינאיינעם
דעם קליינעם
און דעם גרויסן פּאַקל.

אָט-אַזוי האָט זונטיק אין דער פרי, די מיסעס האַצמאַך
זיך טאַקע אין דער לענג און אין דער ברייט געשטרעקט —
ביז זי האָט מיט אַ קניפּ אין פּופּיק, אויפגעוועקט
איר זיסן באָרדער, מיסטער קראָכמאַל,
אַן ערך-מעמבער פון די פּראָגרעסיוו-יאָנגמען
וואָס רופן זיך באַקונין-אַסאָסיישן, ברענטש בראָנזווילקע-טאָן.
אַזוי ווי אָבער ער, דער זיסער, האָט געוואוסט
אַז ר'האָט נאָך צייט צו כאַפּן מיט דער אונטערבאַן
שפּעטער מיט אַ שעה, דאָס פאַרגעניגן, —
האָט ער דערווייל זיך לייטיש אויסגעשפּיגן, —
און זיך אויסגעהוסט, —
דערנאָך האָט ער ווי תמיד מיט אַ שמייכעלע
פאַרקוועטשט די אייגעלעך,
און זיך מיט פינגערלעך ווי בייגעלעך

אַרומגעקראַצעניעט, אַוואו מען האָט געדאַרפט —
און מיט אַ גענעצל, וואָס כאַפּט אין טאָן אַן ענלעכקייט
צום יעשטשע־פּאָלסקע־מאַרש דעם שאַינעם —
האָט ער אַרויסגעשטרעקט דאָס פּלייצקעלע פון בעט,
און ווי מען גלעט אַ ווייב אַ פּעטינקע
האָט ער דאָס קישעלע צוקאָפּנס נאָכדעם אַזוי לאַנג געגלעט,
ביז ער איז אַזוי פּאַמעלעך־פריילעך אין זיין חלום
ווידער איינגעשלאָפעניעט בשלום.

צו וואָס מיר האָבן דאָס דערציילט —
אויב עמעץ וועט דאָס וועלן פרעגן,
זאָגן מיר אים בעסער גלייך —
גלאַט־אַזוי־זיך, פון שיינקייטסוועגן.

## האַרשבער דער קוילנטרעגער

— און דער קוילנטרעגער האַרשבער האָט צעשפּרייט זיינע צוויי שוואַרצע שווערע הענט און צו דעם יונגן בלייכן ריטער, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים געבויגן, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז מיד און אַז ער קאָן פאַר קיין פאַל נישט קומען צו דער חתונה.

נאָר אַז דער יונגער און בלייכער ריטער האָט איבערגעחזרט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

— סטייטש, וואָס וועט דער קיניק זאָגן?

און סטייטש, דער קיניק וועט דאָך ברוגז ווערן?

און סטייטש, וואָס פאַר אַ חתונה וועט דאָס זיין, אַז ער, דער בכבודיקסטער מחותן וועט פעלן?

און היינט די כלה — די פּרינצעסין — פאַרוואָס קומט דאָס איר אַזאַ ביטער מזל? און זי וועט דאָך וויינען, יאָמערלעך וויינען?

— אַלץ אמת, אַלץ אמת! — האָט האַרשבער דער קוילנטרעגער צוגעגעבן, — אָבער, — און דאָ האָט ער ווידער צעשפּרייט זיינע צוויי שוואַרצע שווערע הענט, — ער קאָן נישט: ערשטנס, איז אים גלאַט דער קאָפּ נישט דאַביי.

און צווייטנס, ווייסט דאָך דער קיניק גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ פאַרהאַרעוועטער מענטש — קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס.

פאַרנויגט זיך דער יונגער און בלייכער ריטער נאָכאַמאָל און טאַקע זיבן מאָל נאָכאַנאַנד און מיט אַ האַנט באַוועגונג, וואָס מען זעט דאָס נאָר ביי אַזוינע לייט, און מיט אַ שמייכל וואָס איז ליכטיק ווי זיבן זונען, לאָזט ער וויסן דעם קוילנטרעגער האַרשבער, אַז אין דרויסן וואַרט אויף אים אַן עקיפּאַזש מיט פיר פּאָר פערד, — טאַקע דעם קיניקס אַליין און טאַקע מיט זיינע אייגענע לייבדינער.

זעט דאָך שוין האַרשבער, דער קוילנטרעגער, אַז סע גייט דעם קיניק אין לעבן, וויל ער אים דאָך נישט פאַרשעמען, בלייבט ער שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און איז זיך מיישב מיט זיך אַליין, צי ער זאָל גיין אָדער צי ער זאָל נישט גיין.
נאָר אַז ער דערפילט ווי די אויגן קלעפּן זיך ביי אים, קומט ביי אים אויס, אַז ער דאַרף נישט גיין.
נאָר אַז ער דערמאָנט זיך, אַז די כלה, די פּרינצעסין, וועט וויינען, קומט ביי אים אויס ,אַז ער דאַרף יע גיין.
נאָר אַז ער דערמאָנט זיך אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג, און אַז ער וועט דאַרפן שטיין אויף די פיס נאָך איידער דער האָן וועט אַ קריי טאָן, קומט ביי אים אויס, אַז ער דאַרף אוודאי נישט גיין.
נאָר אַז ער גיט אַ טראַכט וועגן דעם עקיפּאַזש, וואָס וואַרט אויף אים, און טאַקע מיט דעם קיניקס אייגענע לייבדינער, זעט ער דאָך, אַז ווען עס זאָל אַפילו דונערן און בליצן, וועט ער זיך שוין פון דער דאָזיקער חתונה נישט אַרויסדרייען. הויבט ער אויף דעם קאָפּ און גיט אַ זיפץ דעם יונגן בלייכן ריטער גלייך אין פּנים אַריין, און מיט זיינעביידע שוואַרצע שווערע הענט אויפן וועסטל־שפּענצער ביי דער ברוסט, זאָגט

ער צו, אַז ער וועט אַריבערקומען, — ער גייט זיך איבערטאָן.

און מיט שווערע פּאַמעלעכע טריט, ווי געוויינלעך ביי נאַכט, ווען האַרשבער, דער קוילנטרעגער איז מיד,
שלעפּט ער זיך אַוועק אין יענעם פינצטערן ווינקל אַריין,
וואו עס ליגן די עטלעכע שמאַטעס אויף דר'ערד.
און איידער נאָך ער פּאַספּייעט אַראָפּצושלעפּן
פון זיך דעם צווייטן שטיוול, ליגט ער שוין מיט זיינע
ביידע שוואַרצע שווערע הענט אונטערן קאָפּ,
און מיט דער באָרד אַרויפצוצו און שלאָפט
מיט אַזאַ געשמאַק און אויף אַזאַ הויך קול, אַזוי ווי
ער וואָלט דעם קיניק קיינמאָל אין זיין לעבן גאָרנישט
נישט צוגעזאָגט.

## די ר״ר־רייד פון מאָרדאָוועץ באַרנולע
## איבערן קבר פון אַ לאַדזשן-ברודער

אַפילו איבער מענטשן רויטע, ווי די בערן —
אַזוי זאָגט מאָרדאָוויעץ באַרנולע —
קען מען שוין דעם מלאך המותם פליגל הערן,
ווי איבער אַ נבלה אין דער זון
די זשומענדיקע פליגן.

נאָר פליגן, אַ כאָליערע, לאָזן זיך פאַרטרייבן, —
אַזוי זאָגט מאָרדאָוויעץ באַרנולע —
אַ ווייב אָבער אַזאַ מיט קינדער, וואָס פאַרבלייבן,
קומט אוים, כאָטש נעם צעשנייד פאַר זיי, ווי ברויט,
דעם מת — דעם ליך דעם וויסטן.

נאָר ס׳איז דאָך אפשר טאַקע, ווי אַ הונט צו וואָיען, —
אַזוי זאָגט מאָרדאָוויעץ באַרנולע —
עס וועלן דאָך היינט־מאָרגן שוין אין אונדז זיך ראָיען
די ווערעם אויך — אַ פלאָנטער אָט־אַזאַ,
ווי רייד פון אַ צעדולטן.

נאָר וואָס? — אַז בלוט אַפילו פליוכעט פון די אויגן! —
אַזוי זאָגט מאָרדאָוויעץ באַרנולע —
אַז פונקט ווי נאָך אַ גרויסער שיסל הערינג־רויגן,
וואָס מ׳האָט צו וועטשערע געפרעסן, — ברענט
אין האַרצן די גריזאָטע.

נאָר אייביק קאָן מען דאָך נישט רעווען נאָך אַ טויטן —
אַזוי זאָגט מאָרדאָוויעץ באַרנולע —
דערפאַר אַהיים, דו ווייב! אין אַ קאַפּטאַן אַ רויטן
קריך אַריין, און זוך דיר אויס אַ מאַן,
אַ טאַטן פאַר די קינדער.

מען קאָן די וועלט נישט איבערמאַכן, — אַ כאָלעריע, —
אַזוי זאָגט מאָרדאָוויעץ באַרנולע —
און וויינענדיק — און טאַקע ווי מיט בערן־לאַפּעס שווערע
גלעט ער איטלעכס יתומל דאַביי — — — —
און גיט אַ פּעני — — — —


מיר
געפעלט דאָס
נישט

## דער מענטש דער אַף

דער מענטש, דער אַף, האָט צום ערשטן מאָל
דערזען דעם העלפאַנט אין דער נאַכט;
האָט זיך אין דער פינצטער אים אויסגעדאַכט,
אַז דער העלפאַנט גייט אָנגעטאָן אין הויזן.
האָט ער וועגן דעם אַזוי לאַנג געטראַכט,
ביז ער האָט פון פייגנבלעטער פאַר זיך
אויפגענייט הויזן, אַ העמד און שיך,
און אַן אונטערהעמד און אַן אויבערקיטל,
און אַ היטל און אַ יאַרמולקע אונטערן היטל.
דער מענטש — דער אַף.

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, — צום ערשטן מאָל
דערזען די לבנה אין דער הויך,
האָט ער צוגעהאַלטן דאָס ווייב פאַרן בויך
און איר אָפּגעסמאַליעט די האָר פון פּנים,
און דערנאָך — כדי זי זאָל בלישטשען אויך —
האָט ער קאַלך צעפּירט, און זי באַשמירט,
און מיט גאָלד — וויפיל ר׳האָט געהאַט — באַצירט.
און אַז ז׳האָט נאָך דעמאָלט אויך נישט געבלישטשעט,
האָט ער, געריטשעט און געפּישטשעט
דער מענטש — דער אַף.

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, — צום ערשטן מאָל
דערזען די זון, ווי זי גייט אויף
צווישן באַרג און הימל, וואָס קומט זיך צונויף,
האָט ער — מיט די פויסטן אַרויף — געשוואוירן
אַז ער מוז אויך אַהין אַרויף.
און זינט דעמאָלט לויפט ער, און האָט נישט קיין צייט,
פון מזרח-זייט צו מערב-זייט —
און די זון גייט אויף און די זון גייט אונטער,
און ער קריכט אייביק אַרויף און אַרונטער,
דער מענטש, דער אַף.

## די באַלאַדע פון דעם אומגליקלעכן קיניק

אויב דער קיניק וועט דאָס אַריבערטראָגן,
וועט ער שטאַרקער זיין פון אייזן:
דער שטערן, וואָס זיינע חכמים זוכן,
וויל זיך נישט באַווייזן.

דער שטערן — דער סימן, אַז גאָט האָט דעם שונא
אין זיינע הענט איבערגעבן
שוין זיבן נעכט אַז עס זוכן אים אויבן
די חכמים, וואָס האָבן פאַרמשכנט דאָס לעבן.

נאָר וואָס טויג דעם קיניק זייער לעבן,
אַז די פערד זיינע שטייען אין די שטאַלן,
און ביי די ווייבער ליגן די העלדן,
וואָס דאַרפן דעם שונא באַפאַלן?

און ער האָט דאָך ביי גאָט געשוואוירן,
נישט קיין טראָפּן וויין אַזוי לאַנג צו געניסן,
ביז עס וועלן זיך זיבעצן טויזנט שעפלעך
פון דעם שונאס בלוט נישט איבערגיסן.

און ער האָט דאָך גאָלד באַצאָלט פאַר די שעפלעך
און פאַר באַנדערס געמאַכט אַלע אונטערטאַנען;
און כדי מען זאָל צונויפברענגען גיכער,
האָט ער באַצאָלט פאַר עקסטרע־באַנען.

איצט ליגן זיי גאַנצע בערג אין דרויסן,
און די חכמים ווי בלינדע בערן,
פאַררייסן זייערע קעפּ, די פּאַסקודנע,
און קאָנען נישט געפינען דעם שטערן.

נאָר אפשר איז דאָס ביי די חכמים
אַ פּשוטער אָנשטעל אַזאַ אינגאַנצן?
און זיי שפּרינגען כלומרשט צו זוכן דעם שטערן,
ער זאָל נישט דערקענען, אַז זיי טאַנצן.

מען זאָל עפּענען אַ באָד אַ גרויסע
און דער קיניק זאָל אַ בעדער ווערן?
אפשר האָט מען אָן אָפּמאַך געשלאָסן,
בעת מען האָט כלומרשט געקוקט צו די שטערן,

נאָר דאָס מיינט דאָך, אַז פּשוט מען איז פון זינען;
ווייל אָנשטאָט צו מאַכן פאַר אים אַ וואַרע,
וועט ער מיט דער קרוין אויפן קאָפּ גאָר דאַרפן
אַרומגיין ביים אויוון און מאַכן פּאַרע.

נאָר אַפילו ווען ער וואָלט שוין באַשטאַנען,
דאַרף מען דאָך די באָד ערשט מאַכן,
בויען הייסט עס. איז וואו וועט מען נעמען
ציגל און די אַנדערע זיבן זאַכן?

עס ליגט דאָך דאָס גאַנצע גאָלד אין די שעפּלעך,
וואָס ליגן אין דרויסן דעם פּאַלאַץ אַנטקעגן;
און מען האָט דאָך אים מיטן האָלץ באַשווינדלט, —
ס'עט דאָך פוילן שוין ביים ערשטן רעגן.

און וואָס וועט ער טאָן מיט זיין אייגענער שבועה?
ער קען דאָך אפילו צו דער שיסל
זיך נישט צורירן — אויב ער האָט נישט קודם
גוטן וויין — כאָטש אביסל.

נאָר דאָ טאָקע ברעכט שוין די הענט דער קיניק,
און בויגט זיך (מיט טרערן אין ד׳אויגן) אין דרייען.
און עס דאַכט זיך אום שיר, אַז אָט וועט ער אַליין זיך
ווי אַ ווילדער משוגענער צעשרייען.

שונא-שמוינע — שעפּלעך-שמעפּלעך —
צו וואָס האָט ער דאָס איינגאַנצן באַדאַרפֿן?
און צו וואָס נאָך די שבועה? ער האָט דאָך ממש
אַליין די קרוין אַוועקגעוואָרפֿן.

און אפילו די סוואָלאַטשעס די חכמים,
וואָס טאַנצן פֿאַר נחת אַצינד ווי די בערן —
זיי וואָלטן אים דאָך געטריי געבליבן
ווען ער זאָמלט זיי נישט, צו זוכן דעם שטערן.

## די מעשה מיט דער וועלט

— איך באַפעל מען זאָל איינגעמען די וועלט,
האָט דער קיניק געזאָגט.
איז דאָס לאַנד געוואָרן געוואויר דערפון,
האָט די מאַמע איר לעבעדיקן זון
ווי אַן אמתן טויטן באַקלאָגט.
אָבער דאָס אַקעראייזן אין פעלד,
און די מויז אין קאַמער
און די זויל אונטערן שוסטערס האַמער,
האָבן שטילערהייט געלאַכט
— ווען מען האָט זיי די בשורה געבראַכט
די דאָזיקע פינצטערע בשורה.

איצט האָט מען שוין איינגענומען די וועלט.
וואָס זאָל מען טאָן מיט איר?
זי קאָן נישט אַריין אין דעם קיניקס שלאָס.
מען האָט פאַרגעסן צו נעמען אַ מאָס
פון דער וועלט — ווען מען האָט געמאַכט די טיר.
אָבער דאָס אַקעראייזן אין פעלד,
און די זויל אונטערן שוסטערס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
קייקלען זיך פאַר געלעכטער שוין.
סע ציטערט אַזש ביי דעם קיניק די קרוין
פון זייער פאַרשייט געלעכטער.

די הויפּליים מיינען, די וועלט זאָל דערווייל
אַ באוואַכטע אין דרויסן שטיין.
נאָר דער קיניק איז ווי דער טויט אַזוי בלאַס.
ער האָט מורא די וועלט קאָן נאָך ווערן נאַס
ווען עס וועט אַ רעגן גיין.
אָבער דאָס אַקעראַייזן אין פעלד,
און די זויל אונטערן שוסטערס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
לאַכן אַזוי, אַז עס איז שוין אַ שרעק.
זיי שטאַרבן שיר פאַר געלעכטער אַוועק,
וואָס די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן.



## אייבי קירלי, דער מלחמה-העלד

אייבי קירלי, דער מלחמה-העלד,
מיט די מעדאַלן אויף דער ברוסט, און מיט דער קוליע,
מאַכט דאָס לינקע אויג צו ווען ער וויינט.
נעכטן אָבער, אין אַ מיטן מיטוואָך,
האָט ער אין מיטן נאַכט אַ יום-טוב זיך געמאַכט, —
זיבן לעבעדיקע זשאַבעס אויפגעגעסן.

זיבן מאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט,
אַז בלויז דער נאַכט-ווינט וויינט ביי מיר אין גאָרטן.
נאָר איך האָב נישט געפּרואווט ביי זיך אַפילו פרעגן,
פאַרוואָס ער וויינט.
אים פאַרדריסט אפשר,
פאַרוואָס ער קאָן די בלומען נישט באַוועגן
אין מיין גאָרטן.
זיי זיינען שטיינערדיקע, — אַזוי האָב איך זיי אויסגעטרוימט.

נאָר מאָדנע ווי דאָס זאָל נישט זיין,
נישט דער נאַכט-ווינט — אייבי קירלי האָט געוויינט.
איטלעכס מאָל, ווען ער האָט איינע
פון די לעבעדיקע זשאַבעס אויפגעגעסן,
האָט ער באַוויינט איר טויט.

איצט זיצט ער ווידער אין דער זון
און ווארט, די קינדער זאָלן קומען
זאָגן אים „גוט מאָרגן!"
ער האָט זיי ליב.
זייער ווארעמקייט דערמאָנט אים אָן זיין ווייב —
די ווילדע באַרלאַ.
אים, לאַכנדיק, אַמאָל אַ בים געטאָן אין מאָרדע.
נאָר דעמאָלט האָט ער נאָך געהאַט זיין קאַטערינקע,
און אַ פאַווע־פעדער אין זיין גרינעם קאַפעליוש,
און הויזן ענג־געפאַסטע,
און די שטיוול —
ווי אַ שפיגל האָבן זיי געפעכלט אין דער זון.
היי, מיין באַרלאַ!

אייבי קירלי טאָר זיך נישט דערמאָנען וועגן גליק,
ווייל ער שרייט
און דערנאָך, אַז ער פאַרהוסט זיך, שפייט ער בלוט.

אַזוי איז אָבער אייבי קירלי נישט קיין בייזער,
בלויז דאָס לינקע אויג פאַרמאַכט ער
ווען ער וויינט
מיט די מעדאַלן אויף דער ברוסט און מיט דער קוליע.

## דער פּאַסקודנער בעטלער

אַ שיינער ווינטער־טאָג אין דרויסן,
שטרעקט דער קיניק אַרויס אין דרויסן
זיין האַנט צו אַ בעטלער, וואָס טוט צעשטויסן
פּאַר קעלט דעם שניי מיט די פּיאַטעס.

ווייסט נישט דער בעטלער, אַז דאָס איז דער קיניק;
בוקט ער זיך און פרעגט ביים קיניק,
וואו עס וואוינט דאָ דער הויף־האַר אונטערטעניק,
וואָס האָט זיין ציג ביי אים צוגענומען.

קאָן זיך דער קיניק די זאַך נישט דערקלערן,
הייסט ער דעם בעטלער, ער זאָל דערקלערן.
לאָזט דער בעטלער דעם קיניק הערן
אַט־וואָס פאַר אַ מעשה:

ער האָט נישט געהאַט קיין צינז צו באַצאָלן,
האָט מען געשמיסן ער זאָל באַצאָלן.
ביז דער הינטן איז געוואָרן געשוואָלן
און די ציג האָט מען צוגענומען.

האַלט דער קיניק איין זיינע טרערן,
ווייל דאָס טוט אים וויי, האַלט ער איין זיינע טרערן;
און צו טרייסטן דעם בעטלער לאָזט ער אים הערן,
אַז דער בייזער הויף־האַר איז שוין געשטאָרבן.

דערהערט דאָס דער בעטלער, פאַרהויבט ער זיין קיטל,
ביז צו די אויגן אַרויף זיין קיטל;
קומט אים אוים פאַרדעקן זיין שוים מיטן היטל.
פאַרדעקט ער און ער יאָמערט.

שטייען די הויף-לייט און וועכטער און לאַכן,
הייסט דער קיניק זיי זאָלן נישט לאַכן;
פרואוון זיי טראַכטן פון אַנדערע זאַכן,
פון לאַכן זיך אָפּצוהאַלטן.

פאַרהויבט אָבער דער בעטלער זיין קיטל,
נאָך העכער צו די אויגן זיין קיטל,
און ער האַלט אויף זיין שוים נאָך אַלץ דאָס היטל
מוזן זיי דאָך שוין ווידער לאַכן.

טוט אוים זיין קרוין און מאַנטל דער קיניק,
און ער טוט אָן דעם בעטלער פאַר אַ קיניק,
און ער בוקט זיך פאַר אים אונטערטעניק,
און ער הייסט אים, וואָס ער וויל באַפעלן.

טראַכט דער בעטלער, וואָס זאָל ער באַפעלן;
טראַכט ער און טראַכט וואָס ער זאָל באַפעלן,
ביז ער זעט אוים מיט זיין פנים דעם געלן,
אַזוי ווי אַ וואַקסענער קיניק.

נעמען הויף-לייט און וועכטער קוקן
אויף דעם בעטלער אין קרוין און מאַנטל קוקן;
ביז זיי הויבן זיך אָן פאַר אים צו בוקן,
ווי פאַר אַן אמתן קיניק.

איז דער בעטלער געשטאַנען, געשטאַנען,
אַזוי לאַנג פאַרטראַכטערהייט געשטאַנען,

ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז פאַראַנען
אַ ווייב אין דער היים מיט קינדער.

איז אים דאַביי אַרויף אויפן זינען,
די ציג מיט דער מילך אַרויף אויפן זינען;
האָט ער באַפוילן, מ׳זאָל זי געפינען
און זי ברענגען אויף אַ שטריקל.

האָט מען געבראַכט, האָט ער צוגעהאַלטן,
די קרוין מיט איין האַנט צוגעהאַלטן,
און די אַנדערע האָט ער אין דעם קאַלטן
שטריקל אַריינגעפלאָכטן.

האָט אָבער דער מאַנטל אים נישט געלאָזן,
אַ שפּאַן טאָן אַ לייטישן נישט געלאָזן.
און דער ווינט האָט שניי אַריינגעבלאָזן
דורך דער קרוין, דורך אַלע לעכלעך.

האָט ער געטראַכט ער וועט דאָס פאַרקויפן
פאַר אַ פעלץ און פאַר אַ פאָר שטיוול פאַרקויפן;
וועט ער אין דער קעלט מער נישט דאַרפן לויפן
און נישט מיט די הענט זיך פאָכן.

איז ער אַוועק צו דעם ייִד מיטן בערדל,
צו סראַליק דעם ייִד מיטן קאָזע בערדל;
האָט אים יענער צוגעגעבן אַ פערדל
מיט אַן אָקער־אײַזן צום פעלץ מיט די שטיוול.

איז דער בעטלער זיך שוין אַהיים געריטן,
ווי אַן אמתער פריץ אַהיים געריטן;
און איבערגעלאָזן אין מאַרק אין מיטן
סראַליק דער ייִד מיט קרוין און מאַנטל.

איז דער קיניק דערפון געוואויר געוואָרן
און איז אויף דעם בעטלער ברוגז געוואָרן,
און איז אויך אַריין אין אַ גרויסן צאָרן
אויף סראָליק דעם ייד, פאַרשטייט זיך.

נאָר אַז דער קיניק איז נאַקעט אינגאַנצן,
קאָן ער דאָך גאָרנישט אַרויסגיין אינגאַנצן;
האָט ער אָנגעהויבן פאַר פערעניש טאַנצן
אין אייגענעם גאָלדענעם פּאַלאַץ.

האָט אָבער סראָליק געטאַנצט נאָך בעסער,
אין מיטן מאַרק, אין דער קעלט, נאָך בעסער;
האָט מען געמיינט, ס׳איז אַ טאַנץ פּראָפעסאָר,
וואָס טאַנצט מיט קרוין און מאַנטל.

האָט סראָליק אוודאי אויפגעהויבן
די קרוין און מאַנטל אויפגעהויבן;
און גענומען דאָס גאָלד און דעם סאַמעט לויבן
אַזוי ווי אַן אמתער סוחר.

נאָר אַז ער פרעגט, ווער ס׳וויל עפּעס געבן
פאַר קרוין און מאַנטל — און מען וויל נישט געבן
ווייל ביי יעדן איינעם איז טייער זיין לעבן
און מ׳האָט מורא מען וועט זיך זאַראַזען.

האָט אַוודאי סראָליק חרטה באַקומען,
נישט מעשה סוחר, חרטה באַקומען;
האָט ער אָנגעהויבן אונטערברומען
ווי אַן אמת בערעלע טאַקע.

איז אַוועקגעפלויגן די שוואַרצע וואָראָנע,
צום בעטלער אַהיים, די שוואַרצע וואָראָנע;

צו וואָרענען אים, ווי פאַר אַ סכנה
פאַר סראַליקן און פאַר דעם קיניק.

האָט דער בעטלער געזאָגט, אַז עס אַרט אים ווייניק
די גאַנצע מעשה זייער ווייניק;
און עס גייט אים נישט אָן ווען אַפילו דער קיניק
זאָל דערפרוירן ווערן טאַקע.

און אויב עס ווילט זיך די ווינטן פייפן,
— האָט ער געזאָגט — מעגן זיי פייפן;
ער האָט אַ פעלץ, און די פיס פאַרשטייפן
קאָן נישט דער פראָסט — ער האָט אַ פאַר שטיוול.

און אַז ער האָט טאַקע גענומען שפאַנען,
און די שטיוול האָבן געסקריפעט ביים שפאַנען,
האָט מען דאָך געזען, אַז ס'איז טאַקע פאַראַנען
אין הימל אַ גאָט, וואָס פאַרלאָזט נישט.

איז די וואָראָנע אַוועקגעפלויגן;
צו אַ קוסט מיט דערנער אַוועקגעפלויגן;
און פאַר כעס זיך אויסגעשטאָכן די אויגן —
איז זי בלינד געוואָרן.

פליט זי דעמאָלט אַרום אין די וועלדער
אין אַלע וויסטע און פינצטערע וועלדער;
און זי קראַקעט ווי דאָס אייז אויף די פעלדער
ווען עס ברעכט זיך שוין הינטער פיאַטעס.

## די באַלאַדע פון דעם קיניק וואָס האָט אַליין
## געבראַכט די שיך צום שוסטער,
## ער זאָל זיי אים פאַרריכטן

די הענט און דאָס פּנים ווי סמאָלע שוואַרץ,
אָבער דאָס ליד וואָס ברענט אין האַרץ —
טראַסציאַ-טוואָיע-מאַטערי.
דער קיניק אַליין אין זיין גאַנצער פּראַכט,
האָט די שיך צו פאַררריכטן געבראַכט —
טראַסציאַ-טוואָיע-מאַטערי.
איז אָבער אַ יתום געקומען פריער,
לאָזט מען דעם קיניק שטיין ביי דער טיר —
שטייט דער קיניק שטאָלץ און שטייף,
גיט דער שוסטער ווי אַ באַן אַ פייף —
טראַסציאַ-טוואָיע-מאַטערי.

באַצאָלן דאַרף מען פאַר לאַטעס אויף שיך.
נאָר אַז עס מאַכט זיך, מען האָט נישט ביי זיך —
טראַסציאַ-טוואָיע-מאַטערי.
בעט זיך דער קיניק, צו רירן אַ שטיין,

— כ׳וועל באַצאָלן מאָרגן. לאָז מיך גיין —
טראָסציאַ־טוואָיע־מאַטערי.
שרייט דער שוסטער: באַצאָל מיר שוין.
און ער כאַפּט אַראָפּ ביי דעם קיניק די קרוין —
שטייט דער קיניק מיט די פאַרלאַטעטע שיך,
און דער שוסטער מיט אַ קרוין אויפן פליך —
טראָסציאַ־טוואָיע־מאַטערי.



## דער מוסר־זאָגער און פֿאַלשער פּאָעט

דער מוסר־זאָגער און פֿאַלשער פּאָעט, —
וואָס ווילן זיי פֿון דער אָרעמער וועלט?
און וואָס גייט דאָס משה לייבן אָן
וואָס מען האָט נאָך פֿאַר זיי נישט אויפֿגעשטעלט
קיין טראָן אויף אונדזער אָרעמער וועלט?

וואָס איז ער שולדיק, וואָס מען מיידט זיי אויס
און מען קוקט ווי אויף צעדולטע אויף זיי?
אַז מען הערט ווי זיי זיצן און שעלטן די וועלט
אין שענק אַפֿילו ביי נאַכט זייגער צוויי,
ווי קאָן מען אַנדערש קוקן אויף זיי?

וואָס ווילן זיי? די וועלט זאָל פֿאַר זיי
זיך בוקן ווי פֿאַר דעם גויאישן גאָט?
צי הענגען זיי דען אַזוי ווי ער
אויף אַלע וועגן פֿון דאָרף און שטאָט?
און וואָס — אַז מען איז שוין אַזאַ מין גאָט?

אַז מען הענגט שוין, וואָס קומט דערפֿון אַרויס,
וואָס אַ פּויער נעמט דאָס היטל אַראָפּ?
און וואָס וועלן זיי טאָן מיט דעם עקשן משה לייב,
וואָס בויגט (ווען ער זעט אַ געטשקע) זיין קאָפּ
פֿאַר בושה דוקא צו דר'ערד אַראָפּ?

און וואָס ווערן זיי דווקא אַזוי בייז,
ווען מען זאָגט זיי, זיי זאָלן עפּעס טאָן?
יעזוס איז אַ סטאָליער געווען
איידער ער איז געוואָרן גאָטס זון, —
מעגן זיי אויך דערווייל עפּעס טאָן.

און אויב שוין ווי יעזוס, — באַדאַרף מען דאָך
ליידן און בענטשן דאַביי די וועלט, —
פאַרוואָס-זשע דווקא זיינען זיי
פאַרכעס אַזוינע — וואָס נאָר מען שעלט,
ווייל עס בוקט זיך נישט פאַר זיי די וועלט?

איך וויים, מען וועט זאָגן: משה לייב איז גראָב,
ווען ער וועט דערמאָנען אַן אומריין אָרט,
נאָר — שטראָף אים גאָט — וואָס קאָן ער טאָן,
אז פון זייערע געשרייען הערט זיך פאָרט
אַזוינס ווי פון אַן אומריין אָרט?

עס טרעפט זיך אַמאָל, עס וועקט אונדז אויף
דאָס געוויין ביי נאַכט פון קאַץ און הונט,
ווייַנען מיר דעמאָלט אפשר אויך,
עס טוט אונדז דאָך ווייַ ווי אַן אייגענע וואונד
דאָס געוויין ביינאַכט פון קאַץ און הונט.

און אַפילו ווען אַ גאַסנפרוי וויינט,
וואָס מיר ווייסן אַז פאַלש איז איר געוויין,
בויגן מיר אפשר די קעפּ דאַביי
און מיר טראַכטן צי זיינען מיר נישט אַליין
שולדיק אין איר פאַלשן געוויין.

נאָר דער מוסר־זאָגער און פאַלשער פּאָעט, —
זייער געוויין איז אונדז אייביק פרעמד,
אַפילו אין נאַכט־אַזיל דער באָסיאַק,
וואָס טרייסלט אוים אויף אונדז דאָס העמד,
איז אונדז קיינמאָל נישט ווי זיי אַזוי פרעמד.

נאָר גאָט אַ דאַנק, וואָס דער אמת דערווייל
איז נאָך נישט אַזאַ דרויסנדיק ליכט
איבער דער טיר פון אַ נאַכט־אַזיל,
וואָס מען גייט פאַרביי ערגעץ אומגעריכט.
דער אמת דערווייל איז אַן אייביק ליכט.

אַן אייביק ליכט, ווי אין הימל די זון
וואָס וועקט אונדז אויף מיט איר מאָרגנשיין.
און דער פויגל ווייסט דאָך אַפילו נישט
אַז ער זינגט פאַר אונדז — געבענטשט זאָל ער זיין —
אויפן בוים ביים פענצטער אין מאָרגנשיין.

ווי דורך אַ וואונדער זינגט ער אַריין
אין אונדז דאָס גאָלדענע ליכט פון דער וועלט
און דעמאָלט בלאַנקט מיט איר אייזן און שטיין
די שטאָט אַפילו אַזוי ווי אַ פעלד,
ווען מיר זעען עס מיט דעם ליכט פון דער וועלט.

נאָר דעמאָלט פאַרשווינדן שוין כמעט
ווי אַ בייזער חלום די פאַרשאָלטענע צוויי, —
דער מוסר־זאָגער און פאַלשער פּאָעט.
אין דער ווייטקייט ערגעץ זעט מען זיי
שיר נישט ווי פליגנפינטלעך צוויי.

משה-לייבן טוט אפילו ווי,
פארוואס זיי זעען אוים אזוי.
זיי וואלטן דאך אויכעט שוין זיין געקאנט
ווען דער פויגל זינגט און דער הימל איז בלוי —
ווען זיי וואלטן נישט אויסגעזען אזוי.

נאר זיין פרוי איז אפשר טאקע גערעכט
מיט דעם וואס זי גלעט אים און בעט: אטקאן
— זיי ליגן דיר, זאגט זי, חלילה נישט
אויף די רעלסן און דו ביסט נישט קיין באן
און ווי שיין זי זאגט ארוים „אטקאן".

און דא זעט ער, אז ער איז טאקע א נאר
(אזוי זאגט אויף אים, ווער עס האט אים ליב),
האט א וועלט מיט ליכט און קוויטשקט זיך אוים
ווי א קינד מיט בלאטע אין א טאג, וואס איז טריב
מיט אזוינע וואס קיינער האט נישט ליב.

נאר דא לאזט ער ווידער ריידן זיין פרוי
וואס איז ליבער פון אים און בעסער אויך:
— ווי גרוים א רויך זאל נישט זיין, משה לייב,
איז נאך אלץ דא א הימל אין דער הויך,
און אזוי, זאגט זי, איז מיט אלצדינג אויך.

א מענטש זאל ליב האבן די זון
באדארף ער זען, אז ס'איז דא א נאכט.
און א טויטן באוויינט מען צוליב דעם,
מען זאל זיך פרייען מיט א קינד, וואס לאכט,
ווי מיט דער זון וואס פארטרייבט די נאכט.

## גריזלי דער בער —

האָט די נאַכט נישט געהאַט קיין לבנה־שיין,
איז גריזלי דער בער אין אַ זומפּ אַריין
ביים פיש־טייך, אונטער דער פעלזנבריק —
איז ער אַהיימגעקומען צוריק
אַ פאַרקילטער מיט אַ שווערן קאַטאַר,
האָט ער געברומט ווי אַ גראָבער זשאַנדאַר
ווען ר'איז אָנגעשיכורט, און האָט אין שטרוי
דריי לייזלעך אויפגעוועקט מיט אַ פלוי.
האָבן זיי קריכנדיקערהייט,
אין זיין בערישער פעל זיך אַריינגעדרייט.
האָט זיך גריזלים ווילדקייט אַזוי צעברענט,
אַז ער וואָלט אַ וואָלף צעריסן געקענט.
נאָר אַזוי ווי קיין וואָלף האָט ער נישט געזען,
ווייל קיין וואָלף איז טאַקע אַרום אים נישט געווען, —
און אַזוי ווי ער ווייסט שוין אַז לייזלעך און פליי
זיינען אַזוינע וואָס מען קאָן פון זיי
נישט פּטור ווערן אין מיטן דער נאַכט —
האָט ער ברומענדיק די אויגן פאַרמאַכט,
און מיט אַ לאַפּע דאָ און דאָרט
זיך אַ קראַץ געטאָן אויף יענעם אָרט,

וואו זיי האָבן אים אַ בים געטאָן —
און ווי נאָר ר'האָט דערשמעקט, אַז דער טאָג קומט אָן
איז ער — פאַרשטייט זיך — פון הייל אַרויס,
און זיך אויסגעשטרעקט אין גאַנצער גרויס,
און אויסגעטרייסלט פון פעל ווי מיסט
דאָס ביסל בייסעכץ, און זיך אויסגעניסט,
און אָפּגעטאָן אויך וואָס מען ווייסט שוין אַליין,
און דערנאָך ווי תמיד שווער און שיין,
מיט מאָרגנגאָלד אויף קאָפּ און קאַרק,
זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן באַרג,
און ווי תמיד, ווען די זון גייט אויף —
געלייגט זיך מיטן פּופּיק אַרויף.


פון

## דער חכם הארשל באַיער

מיט אַ בערדל ווי אַ רויטער מאַיער,
שאָקלט זיך דער חכם הארשל באַיער.

ער זאָגט תורה, די תלמידים הערן,
און זיי פאַלן פאַר אים אויפן שטערן.

האָט ער אָפּגעזאָגט אַ שטיקל תורה,
עסט ער אויף דאָס ליכט פון דער מנורה.

און פאַרבייסט מיט אייילבירטן אַ שיסל,
און ער זעצט זיך אָפּצורוען אַביסל.

אָפּגערוט, — באַטאַפּט ער זיך דאָס בייכל,
ווילט זיך, הייסט עס, נאָך עפּעס אַ מאכל.

ברענגט מען אים דעם קוקורוזע־קוכן
איז ער טרוקן, — הייבט ער אָן צו פלוכן.

זעצן זיך אַרום אים זיינע ווייבער,
גלאַנצט ביי זיי דער בוימל אויף די לייבער.

קנייפּט ער קוכן, און ער טונקט פאַמעלעך,
ווערט אים ווידער אויפן הארצן פריילעך.

עסט ער אָפּ — דער חכם הארשל באַיער —
טרינקט ער אוים אַ דראַצן, פאַרצן אייער.

ווישט זיך אָפּ די לעפּצן מיטן בערדל,
און ער חלומט פון משיח־פערדל.

וויל ער עס זאָל וואוילטאָן אים צו ליגן,
טרייבן שקלאַפן אָפּ פון אים די פליגן.

און עס טאַנצט און פויקט פאַר אים זיין גנענדל
מיטן יאַמשעמשטאָק אין קופּער־פענדל.

איז דאָך אים, דעם חכם האַרשל־באַיער
טאַקע זייער גוט, און זייער טייער.

קראַצט ער זיך פאַר וואוילטיק מיט אַ גופל
אין זיין שאַינעם ווייגאָרטן ביים נופל,

און ער לייגט זיין גנענדל אויפן בעטל,
און ער טוט איר אוים דאָס פייגנבלעטל.

און ווי שלמה אונדזער קלוגער קאַיניק,
זינגט ער שיר השירים אויסנוואַיניק.



## פאַראַד ניינצן-צוואַנציק

א קויטיק־אַלטע פּאָן ביי איינעם אויף אַ פערד,
וואָס לאָזט דעם קאָפּ זיינעם אַראָפּהענגען צו דר׳ערד.
נאָך אים אַ מחנה לייט, וואָס זעען אויס
ווי מתים עטלעכע וואָס האָבן
זיך אַליין פון קבר אויסגעגראָבן,
מיט קלעזמער עטלעכע פון הינטן און פאָרויס.
די קלעזמער וואַקלען זיך, און שלעפּן זיך, און שפּילן.
פּאַלט אָן אַ שלאָף אַזאַ אויף אַלץ אַרום,
ווי ביי דעם רעדער־זשום,
פון אַלטע וואַסער־מילן,
און די דערוואַרטונג, מיט אַ וויסטער בלוטנדיקער וואונד
אין סאַמע האַרץ, שטעלט אָן די אויערן
נאָכאַמאָל — און יאָמערט ווי אַ הונט
וואָס האָט אין מיטן וועג זיין האַר פאַרלאָרן.
און איבער אַלץ דער וואָלקן אין דער הויך,
וואָס ציט זיך ווי אַ רויך
פון ווייטע לענדער וואו
און איבער אַלץ די גולמדיקע רו,
וואָס דריקט ווי אייזן שווער
און גאַרנישט מער.

## די לעצטע

אָוונט-זון.
און אַלע פליגן אין די פענצטער-ווינקלען,
אין דער אָוונט-קעלט פאַרגליווערטע,
און אפשר טויטע שוין,
און אויפן ראַנד פון וואַסער-גלאָז — די לעצטע
איינע אין דער גאַנצער שטוב אַליין —
זאָג איך: זינג מיר עפּעס פון דיין ווייטן הײמלאַנד,
ליבע פליג.
הער איך, ווי זי וויינט און ענטפערט מיר:
אַז אָפּדאַרן זאָל איר דאָס רעכטע פיסל,
אויב זי וועט אָנרירן אַ סטרונע
ביי די פרעמדע וואַסערן
און אויב זי וועט פאַרגעסן
אָן דעם ליבן מיסטהויפן
וואָס איז געווען אַמאָל איר הײמלאַנד — — — —

## ער וועט שוין ניט קומען

איך האָב אין חלום היינט דעם אויסלייזער געזען:
די גאַנצע שטאָט כמעט איז אַרום אים געווען.
מיר האָט זיין לויטערקייט די אויגן שיר פאַרבלענדט,
נאָר זי מיין ווייב, מיין גאָלד, זי האָט אים שיר דערקענט.
און כאָטש זי האָט געהערט דעם אייזל ווי ער שרייט,
האָט זי פאַר המנען געהאַלטן דעם וואָס רייט,
און האָט דאָס נאַכטגעשיר אויף אים אַ וואָרף געטאָן.
האָט אַליץ פון גאַס זיך באַלד געריסן צום באַלקאָן —
כאָטש נעם און שלעפּ דאָס ווייב צו זיי אַרוים.
און ז׳האָט דאָך דאָס געטאָן פון מצוה-וועגן בלויז...
אַ נס, וואָס כ׳האָב געקאָנט אַ וואָרף טאָן אויך מיט געלט,
ווען נישט, ווייסט גאָט מיט וואָס איך וואָלט זיי אָפּגעשטעלט.
אַפילו ער אַליין איז אויך אויף דר׳ערד אַראָפּ.
ס׳איז אפשר טאַקע בלוט גערונען פון זיין קאָפּ
ער האָט זיך דאָך געווישט, און זיך אַרומגעטאַפּט,
און האָט מיט איין האַנט בלויז דאָס ביסל געלט געכאַפּט.
נאָר גאָט אַ לויב דערפאַר וואָס ר׳האָט דערצו געפירט
אַז ס׳האָט דער אייזל זיך אַליין צעגאַלאָפּירט, —
זיי זיינען באַלד אים נאָך, און מיט אַזאַ געלויף
אַז ס׳האָט דער שטויב פון גאַס אַ זעץ געטאָן אַרויף

ווי פֿאַרע פֿון אַ באָד, און מיט אַזאַ געוואַלד
אַז ס'האָט זיך אויסגעדראַכט די גאַנצע וועלט צעפֿאַלט.
עס האָבן שוין דערנאָך אַפֿילו גאַסן־הינט
דעם אייזל נאָכגעיאָגט... האָב איך דערווייל געשווינדט
אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך דער שלאַפֿראָק מיט די שיך,
און האָב אַביסל געלט צונויפֿגעזוכט פֿאַר זיך,
און אויפֿגעקליבן אויך די פּאות מיט די בערד
וואָס מ'האָט זיך אויסגעפּליקט אַרום דעם געלט אויף דר'ערד
און פֿונעם נאַכט־געשיר די שערבלעך אָפּגעראַמט,
און וואו אַ סימן נאָר — אַרויפֿגעשאָטן זאַמד,
זיי האָבן דאָך געקאָנט זיך אומקערן מיט זעק
ווי גוים אמתע — און אפשר אויך מיט העק,
אַ בייזער יאָר אויף זיי... זיי האָבן דאָך מיר שיר
די שויבן אויסגעהאַקט און איינגעזעצט די טיר.
עס האָט דאָך אויסגעזען אַז זיי האָבן מיר געוואָלט
דערהרגענען איוף טויט מיין אָרעם ווייב מיין גאָלד.
איר לעבן האָט דאָך שוין ווי אויף אַ האָר געשוועבט.
איך בין ווי אייזן שטאַרק, אַז כ'האָב דאָס דורכגעלעבט.
אַזוינע וועלף — — —
אַזוינע בעסטיעס — — —

## פרילינג, ניינצן-צוויי-און-צוואַנציק

אַ קראַנקער, וואָס שמייכלט אויפן טויטנבעט,
אַ מענטש, וואָס גייט אַרום מיט די הענט אין בײדע אַרבל
און שווייגט;
אַן אַלטער, וואָס קוקט אויף זיין דערהרגעטן זון
מיט אַ לולקע אין מויל;
ערגעץ אין דער וועלט זיינען זיי דאָך פאַראַן
אָט די אַלע,
און זאָל זיין, אַז ס'איז אַ ליגן —
און קיין שום שטיין אויף דער ערד וואַרט נישט,
דו זאָלסט דיין קאָפּ אָן אים צעשלאָגן;
אָבער אַרומגיין ביז מען ווערט אַלט
און נאָכדעם זיך וויגן און דערציילן פון אַמאָל,
ווייל קינדער האָבן ליב מעשהלעך אַזוינע? — —
קוק מיך אָן, מענטש, פון אומעטום:
איך וועל נישט שרייען אַז אַ פייער ברענט
אַרום דיין הויז;
ביים ברעג פונעם גרויסן ים זיץ איך,
און מיינע אויגן ביי מיר זעען אויס,
ווי צוויי גרויסע געשווירן
אַנטקעגן דער זון, וואָס גייט אויף.

איך זוך רייד און איך געפין
בלינדע פון שרעק אין מיר ווייטיקן,
און ווערעם וואָס קריכן אַרום
ווי אויף אַ טויטן.
וואָס זאָל איך טאָן? — פרעגט דאָס קינד
ביי דער מאַמען,
ווען דער קרעמער האָט אָפּגענאַרט.
איך האָב נישט ביי וועמען צו פרעגן.
און דער וואַנזין אין דעם גאָלדענעם דאַכשטיבל
האָט זיך איינגעשלאָסן אויף טויזנט ריגלען;
איז דער נעכטיקער טאָג ווי אַ וואָלף
באַפּאַלן און פאַרשוואונדן; —
נעמט ער גאַל און מאָלט גראָז,
נעמט ער געוויין און מאָלט טוי,
נעמט ער בלוט און מאָלט אַ זון, וואָס גייט אויף,
— פאַר וועמען?
פאַר דעם ווינט, וואָס שפּרינגט,
ווי אַ גרויסער בהמהניק אַרום
איבער אַלע ימען.
פאַר דעם קאָטער וואָס וואוינט
אויף די פאַרגאַנגענע מערץ-נעכט פון זיין לעבן;
פאַר דעם פּאָעט וואָס זינגט,
פאַר דעם צאָרן וואָס גראָבט
און פאַר דעם רחמנות,
וואָס לייגט שפּינוועבס צו די וואונדן פון דער וועלט —
גענוג!

# אין סוף פון די טעג

דער לעצטער מענטש —
אויפגעלאָדן שוין אַוועקצופליען,
די זיבן קאַסטנס חזיר-פלייש וואָס ער האָט אָנגעגרייט
אויף דריי יאָר צייט,
(ווייל אַזוי לאַנג וועט דויערן
דער וועג צו דער לבנה).
קוקט ער — מיט דער מאַסקע אויף זיין פּנים שוין —
נאָך איינמאָל זיך אַרום
אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט,
דערנאָך אַ פליגלשטויס —
און איבער אַלע וואָלקן שוועבט ער שוין — — — —
קוקט אים נאָך דער הונט,
וואָס איז געבליבן אונטן
איינער און אַליין —
זעט ער אים — אַ פויגל אין דער הויך,
זעט ער אים — אַ פּינטל, וואָס פאַרשווינדט,
זעט ער גאָרנישט מער.
לאָזט ער פאַלן פון זיין מויל אַרויס די ביבל,
וואָס מען האָט מיט אים אינאיינעם דאָ געלאָזן
און מיט זיין אויסגעשטרעקטן האַלדז צום הימל

וויינט ער דאָס געוויין דאָס שטומע
פון די חיות אַלע.
וואָס בלייבן דאָ אַזוי אַליין, ווי ער
האָרכן גראָזן, בוים און נעפּל איבער אים
און איבער זיי די זון אין בלוטיקן אָוונטגאָלד
דאַכט זיך שוין, אַז אויך דער אַף, דער וויסטער,
וואָס הויערט אויפן שפּיץ באַדג,
האָרכט מיט אויגן צוויי,
ווי אויפגעשוואָלענע אין בלוטיקן אָוונטגאָלד
דאַכט זיך ,אַז עס מאָנט די וועלט ביי אים,
אַז ער זאָל אויפשטיין, אויפשטיין, אויפשטיין,
און זאָל נישט צולאָזן, — דער הונגערטויט
זאָל אויפעסן ביי זיינע פיס דאָס ווייב
וואָס דאַרף דעם זון צו אים, דעם נייעם מענטש,
געבוירן.
און ער דווקא ווי אונטער אים דער שטיין
(מיט האָר אין ווינט ווי שפּיזן, רירט זיך ניט — — —)
און ווי אַ רויך פון וויטע פייערן וואָס לעשן זיך,
ברענט זיין אָטעם אין דער ליידיקייט אַריין
און יעדע האָר אויף אים באַזונדער וויינט
ווי אונטער אים דער הונט אין בלוטיקן אָוונטגאָלד — — —
און ווי די ביבל אויף דער ערד
אין בלוטיקן אָוונטגאָלד — — —

## די באַלאַדע פון מיין אומעט

הכלל, עס איז אומעטיק, ליבע ברידער.
הירש לייבל, מיין פעטער, דער זייפנזידער
איז טויט שוין דריי און דרייסיק יאָר
און ער, ווי מיר ווייסן, איז דאָך געווען
קיין עין־הרע אַן עסער טאָקע, —
איז אוודאי פון גאַנצן שור־הבר
איבערגעבליבן פאַר אונדז אַ מכה —
שוין אָפּגערעדט פון געפילטער קישקע.

וואָלט מען כאַטש געהאַפּט אויף דעם לויתן,
האָט אים מיין באָבעס ערשטער חתן
שוין אוודאי אויפגעגעסן אַליין.
געווען אַ דימענט, ווי מיין באָבע דערציילט,
ער פלעגט אַפילו די גוים בענטשן,
נאָר צוליב אַ שטיקל פיש מיט כריין
האָט ער איינמאָל שיר נישט געקוילעט אַ מענטשן
ביי זיין טאַטנס צווייטער חתונה.

וועגן יין המשומר — וועגן אַזוינע זאַכן
איז שוין בעסער די צונג זיך נישט קאַליע מאַכן —
(די בלאָנדע גראָבע מאַריאַשע, מיין אָם,
ווי מען שרייבט פון דער היים, איז אויך שוין טויט) —
סיידן דער יין המשומר פליסט אויבן
אין אַ מולטער אַזאַ, וואָס איז גרויס ווי דער ים.
נאָר אַפילו דעמאָלט איז שווער צו גלויבן,
אַז אַ גויע זאָל עפּעס איבערלאָזן,

הכלל, עס איז אומעטיק, ליבע ברידער,
עס קומט אוים כאָטש לייג זיך אַליין אַנידער
און שמיים זיך, וואָס דו ביסט געווען אַזאַ נאַר
און געלאָזן זיך פאַרלויפן דעם וועג.
כאָטש מיין קאָזין וואָס וואוינט ביי מיר אויפן בוידעם,
ווען ער הערט מיך ריידן — שטראָפט מיך דערפאַר:
מען קאָן נישט — זאָגט ער — שטאַרבן קודם,
איידער מען שטאַרבט. ס'איז נישט מעגלעך, זאָגט ער,

און מיין קאָזין דאַרף מען, מוז מען גלויבן.
ער איז דאָך אַליין שוין פון בוידעם אויבן
אַרונטערגעפאַלן אַמאָל ניין, —
און דווקא אין מיטן נאַכט, ווען ער שלאָפט,
פאַלט ער אַלע מאָל אַרונטער.
עס דאַכט זיך שיר, אַז דאָס הויז פאַלט איין
און צו דעם איז ער גלאַט נישט קיין געזונטער,
אַ וואַסער-קאָפּ האָט ער, נעבעך.

נאָר פון דעם איז דאָך צו זען ווידער
אַז ווי לאַנג מען האָט אַ פּאָר גאַנצע גלידער
דאַרף מען זיך, הייסט עס, פּלאָגן אויף דר'ערד.
אָט נעמט מיין זונעלע טאַקע — זעט,
זיצט, דאַכט זיך, אין זיין אייגענעם טייכל
און שרייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרהערט
מיט אַ גוי וואָס טרינקט זיך: אוודאי דאָס בייכל
אים טוט וויי — מיין קינד, מיין גאָלדנס.

נאָר וואָס איז דער וואונדער, אַז שמירעכץ פון רעדער
עסט ער שוין, אָדער גלאַט שטיקער לעדער,
פאַרדאַרטע בוים-קאָרע אַ שטיק

ווען ער דערטאַפּט — איז יום טוב ביי אים.
ער וועט נאָך, קאָן זיין, אַמאָל קונצן ווייזן,
ווי מיין שוואָגער איצקע דער באָלשעוויק.
יענער שלינגט דאָך גאַנצע לענדער
אַזוי ווי אַ שוואַרצקינצלער שטיקער אייזן.

נאָר יענער שרעקט זיך שוין טאַקע פאַר גאָרנישט
און אים אַרט נישט — זאָגט ער — וואָס מען טאָר נישט.
ווען ער וועט — זאָגט ער — אין הימל אַריין,
וועט ער זיי פאַרקאָכן אַ קאַשע דאָרט,
אַז עס וועט זיי פינצטער ווערן אין די אויגן.
און אויך מילך צו דער קאַשע וועט מוזן זיין,
אויב ניט — זאָגט ער — וועט ער זיך זעצן זויגן
אויפן שוים ביי דער מאַטקע באָזשע אַפילו.

פון אַזוינע רייד וואָלט אַמאָל אַנטלאָפן
אַ שד — אויב אים וואָלט נישט דער שלאַק געטראָפן.
היינט מאַכט מען זיך אָבער גאָרנישט דערפון;
אַ צייט אַזאַ. אָט נעכטן ביים ים
האָט איינער מיט הענט ווי משוגענע ווינטן
זיך איינגעשפּאַרט דווקא, אַז די זון
איז נישט אַנדערש — דעם בוראס גאָלדענער הינטן
וואָס ער ווייזט אונדז אַלע פאַרנאַכט פון אויבן,

נאָר עס גייט דאָך אַלצדינג קידער-ווידער:
אָט — מיין שכן זרחי מאַכט איבער דעם סידור,
ער מיינט צו העלפן מיט דעם דער וועלט,
וואָס ער מעקט דעם אתה נאָך ברוך אוים
און שטעלט אַריין אָן אָנכי דאָרטן.
ער האָט שוין אויך — פרייט ער זיך — באַשטעלט

ברכות נייע פון די פיינסטע סאָרטן
ביי דער פירמע מענטשל זיימוויכל רוקזיך.

נאָר אַזוי, צי אַזוי, — דערווייל שלאָפט ווידער,
אַזוי ווי אַ האַלצהעקער אַ מידער
מיטן קאָפּ אויף דער פויסט און אויף דער האַק
אַ גאַנצע קראַנקע צעבראָכענע וועלט.
און די אַלטע באָביצע — דאָס לעבן,
קלייבט ווידער שפּענדעלעך אין זאַק
און דער בער — די מעשה וואָס גאָט האָט געגעבן
צו פאַרשפּילן קינדער, וואָס ווײנען עסן, —

און דער הויפנאַר שפּילט זיך מיט מיץ און גלעקלעך
ווי דער שוסטער מיט זיין האַמער און פלעקלעך;
און דורך אַלע הויפן האַנט אין האַנט
גייט זיך דער גולם מיטן פּאָעט
און זיי שרייען דאָס ליד פון דער גאָלדענער פּאַווע
און דאָס ליד פון דער הייליקייט פון לאַנד.
און אדם — אויב נאָר אים דערלאַנגט דאָס חוה,
פרעסט ער, ווען ס'איז אַפילו שטאָלמיסט — — — —

## מיין צוואה

האָב איך אַזוי מיר אָפּגעטאָן.
ווי נאָר עס איז אויפגעגאַנגען די זון
בין איך אַוועק און צונויפגעקליבן
קאָזע־באָבקעס אין דעם ליד אַריין,
וואָס איך האָב ערשט נעכטן אָנגעשריבן
פון דער לבנה מיט איר שיין,
און צו דעם האָב איך נאָך צוגעגעבן
עטלעכע לידער — פון טיש דאַלעבן.
וועגן דער הייליקייט פון דער ביבל
וואָס ווען איך טראַכט פון דעם, ווערט מיר איבל.
און דאָס אַלצדינג האָב איך ווי אין אַ זאַק
איינגעפּאַקט אין מיין אַלטן פראַק,
דערנאָך אַריינגעשלאָגן אַ טשוואָקל
אין דרויסן ביים פענצטער, און דאָס גאַנצע פּעקל
אויף דער קאָטשערע אַרויסגעהאַנגען
זיינען מענטשן און קינדער פאַרבייגעגאַנגען
און האָבן געפרעגט ביי מיר, וואָס דאָס איז, —
האָב איך זיך פאַרנויגט ביז צו זייערע פיס
און געענטפערט, אַז דאָס זיינען מיינע יאָרן,
וואָס זיינען אַזוי פאַרשימלט געוואָרן
צווישן דעם אַלטן חכמה־געשטאַנק
פון מיין וואונדערלעכן ביכער־שראַנק.
ווען אָבער מיין איינציקער זון ,וואָס גייט

(מיט מיין ים פול טרויער און מיין פינגערהוט פרייד)
אין פערטן יאָר אריין, האָט אויך
פאַרריסן זיין קעפל צו דער הויך,
האָב איך אים גענומען אויף מיין שויס
און געזאָגט צו אים אַזוי: הער אויס,
מיין יורש, איך זאָג דיר צו,
אַז פונקט ווי מען שטערט ניט אַ טויטן די רו
וועל איך — ווען דו וועסט דערוואַקסן ווערן —
דיר קיינמאָל אין קיין זאַך ניט שטערן,
ווילסטו זיין אַ בייגלכאַפּער אַ שינדער —
זיי דיר, קינד מיינס.
ווילסט זיין אַ מערדער, אַן אונטערצינדער,
זיי דיר קינד מיינס.
ווילסטו בייטן מיידלעך,
אַזוי ווי זיי אַליין די קליידלעך —
בייט דיר, קינד מיינס.
איין זאַך, אָבער, קינד מיינס, זאָג איך דיר אָן:
אויב דו וועסט — פאַר מענטשן זיך צו גרויסן —
דערגיין אַזוי ווייט, זיך אָנצוטאָן
אין אָט אַזוינס, וואָס הענגט דאָ אין דרויסן
און וועסט נאָך צו דעם — די שעה זאָל נישט זיין —
אויך שרייבן אַ ליד פון לבנה-שיין,
אָדער גאָר פון דער ביבל, דעם סם פון דער וועלט, —
דעמאָלט מיין ליבער,
אויב איך וועל נאָך האָבן עפּעס געלט,
מעג עס זיין אפילו ווי ווייניק,
שרייב איך אָן אַ צוואה און לאָז דאָס איבער
פאַר מיין לאַנדסמאַן, דעם קומענדיק-פוילישן קעניג
און אַ חויז, וואָס מיר ביידע זאָגן זיך מער נישט — דו —
צעשנייד איך אַזוי ווי אַ קאַרגער צעשניידט

לעקאַך פֿאַר חתונה-אָרעמעלייט,
אַלץ וואָס בינד צו דיר מיך צו —
און טאַטע-שמאַטע און זון-שמון.
און זאָ העלף מיר דער הער גאָט
ווי —
איך —
וועל —
דאָס —
טאָן —



## אַלץ אין אונדז ווערט מיד

אַלץ אין אונדז ווערט מיד,
נאָר ווי אַ מילראַד פונעם ווינט געדרייט,
זינגט פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט אַריין
די נאַרישקייט אין אַלע אונדזערע רייד.

אָ, נאַרישקייט, דו אונדזער קעניגין,
איבער אַלע קלוגשאַפטן דיין טראָן,
דו האָסט צו דיינע אונטערטאַנען
אַלעמאָל בלויז גוטס געטאָן.

דיין גוטסקייט וואַרעמט, ווי ביינאַכט דאָס פייער,
אונדזער אָרעם בלוט.
אַז וואויל צו דעם, וואָס קניט פאַר דיר אין היילִיקן גלויבן,
געבענטשט איז ער אין אַלצדינג וואָס ער טוט.

דער אָדלער נישט, און נישט דער וואָרעם אויך,
וואָס אים איז דאָ צו קריכן בלויז באַשערט, —
די שלאַנג נאָר מיט איר חכמה האָט באַשאַפן
דעם מלאך מיט דער שווערד.

נאָר שטיל מיין האַרץ. וואָס זאָגט דער נביא?
נישט אַלץ וועט מיט דער פינצטערניש פאַרגיין,
די חכמה נאָר אין אירע זיבן פאַרבן־שלייערן
וועט ווי אַ שטיין פאַרוואָרפן זיך אַליין.

דאָס בלאַט פון בוים, די זאַנג אין פעלד, דער מענטש, דאָס לעבן,
וועלן זינגען אין דער זון אריין.
די חכמה נאַר, וואָס האָט געגאַרט, וועט וויינען,
ווען איר וועט אויסקומען גענאַרט צו זיין.

עס וועט די פרייד אַנטקעגן גיין דעם נאַר אַפילו,
וואָס קומט אַהער מיט פייער אין די הענט;
די חכמה נאַר אין אירע זיבן פאַרבן־שלייערן
וועט יאָמערן — פון קיינעם ניט דערקענט.

דעריבער וואויל צו דעם, וואָס וויגט זיך אין זיין חלום,
ווי אויפן בוים דאָס בלאַט, בעת עס ווערט פאַרדאַרט.
דער שטיין, וואָס האָט אין קברים־פעלד זיין אויסלייזונג געפונען,
ווער ווייס ווי לאַנג ער האָט אויף דעם געוואַרט.

## דער צער פון דער וועלט

ניט ווייט פון מיין הויז הויבט זיך אָן די שטאָט,
זיצט דאָרט און וויינט אַן אַלטער גאָט
אין דרויסן אויף אַ שטיין אין דער נאַכט,
ווייל מ'האָט פאַר אים אַלע טירן פאַרמאַכט.

נאָנט פון מיין הויז צווישן נאַכט און רויך
לאַכן די וועכטער אַזוי ווילד און הויך,
אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט אייזן אויף גאָלד
דעם אייגענעם פחד פאַרטויבן געוואָלט.

ניט ווייט פון מיין הויז אין אַ שטאָל אויף דער ערד
זיצן דריי זקנים מיט גרייז-גרויע בערד
און מיט קרוינען פון ליכט אויף קאָפּ און האַנט, —
דריי הייליקע פונעם מאָרגנלאַנד.

אָבער דאָס ווייב אויפן הארטן שטרוי,
וואָס איז נאַקעט און אַלט ווי זיי, און גרוי,
קרעכצט ווי אַ דאַרער בוים אין ווינט
און וויגט זיך אַליין ווי מען וויגט אַ קינד.

און איבער אונדז אַלע דער צער פון דער וועלט.
דורך אַלע פענצטער וויינט ער און שעלט
דעם שטערן אויף וועמען מען האָט געוואַרט
און וואָס האָט מיט זיין ליכט ווידער אָפּגענאַרט.

— עסן דאַרף מען.
אַזוי האָט דער עלטסטער פון די פּראָפעטן
(זיבן זיינען זיי געווען)
מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל
אַרויסגעקרעכצט,
און זיין פּנים דאַביי האָט אויסגעזען
ווי באַשיינט פון דעם קוויטיק-געלן ליכט
וואָס מען זעט נאָך אַ וואָלקנבראָך אַמאָל.
דער צווייטער, אין מיטן האַרץ מיט אַ לאָך
ווי אַ פּויסטע די גרוים, האָט געעפנט דאָס מויל,
נאָר פון אים האָט מען גאָרנישט מער געהערט,
מען האָט בלויז געזען ווי ער הויבט מיט די ריפּן
בעת די ליפּן באַוועגן זיך.
מיט די הענט אָבער און מיט די אויגן
האָט ער געוויזן אַרונטער, אַרונטער,
און ניט צום הימל.
דער דריטער האָט שוין גאָרניט געפּרואווט
אַ ריר טאָן אפילו מיט די ליפּן.
ער האָט בלויז אין דער ווייט אַריינגעקוקט
אַהין, וואו עס האָט זיך געדאַכט, אַז אים ווילט זיך
אַ שטרעק טאָן אַ האַנט וואָס ער קאָן ניט רירן.
דער פערטער, פינפטער, זעקסטער און זיבעטער,
הינטער די דריי אויף קוויטיקע טרעפּ,
זיי האָבן בלויז מיט די קעפּ געשאָקלט
ווי זיי וואָלטן געזאָגט: מיר זיינען מסכים, מיר זיינען מסכים
מיט אַלץ וואָס אונדזערע ברידער זאָגן
צום פאָלק וואָס הונגערט און וויינט.

## פֿאַרדאַמט זאָל ער זײַן דער פּראָזן־דרעשער

דער גאָט־פֿאַרשאָלטענער אינטעליגענט;
ער האָט צװײ פֿאַסקודנע װײַסע הענט,
װאָס װילן ניט אַרבעטן, דרײט ער מיט זײ
דאָס אײביקע גראָבע־פֿינגער־געדרײ.
אַפֿילו דאָ, װאו די קלױזבאַנק־לױז
איז כּמעט אַן אַנטיק, װאָס מע זעט דאָס בלױז
בײַ אַ בטלן אַזױנס, װי ער טאַקע בלױז,
און ניט גענוג װאָס ס׳קערן זיך שיר
די געדערעם איבער אין בױך בײַ דיר
פֿון דעם דאָזיקן װאָרט־און־לױז־זשאָנגלער,
איז גיב אים נאָך — אויב ער נעמט כּאָבאַר —
אַ גאַנצן שפּײַ־טאָפּ מיט כּבֿוד דערפֿאַר.
פֿאַרדאַמט זאָל ער זײַן!

די געלט־בײַטש פֿון איבער און אונטער דער ערד
שנײַדט לײַבער אַזױ װי מיט אַ שװערד.
און דאָס װיסטע מיליאָנען־האַרץ — די נויט,
שרײַט װי אַ מכּה פֿון אונטער דער הויט,
און ער מיט אַ צונג פֿאַרגעלט און נאַס,
װי אַ קינדער־סטאָן, פֿאַרגעלט און נאַס,
פֿאַרװאַנדלט דעם קאַמף אין ברודער־האַס.

און כאַטש פאַרשטופּ, ווי אַן איבעריק לאָך,
דעם פּיסק אים מיט שטיינער, גיט ער ניט נאָך;
און מיט זיין איינציקן מויזישן צאָן
צעהאַקט און צעגריזשעט ער אַלץ וואָס ער קאָן,
ווייל עס פעלט אים אַ פאָדעם צו דער פאָן.
פאַרדאַמט זאָל ער זיין.

נאָר גוט אַזוי פאַר דעם אייביקן פערד,
דעם פראַצע־מענטש — ער איז דאָס ווערט,
אַז ער רייסט ביי זיין אייגן ווייב און קינד
דעם ביסן פון מויל פאַר די פרעמדע הינט.
איז ער ווערט, אַז זיי זאָלן פאַר יעדן שטיק ברויט,
וואָס ער וואַרפט זיי צו, פון אים שינדן די הויט,
ווי פון אַ טויטער נבלה די הויט;
ביז ער וועט אַליין דערזען אַז ס׳איז יוקס
דאָס געשריי פון דעם פראַזן־דרעשער־דע־לוקס,
וואָס וויל כלומרשט קאַמף ביז אויף קידוש השם,
ער איז דאָך אַליין אין וועג די קלעם,
די אייזערנע קלעם, וואָס האַלט אָפּ פון דעם.
פאַרדאַמט זאָל ער זיין!

נאָר פאַרדאַמט זאָל אויך זיין מיין האַס אין מיר,
וואָס האָט זיך געשטיקט אונטער טויער און טיר
פון קינדווייז אָן, ווי אַ ריזן וואַנט
האָבן חדר און שול אומעטום אין לאַנד
דאָס לעבן אָפּגעצאַמט פון דער וועלט.
און מלמדים מיט מיילער ווי טכוירן אין פעלד,
האָבן מיט פּסוקים, ווי טכוירן אין פעלד,
פאַרסמט ניט נאָר דעם באַגער פונעם קינד,
נאָר אַפילו אין דרויסן דעם פרילינגס־ווינט,

און אַפילו די זון. — און ס'איז ניט קיין זשעסט,
ווען איך זאָג, אַז איך האַס ווי אַ ראַבן־נעסט
דעם פּראַזן־מאַניאַק — אונדזער סם און פּעסט —
פֿאַרדאַמט זאָל ער זיין!

נאָר אומזיסט וואָס דער פּראַנט באַניוכעט מיין ליד.
ווער סע גאַרט נאָך אַ גאָרטן וואו אַלצדינג בליט,
און נאָך רייד, ווי נאָך הורן אין די נעכט,
באַשמינקט און באַצירט, — זאָל ער גיין צו דעם קנעכט,
דעם באַרימטן פֿויגל אין פּראַק און שניפּס,
וואָס קניט ווי אַ כאַם פֿאַר אַ געץ פֿון גיפּס.
פֿאַר זיך אַליין דעם געץ פֿון גיפּס;
נאָר אויך אים זאָל איינשלינגען די ערד.
איך בין ביי אים דאָס לעבן ניט ווערט
צוליב דעם, וואָס איך האַלט ניט צונויפגעפּאָרט,
ווי אַ הונט מיט אַ צויג, שיינקייט און וואָרט.
און ער באַצירט מיליאָנענמאָרד.
פֿאַרדאַמט זאָל ער זיין!

נאָר איבער אים שפּאַנט שוין דער וואַנזין, וואָס שרייט
מיט געהויבענע הענט איבער וועלט און צייט.
און ניט ער, און ניט דער וואָס איז פּעט און זאַט
און וואָס וואַרט אויף דעם נאָר אין משיח־כאַלאַט.
און ניט דער וואָס הויבט ווי אַ גולם אויף
די אויגן, ווי צוויי געשווירן, אַרויף,
צו דעם רויט־פֿאַררויכערטן הימל אַרויף.
נאָר דער ווע‌מעס מעסער עס וועט אין זיין פֿויסט
בלאַנקען אַזוי ווי זיין צאָרן, וואָס ברויזט, —
דער וועט באַפֿרייען די וועלט פֿון איר יאָך.
נאָר דעמאָלט וועט שוין אויך וואַקסן מאָך

אויף דעם בטלן פון היינט אין זיין מויזנלאָך.
פאַרדאַמט זאָל ער זיין!

דער וויסטער שאַנד־נאָמען — אינטעליגענט —
וועט דעמאָלט בלויז ווערן אָנגעווענדט
אויף דעם, וואָס וועט פאַרדינען דעם טויט,
דעם טויט. — ווייל ער האָרעוועט ניט אויף זיין ברויט.
אָבער ניט נאָר די שוואַנגערע פרוי וועט איר קאָפּ,
ווען זי וועט אים פאַרבייגיין, אַ בויג טאָן אַראָפּ,
אַ פאַרציטערטע אַ בויג טאָן אַראָפּ,
נאָר אַפילו דאָס ווייב וואָס איז אים געווען
אַ מאַמע, וועט אים ניט וועלן זען;
און אַפילו דער הונט וועט איינציען דעם עק
פאַר אים, דעם גילגול, פאַר אים, דעם פלעק,
פון דעם גרעסטן אומגליק וואָס איז שוין אַוועק.
פאַרדאַמט זאָל ער זיין!

## זונאויפגאַנג

אַרום דעם בלויען צאַם פון מיין הויז,
ביים ים, וואו איך וואוין, אַרום מיין הויז,
שפּרייט זיך אַ גאָלדענער מדבר אוים, —
שפּרייט זיך ביז העט צום הימל־זוים
פון וואַנען די וואָלקנס קומען אַרויף,
און פון וואַנען די מאָרגן זון גייט אויף
מיט איר ליכטיקייט איבער דער ערד,
מיט איר ליכטיקייט איבער דער ערד.

ועמעס בין איך, אָ, גאָלדענע ערד?
דיינער בין איך, אָ, גאָלדענע ערד.
פּוסט ווי מיין האַרץ און ברייט און פאַרקלערט
וויינסטו דיין איינזאַם מאָרגנליד
צו דער זון אַרויף, וואָס צעטיילט איר בלוט, —
איר גאָלדן בלוט — גערעכט און גוט
צו אַלעמען אויף אונדזער וועלט,
צו אַלעמען אויף אונדזער וועלט.

אַ, זון, פֿאַרגיב מיר פֿאַר מיינע הענט,
פֿאַרגיב מיר פֿאַר מיינע ווייסע הענט,
אין זיי דיין גאָלדן בלוט, וואָס ברענט,
אַזוי ווי אויף מיין בלויען צוים,
און אַזוי ווי אויף מיין איינזאַם הויז,
און אויף דער מדבר וואָס שפּרייט זיך אוים
אַ גאָלדענע אָרום מיין האַרץ,
אַ גאָלדענע אָרום מיין האַרץ.

ווי אַ קינד אין אַ וויגעלע אונטער אַ בוים,
אונטער אַ בליענדן קאַרשנבוים,
שפּיל איך זיך הינטער מיין בלויען צוים
מיט דיין גאָלדן בלוט אויף מיין האַרץ און הענט,
און מיר טוט דערביי אַזוי מאָדנע באַנג
און מיין לעבן איז צום שטאַרבן קראַנק,
און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך,
און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.



## ווער וועט ראַטעווען?

ווער וועט ראַטעווען די וועלט
פון דער פינצטערניש, וואָס ווערט שווערער און שווערער?
דער הויפּהאַר וועט שיקן אַ קוימענקערער,
און דער רבֿ מיט זיין הויכן סויבלהיטל,
און דער גלח מיט זיין ווייסן קיטל
וועלן אים העלפן די שדים פאַרטרייבן, —
די שדים פאַרטרייבן.

ווער וועט ראַטעווען די וועלט,
אַז דער הונגער ווערט אויך גרעסער און גרעסער?
דער הויפּהאַר האָט וויין זיבן הונדערט פעסער,
און רבֿ און גלח — גאָטס וואונדער צו ווייזן —
וועלן צונויפמישן בלאָטע מיט אייזן
און וועלן פון דעם וואַרעניקעס קאָכן, —
וואַרעניקעס קאָכן.

ווער וועט ראַטעווען די וועלט
פון דעם האַס אין איר, וואָס ברענט ווי אַ פייער?
דעם הויפּהאַר באַוואַכט אַ העלד אַ געטרייער,
און דעם רבֿ און דעם גלח, דעם רבֿ און דעם גלח,
היט אָפּ פונעם הימל אַ הייליקער מלאך,
און וועלן זאָלן פרעסן דאָס פאָלק דאָס וויסטע, —
דאָס פאָלק דאָס וויסטע.

## העי, דו נאַקעטער —

העי, דו נאַקעטער, מיט אויגן בלוט-פאַרלאָפּענע, פון זוכן אין דער ווייט.
דו מיינסט עס איז דער וויסטער ווינט אזא — דער ים אזא, וואָס שרייט
אַרום די אויערן דיר, און דיין צעעפנט מויל. —
דו מיינסט אַז דיר וועט זיין גענוג דאָס ליכט פון אָט דעם שטיקל קויל,
וואָס האָט זיך פון דעם לעצטן וועלט-פייער ביינאַכט
מיט דעם געשריי פון ווינט צו דיר אַהערגעבראַכט. —
דיין האַרץ זעט טיפער פון דיין אויג, און בלינד ביסטו
ווי די פאַרלוירנקייט אין דיר, און ווי דיין קראַנקע רו,
וואָס ציטערט אויף ביי יעדן שאָרך און ריר.

אַ וואונדערלעכער נאַר איז דער געווען, וואָס האָט פאַרטראַכט
אַז בלוט וואָס רינט פון צלם אין דער נאַכט
קאָן אַזוי ליכטיק זיין
צו לויכטן ווי די זון אין וויסטער וועלט אַריין. —
אַ נאַקעטער און בלינד,
און מיט צעשפּרייטע הענט
הענגט ער און האָרכט, אַזוי ווי דו, אין ווינט.
און זיין געשריי וואָס רייסט זיך צו דער הויך
פאַרגייט ווי רויך, ווי לעצטער רויך
פון פייערן וואָס האָבן אויסגעברענט.

נישט וויין, דו נאַקעטער.
מעק אויס פון דיין זכרון יעדן גאַנג
וואָס פירט צו דעם וואָס איז צום שטאַרבן קראַנק.
זאָל אויסרינען דאָס לעצטע בלוט פון האַרץ
פון דעם, וואָס ציט זיך בלייך און שוואַרץ
צום צלם אין דער הויך. — וועט ווערן אָפּגעטאָן
דאָס ליד פון מוטער און פון זון.
וועט אַלצדינג וואָס דערמאָנט אָן זיי, פאַרגיין —
פאַרגיין, ווי די לעגענדע אין דער נאַכט,
וואָס האָט זיי אין דער וועלט אַריינגעבראַכט.
וועסטו זיך אומקערן צו זיך אַליין,
און דעמאָלט וועסטו זען, וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געזען.
ביים טויטן קאַלטן הימל האָסטו ליכט געמאָנט —
און ווי די ערד פון טויטן קאַלטן הימל, ביסטו ווייט געווען
פון זיך אַליין, דעם ליכט, וואָס איז דיר אַזוי נאָנט.
און ווי די ערד פון טויטן קאַלטן הימל, ביסטו ווייט געווען
פון זיך אַליין, דעם ליכט, וואָס איז דיר אַזוי נאָנט.

## איך דיין גאָט

איך, דיין גאָט אין דיר, דאָס לעבן אין דיין בלוט, —
איך זאָג, אַז אַלץ אין דיר איז הייליק און איז גוט.
איז הייליק און איז גוט ווי אונטער דיר די ערד
מיט לייז און מויז און טכויר, מיט וואָרעם, הונט און פערד.
איך זאָג, אַז אַלץ אין דיר, וואָס ברומט און בייסט און שעלט
איז ערלעך, ווי דאָס האַרץ פון דעם באַטרונקענעם
וואָס רופט מיך מיט אַ קול אַ שנאַפּס-פאַרשטונקענעם
פון רינשטאָק ערגעץ-וואו אין מיטן פון דער וועלט.

איך זאָג, אַז פּונקט ווי דו — דעם חזיר און די טויב
באַפאַלט מיין הונגער דיך אין וואָלף, וואָס גייט אויף רויב,
און מיט דעם זעלבן שטאָל, וואָס דו אַליין שאַרפסט אָן,
שעכט איך דעם זון דיינעם, דעם שוץ פון קרוין און טראָן.
און פּונקט אַזוי ווי דו, בין איך צו שטאַרבן גרייט,
ווען איך דערזע פאַר זיך אין גאַסן אָפּענע,
מיט פנימער און אויגן בלוט-פאַרלאָפענע,
דאָס פאָלק, דעם וויסטן-בער, וואָס רייסט זיך פון דער קייט.

נאָר ווען עס קומט דער האַר דורך אויפגעפּראַלטער טיר,
בין איך דער פחד אויך, וואָס קאָרטשעט זיך אין דיר.
און ווען עס הילכט די בייטש, בין איך ווי דו — געוויין.
געוויין און הינטישקייט, וואָס בעט פאַר זיך אַליין.
געוויין און הינטישקייט, וואָס שאַרט אַליין זיך צו
צום שטיוול פונעם האַר, דעם גאָלד-באַשפּאָרנטן,
צו שטילן מיט מיין בלוט אים אויפגעצאָרנטן.
געטריי, אַזוי ווי דו, און מיאוס אַזוי ווי דו.

## ווינט און רעגנבייטש, ווי דונערקנאַל אין זעגל

שרייט דער קאַפּיטאַן:
העי, דו הונט ביים רודער,
ווען איסוואַיען אַן אַנדערשמאַל
דיין הינטיש ציען זיך צום גאַסנווייב!

נאָר דער וואָס זיצט ביים רודער,
יונג אין יאָרן און אין מידקייט אַלט,
פון ווייבער און פון פּראַצע אויסגעזויגן,
קוקט מיט מויל און אויגן
צום הימל־וואַסער־ראַנד, וואָס רירט זיך ניט פון אָרט.
און זיינע הענט
ווי אָפּגעשיילטע שלאַנגען צווייי ביים רודער, פרעגן:
וואוהין, מיין קאַפּיטאַן?

שרייט דער קאַפּיטאַן:
צום אינדזל־פּאַלאַץ
פון דיין חלום זון דו הינטישער!
צו דיין פּאַרכישופטער פּרינצעסין ראַנדאַלי
אַז פרעסן זאָלן זי מצרים־לייז!

ענטפערט דערביים רודער, וויינענדיק:
אומזיסט, מיין קאַפּיטאַן, דאָס רייסן זיך.
ווי ציין פון הונגעריקע חיות בייסן זיך
די ווייסע וואַסער בייטשן.
און אונדזער האַר, דער ווינט,
שפּילט אויף שדים־בערד
וואָס ער האָט אָנגעשפּאַנט ווי סטרונעס
אויף זיין ריזנהאַנט.

דאָס ליד פון שטורם שפּילט ער,
אונדזער האַר דער ווינט.
דאָס ליד פון אומגליק שפּילט ער,
אונדזער האַר דער ווינט.
וואוהין, מיין קאַפּיטאַן?
וואוהין, מיין קאַפּיטאַן?

## די זונה — אונדזער פירערשאַפט

פאַרדאַמט גערעכט געווען דער יונג אין בלוטרויטן קאַשקעט.
— איך בין — זאָגט ער — געקומען איר אַ היים צו געבן און אַ בעט,
און זי די זונה, רעוועט — אויערן צו פאַרטויבן:
מען זאָל זי ראַטעווען — איך וויל ביי איר די ערע רויבן.

איך שריי: באַפריי מיך זונה, — זאָגט זי: איך בין קראַנק,
און גיט מיר רייד ווי צוקער־וואַסער פאַר אַ שלאָפּגעטראַנק,
און מאָלט מיר גליקן אויס, ווי שטיקער רעגנבויגן,
איך זאָל די שלאַנג ניט זען ביי איר אויף צונג און אויגן.

ווען איך שטיי אויף איז פאַרן האָן אַפילו נאָך צו פרי,
און זי, ווען קינדער זינגען שוין אין גאַס, ערשט דעמאָלט כראָפּעט זי
דער זון אַנטקעגן מיטן הינטער־חלק,
וואָס איז ביי איר קיילעכדיק און הייליק.

איך אַרבעט איבערצייט, און זי, ווי האָר פון קאָפּ,
רייסט אויס ביי מיר מיין יעדן מינדסטן גראָשן, וואָס איך האָב,
און קויפט זיך זיידנוועש און זיידענע קאָרסעטן,
די לומפּן זאָלן זיך די הענט ניט אָפּרייבן ביים גלעטן.

איך פרעס אַ דאַר שטיק ברויט — מיט פוטער ווי מיט קיט,
ווייל בעסערס פאַר אַ וועטשערע פאַרמאָג איך ניט,
און זי טרינקט וויין ביינאַכט מיט לייט, וואָס האָבן
ווי אין אַ גרוב, אין שאָפּ מיך לעבעדיק באַגראָבן.

איך בין שוין בלינד און טויב ווי דאָס געצייג אין מיינע הענט,
און ווי דאָס אייביק־ווייסטע נאַכט־ליכט איבער מיר ,וואָס ברענט, —
און זי ביים קאַרטנטיש איז גרייט מיך, ווי נבלה־פלייש א הויפן,
פאַר איין פאַרשיוון וואונק צו שינדער צו פאַרקויפן.

ביז בלוט צעגראַבל איך אויף זיך דאָס לייב, דאָס האַרץ,
וואָס איז פון פראַצע אייביק ווי א קוימען שוואַרץ, —
און זי מיט אירע מאַנעקירטע נעגל צערטלט ,
איר גוידער, וואָס האָט זיך פאַר פעטקייט אַזש צעפּערטלט.

הער אויס, דו זונה, דו, דיין גוידער, קלייד און הוט —
מיין מאַרך, מיין אויסגעטריקנטער איז דאָס, מיין פלייש און בלוט.
נאָר איך בין נאָך נישט טויט. נאָך האָב איך הענט און ציינער,
וואָס האָבן זיך געלערנט האַרט צו זיין ביי אייזן און ביי שטיינער.

און נישט איך בין א האַנדל־ייִד אַזוינער, וואָס באַצלמט רויט
די אָנגעזויפטע וועקסלען, אים, וואָס זיינען טויט.
איך וועל מיט טאָפּלצינז מיר אָפּנעמען ביז צו די לעצטע
מיינע טעג, מיר אָנגעזויפטע.

אַזוי האָט מיט א כריפּ דער יונג אַרויסגעבריִלט
דעם סם פון זיך — זיין פּיין, ווען ר'איז געוואָרן ווילד,
און דעמאָלט האָט א בלענד געטאָן זיין פויסט וואָס ער האָט אויפגעהויבן
ווי אין א שטורמנאַכט דער בליץ וואָס קומט
מיט ליכט און טויט פון אויבן.

## דער מעסער-העלד

העי, סאַנקטאַ לוקאַ, דו מעסער-העלד,
ווי ווילד איז דיין נשמה און גראָב!
מיט אַ צירק-באַנדע שלעפּסטו זיך איבער דער וועלט
און שליידערסט פאַר לויזיקן גראָשנגעלט
דיינע מעסערס אַרום דעם יונגן קאָפּ
פון דיין געליבטע זאַליימאַ.

קאָן זיין, אַז דו וואָלסט אַזוינס ניט געטאָן,
ווען דו וואָלסט הונגעריק ניט געווען,
נאָר דו טראַכסט שוין אפשר אַליין דערפון
און עס וויינט, קאָן זיין, דיין האַרץ אין דער זון,
ווי דיין מעסער — אויף דעם, וואָס עס קאָן געשען,
ווען דו הייבסט עס אויף צום שליידער.

אָבער ניט דיין טרויער איז דאָס בלויז,
וואָס ציט צו דיר אונדז, פאַרלוירענע לייט:
אונדז ציט צו דיר אין די גאַסן אַרויס,
ווייל מיר חלומען, אַז דו לערנסט אונדז אויס
צו שליידערן ווי דו, אַזוי וווייט
ווי — דו, אַ, סאַנקטאַ לוקאַ.

ווען אונדזערע מעסערס וועלן פליען
וועלן מיר אפשר וואָיען אַליין ווי הינט,
נאָר אומזיסט וועלן הייליקע טויטע זיך מיען:
דער וואַנזין פרעגט נישט וואו־אַהין,
און בלוט וועט אפשר אַפּילו פון ווינט
רינען דעמאָלט, — אָ, סאַנקטאַ לוקאַ.

נאָר ווען די שטראָף מיט איר ראָבנגעשריי
וועט שוין קלאָגן איבער שלאָס און פּאַלאַץ
וועלן מיר, פאָלק, אין אונדזער ווײ
אפשר בויגן די קעפּ אינאיינעם מיט זיי,
וואָס האָבן געמאַכט פון דיר אַ פּאַיאַץ
פאַר גראָשנגעלט — אָ, סאַנקטאַ לוקאַ.

נאָר אַז מיר וועלן מיט קינד און קייט
און מיט מעסערס אַזוי ווי בליצן שאַרף
טאַנצן דערנאָך אין די גאַסן פאַר פרייד, —
וועסטו שוין אפשר פאַרקלערטערהייט
וויינען אויך אַזוי ווי די האַרף,
ווען עס שפּילט אויף איר דיין זאַליימאַ.

אַ זון, די מאַמע פון אונדזער ערד, —
זאַליימאַ שפּילט ביים ברעג פון טייך,
איר הארץ באַטרויערט מעסער און שווערד,
וואָס האָבן אַזוי פיל בלוט באַגערט
פאַר דעם ווילדן שפּיל פון אָרעם און רייך, —
וואו ביסטו, מיין סאַנקטאַ לוקאַ?

נאָר סאַנקטאַ לוקאַ וועט שוין דעמאָלט זיין
אויסגעטאָן פון פלייש און בלוט,

און אזוי ווי די זון אין מאָרגנשיין
וועט לויכטן זיין הארץ אין דער וועלט אריין
און עס וועט שוין ניט זיין וואָס איז שלעכט און גוט,
נאָר ליבע וועט זיין און טרויער.

ליבע צו אַלץ וואָס איז ליכטיק און שיין,
און ליבע צו אַלץ וואָס איז לעבן און פרייד.
און טרויער צו אַלץ, וואָס וועט פאַרגיין,
וואָס וועט פאַרגיין מיט זיך אַליין,
אזוי ווי די זון, ווען זי פאַרגייט
אין אָוונט — אין אָוונט — אין אָוונט — — —

## ייד, מיין ברודער!

— ייד, מיין ברודער, זאָג אויב דו ווייסט,
ווער איז איידל?
— גוי, מיין ברודער,
נישט דאָס קינד מיט דער מאַמען אויף לייוונט געמאָלט;
און נישט אויפן פּריסט דאָס קלייד פון גאָלד,
נאָר דאָס אייביק-קויטיק-פאַרהאָרעוועטע לייב
פון דיר אַליין מיט דיין קינד און ווייב; —
אָט ווער ס'איז איידל.

— ייד, מיין ברודער, זאָג אויב דו ווייסט,
ווער איז איידל?
— גוי, מיין ברודער,
ניט דער וואָס זיצט מיט דער קרוין אויפן טראָן,
און ניט דער, וואָס שטאָלצירט מיט זיין בלוט אויף אַ פאָן;
נאָר דער, וואָס שלעפּט זיך הינטער זיין פערד
און צעגראָבט מיטן אַקער-אייזן די ערד! —
אָט ווער ס'איז איידל.

— ייד, מיין ברודער, זאָג אויב דו ווייסט,
ווער באַשיצט אונדז?
— גוי, מיין ברודער,
ניט דער, וואָס בעט צו דער זון, וואָס גייט אויף,
און ניט דער וואָס וויינט צו די שטערן אַרויף;
נאָר דער, וואָס רייסט די קראָפּיווע אויס,
וואָס וואַקסט פון דער ערד מיטן קאָרן אַרויס; —
אָט — דער באַשיצט אונדז.

— ייד, מיין ברודער, זאָג אויב דו ווייסט,
מעג מען טויטן?
— גוי, מיין ברודער,
ווען דער שונא איז שוין ביי דיר אין די הענט,
זאָל דיין שווערד פון אים ווערן אָפּגעווענדט.
נאָר דיין ברודער, וואָס ווענדט זיך פון דיר אָפּ,
ווען דעם שונאס שווערד הענגט איבער דיין קאָפּ —
אים זאָלן די וועלף צערייסן...



## אָוונט

איך טראַכט פון אַ שטראָם אין נעפּל,
און איך בין אַליין מיר שווער,
ווי דער שטיין אונטער מיר דער גרויער,
וואו איך וויג זיך הין-און-הער.

ערגעץ איז דאָך אַ וואַלד פאַראַנען
מיט אַן איינזאַמער שטוב ביים וואַלד,
וואו דער פּויער עסט זיין אָוונט-ברויט,
ווען דער טוי אויף דער לאָנקע פאַלט.

אָרעם זעט אוים דער פּויער
מיטן שטיקל העמד אויף זיין לייב,
און די קינדער וויינען אין ווינקל,
און פון שלאָף זיפצט און רעדט דאָס ווייב.

און ער אַליין — זיין אָוונט-ברויט
שלינגט אַזוי נאָכאַנאַנד,
אַז מען זעט ווי עס גייט דורכן גאָרגל
ביים שאָטן אויף דער וואַנט.

אָ, פּויער, דו פרעמדער מיינער,
וועמעס ליכט אַרום דיין קאָפּ,
ווען עס וויינט די זון אין דרויסן
פונעם אָוונט-הימל אַראָפּ.

אַ, פֿויער, דו פֿרעמדער מיינער,
פֿון וואַנען נעמסטו דיין רו?
ווען וועל איך מיין אָוונט־ברויט עסן
רואיק, אַזוי ווי דו?

אַרום מיר אַ שטראָם אין נעפּל,
אַרום מיר אַ צעבראָכענע בריק
און פֿון אַלע וועגן (וואוהין איך גיי)
קערט עס מיך אום צוריק.

אַרום מיר אַ שטראָם אין נעפּל,
אַרום מיר אַ פֿינצטערע שרעק,
וואָס טרייבט מיין רו פֿאַראויס פֿאַר מיר
פֿון אומעט אַוועק.

## דער רויטינקער האָן און מיין זונעלע

ווער האָט דאָס אַזאַ קריי געטאָן?
דער האָן, דער האָן, דער רויטינקער האָן.

ווער האָט די אויגעלעך אויפגעמאַכט?
מיין זונעלע, וואָס ליגט און לאַכט.

וואָס לאַכט מיין זונעלע אַזוי?
ווייל אויגעלעך האָט ער, ווי מיינע בלוי.

און ווייל — ווי מיט בלויע בלימעלעך צוויי —
האָט די זון זיך אַ שפיל געטאָן מיט זיי.

וואָס וועט ער זיין, מיין זונעלע פיין?
אַ קאָוואַלטשיקל וועט מיין זונעלע זיין.

וואו וועט זיין קליינטשיק קוזשניעלע שטיין?
אויף דעם בערגעלע, וואו די זון קומט צוגיין.

ביי דעם פייערל דאָרטן אין דער הויך,
ווי אַ שדעלע אין רויטינקן רויך,

וועט מיין זונעלע שמעלצן דאָס גאָלד פון דער וועלט
און דאָס שענקען די זאַנגעלעך אין פעלד.

װעלן די זאַנגעלעך לױכטן — אַ פּראַכט,
װעלן די גױאַימלעך קוקן פאַרטראַכט.

ביז זײ װעלן גאָר אפשר תפילה טאָן
צו מײן זונעלע און צו דער זון.

װעט אָבער מײן זונעלע שרײען אױף זײ,
װי אױף בהמהלעך: האַ און אהײ.

װעלן זײ אַלע אין קלױסטערלעך זיך
באַהאַלטן װי מײזעלעך אין שיך.

װעט מײן זונעלע אַ שלײדער טאָן
מיט זײן פײלנבױגן אַ שטיקעלע זון.

װעלן קלױסטערלעך זיך צינדן אַזױ,
װי טרוקענע קאַלאַטקעלעך שטרױ.

װעט װערן די גױאַימלעך זײער הײס,
װעלן זײ װערן װי װעלפּעלעך בײז.

װעלן זײ אַלע מיט אױגעלעך רױט
קומען זיך שלאָגן אױף לעבן און טױט.

װעט מײן זונעלע לאַכן האַ-האַ-האַ!
ס׳אַרא לעקעשלעך אױף דער װעלט זײנען דאַ

װעלן די גױאַימלעך שעמעװדיק
זיך װעלן אומקערן צוריק,

װעט מײן זונעלע אַ באַפעל טאָן זײ:
מען זאָל זיך אױסשטעלן אין אַ רײ.

וועלן גויאימלעך שטיין אזוי ווי מען דאַרף.
וועט מיט נעגעלעך, ווי מעסערלעך שאַרף,

מיין זונעלע אָפּגראַבלען פון דער זון, —
פאַר יעדן אַ שטיקעלע דערפון.

וועלן גויאימלעך אַלע ליכטיקע זיין
אין די לאַפּקעלעך מיט זונענשיין.

וועט שוין קיינער ניט דאַרפן שלאָפן ביינאַכט
אין שטיבלעך אויף רינגעלעך פאַרמאַכט,

ווייל די גויאימלעך וועלן פאַר זיך אליין
זיך שרעקן שוין אויף רויב צו גיין.

## שפּיל, מיין קאַטערינקע

העי, דו, וואָס דו דאַרפסט דאָס האַרץ מיט די הענט
צו דיין וואונדערלעכן אינסטרומענט, —
איך האָב אַ האַרץ און הענט ווי דו,
אָבער מיר העלפט קיינער, קיינער נישט צו,
— שפּיל, שפּיל, מיין קאַטערינקע.

נאָר זאָל זיך בייטן מיט דיר ווער עס וויל, —
ווען איך שטיי אין מיטן דאָרף און שפּיל
די פּויערים און די פּראָסטע לייט
ווייסן ניט פון קיין סאַמעט און זייד,
— שפּיל, שפּיל, מיין קאַטערינקע.

אין סאַלאָנען גאָלדענע טאַנצט די שטאָט
און נישטאָ מער קיין הימל, נישטאָ קיין גאָט, —
העי, העי, מיין נשמה! — ס'אַראַ געוויין
פון די באָרוועסע פיס אויף שטויב און שטיין
— שפּיל, שפּיל, מיין קאַטערינקע.

היינט איז דאָס מער נישט — בלוט וואָס רינט,
אָבער מאָרגן איז דאָס אַ פייער אין ווינט.
און זאָל שוין גאָט באַהיטן זיי,
ווען עס וועט זיי דערגרייכן אונדזער געשריי, —
— שפּיל, שפּיל, מיין קאַטערינקע.


משה לייב
בײם ברעג ים

## וואָס עס קאָן זיך פּאַרלויפן

האָט אַ באָק אין פרילינג באַגעגנט אין פעלד
אַ חכם, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט
אַ טראַכט צו טאָן עפּעס. נעמט דער באָק
און גיט דעם חכם, ווי מיט אַ טשוואָק
אַ דוצקע אין סאַמע בויך אַריין.
און ער שטעלט זיך ווארטן, וואָס עס וועט זיין.
נאָר אַז דער חכם גיט מיטן קאָפּ
זיך ראַפּטאָם אַזאַ בויג אַראָפּ
אַז ער שטייט שוין מיטן געזעס אַרויף,
הויבט אים דער באָק די פּאָלעס אויף
און פאַרנעמט זיך אויף צוריק, און ער גיט אים אַ הויב,
אַז עס גיט אַזש אַ זעץ מיט אַ וואָלקן שטויב.
ווייל דער חכם אוודאי זען וואָס דאָס איז,
פּרואווט ער זיך שטעלן אויף די פיס.
זעט דאָך דער באָק וואָס דער חכם וויל,
וואָס־זשע איז דאָ נאָך צו טראַכטן פיל?
הויבט ער אים באַלד טאַקע נאָכאַמאָל אויף
און וואַרפט אים צו זיך אויפן קאַרק אַרויף
און טראַכט זיך: וואָס עס וועט זיין זאָל זיין!

און ער טראָגט אים אוועק אין מארק אריין.
טרעפט ער זיך אָן דאָרט מיט חיים-בער
דעם אייער-סוחר, — אהין-אהער.
גיט אים יענער פאר דעם חכם אן איי.
איז ער דאך א באָק, וויל ער צוויי.
נאָר אַז חיים-בער שווערט ביי ווייב און קינד,
אַז ער קויפט עלעהיי פּאַלאָווע אין ווינט,
ווייל ער ווייסט נישט צי עס האָט עפּעס די ווערט, —
זעט דאָך דער באָק, אַז ס'איז אין דר'ערד.
לויפט ער שוין צו אין איילעניש
צו זאַנוולען, וואָס שטייט מיט לעקעך א טיש,
און אזוי ווי זאנוול איז נישט קיין נאַר,
גיט ער טאַקע דעם באָק דערפאַר
א לעקעכל, ווי א גענעץ גרויס,
און ער נאַרט ביי אים דעם חכם אַרויס.
און ער ווייקט אים איין, און ער שיילט אים אָפּ,
און ער בראָקט אים אַריין אין אַ גרויסן טאָפּ,
און באַגיסט אים מיט עסיק און נאָך אַ זאַך,
און מיט האָניק אַביסל און נישט קיין סך, —
און איידער נאָך עס שטעלט זיך דער טאָג,
פאַרקויפט ער דעם חכם שוין אויף דער וואָג:
פאַר יידן — צימעס אויף פריימיקצונאַכטס
און פאַר גוים אויף זונטיק איינגעמאַכטס.



## די באַלאַדע פון קאַשטאַכאַן

און דאָ איז די מעשה פון דאָרף קאַשטאַכאַן,
און פון דער גאָלדענער פאַווע.
אדם, האָט מען גערופן דעם יונג —
די מויד האָט געהייסן חוה.

נאַקעט, און איבער אַ ווילדן באַרג
און איבער דעם העכסטן וואָלקן —
האָבן זיי ביידע שלאַנגען און וועלף
געהאָדעוועט און געמאָלקן.

האָט אָדם איינמאָל אונטער דער זון
זיך נאָכגעקרימט די ווינטן —
האָט חוה געהאָפּקעט אַרום אים
פון פאָרנט און פון הינטן.

האָט זי אויף די גלאַנציקע באָקעס ביי אים
זיך דערזען ווי אין אַ שפּיגל —
און האָט אויף דעם אָרט אים אַ צייכן געמאַכט
מיט די ציין ,ווי מיט אַ זיגל.

האָט אָדם איר געענטפערט אויף דעם
מיט אַ זעץ פון דער פויסט אין די ריפּן;
האָט חוה אַ קאָזשעלקע געמאַכט און געקנאַלט
ווי מיט פּראַלניקעס מיט די ליפּן.

דער גרויסער געלערנטער פאַנטשי־פו
האָט פאַרפאַסט אַן אַנדערע טעאָריע —
ער זאָגט, אַז מיט דעם ליפּנגעקנאַל
האָט מען פעלשן געוואָלט די היסטאָריע.

לויט אים קומט אויס — האָט חוה גאָר
זיך אַליין גענומען האַקן
מיט די פויסטן, ווי אין אַ פויק אַריין
אין די אָנגעבלאָזענע באַקן.

נאָר זאָל זיין, אַז עס האָט אַפילו געהילכט
ווי אַ וואַלד אין אַ זאַווערוכע —
דער סוף אָבער איז — אַז ס׳האָט אָנגעמאַכט
אַ שרעקלעכע סומאַטאָכע.

די רו — דאַרף מען וויסן — האָט אין קאַשטאַכאַן
ווי אַ שטאָל נאָך דעמאָלט געשטונקען —
האָט מען (פון אַט־אָ־דעם טומל געוועקט)
מיט אימה זיך איבערגעוואונקען.

אין אָנהויב האָט מען אַפילו געמיינט
אַז דאָס טוט זיך דער הימל שפּאַלטן.
האָט מען שול און קלויסטער אויפגעשטעלט,
זיי זאָלן אים פאַרהאַלטן.

האָט אָבער אָדם (ווען ר׳האָט דאָס דערזען)
געמיינט אַז מען וויל אים כאַפּן,
האָט ער מיט די לאַפּעס הינטער זיך
געזוכט עפּעס אָנצוטאַפּן.

האָט ער אָנגעטאַפּט אַ גוואַלדאָוונעם שטיין,
און גענומען טראַסקען מיט שטיינער.
האָט שוין גאַנץ קאַשטאַכאַן, ווי מאַלפּעס פּאַר כעס
געקלאַפּט מיט פויסטן און ציינער.

און אַזוי — ביז זיי האָבן מיט לאַפּעס ביים דיך
ווי צעגליטע שטיקער אייזן —
זיך געשוואָרן אַפילו, אַז אָדם געביין
טאָר זיך מער אין דאָרף ניט ווייזן.

און מען האָט טאַקע באַלד זשאַנדאַרן צעשטעלט
מיט פּאַלקעס אין די לאַפּעס,
(און כדי זיי זאָלן סטראַשנע זיין —
אויך מיט פעדערן אויף די שליפּעס).

אמת, אָדם האָט רואיק געקאָנט
אויפן באַרג זיך בלייבן זיצן.
האָט ער דווקא פון אונטן קוקן געוואָלט
אויף שול־און־קלויסטער שפּיצן.

האָט ער אָפּגעטשאַטעוועט אַ צייט
ביינאַכט ווען זיי זיינען געשלאָפן —
(מ'איז נאָך דעמאָלט געשלאָפן שטייענדיק
מיט מיילער און אויגן אָפן).

נאָר געכראָפּעט האָט מען אין שלאָף אַזוי,
אַז מען האָט דאָס געהערט אויף מיילן —
האָט אָדם חוזק אַ כאַפּ געטאָן,
און זיי זיינען אַראָפּ ווי פיילן.

און דעמאָלט טאַקע — ווי שוין געזאָגט —
האָט דער סוף זיך אָנגעהויבן,
ר'איז אַרויף מיט חוהן אויף אַן עפּלבוים,
צו זען די שפּיצן אויבן.

און אַז עפּל וואָס זיינען האַרט, איז אַ פּרעם —
איז נאָך בעסער אוודאי פלוימען.
האָט מען געדרייט זיך פון בוים צו בוים,
אַזוי ווי דער רויך פון אַ קוימען.

אין אָנהויב האָט מען געשטופּט אין זיך
פיל סע קאָן אַריין — און געקוואָלן.
נאָר ווען אָדם האָט דערזען, אַז דער בויך
ביי זיין חוהן איז שוין געשוואָלן —

האָט זיי ביידן פאַר פּחד באַגאָסן אַ שוויים,
אַז עס האָבן זיך אַזש די בלעטער
צוגעקלעפּט צום לייב ווי אַ קלייד,
וואָס מען מאַכט אויפן צענטימעטער.

נאָר וואָלטן זיי ביידע כאָטש ניט געהאַט
אַזוינע בערישע לונגען —
זיי האָבן געגוואַלדעוועט, און געברומט,
ווי מען וואָלט זיי אָנגעדונגען.

און דאָס האָט אויפגעוועקט גאַנץ קאַשטאַכאָן —
מ'איז געלאָפן פון אַלע וועגן.
און באַלד האָט זיך טאַקע דערהערט אַ געשריי
מען זאָל אַ פייער צעלייגן.

און אַזוי איז געשען, אַז אַרום אַ שטיין
האָט מען שטרוי צונויפגעקליבן —
און דאָס פייער האָט מען פונעם שטיין
מיט די הינטנס אַרויסגעריבן.

און אָדם דעם וויסטן בהמתניק,
און דער קאַבילע חוה,
האָט מען איינגערעדט טאַנצן אַרום דעם —
ווייל דאָס איז די גאָלדענע פּאַווע.

און אַז זיי האָבן שוין ביידע דערביי
געסאָפּעט ווי אַ בלאָזאַק —
האָט מען זיך געקריגט, צי מען מעג דעם טאַנץ
טאַקע אָנרופן אַ קאָזאַק.

און אַז ביי זיי ביידן איז שוין דאָס לייב
געהאַנגען אַזוי ווי אַ שמאַטע —
האָט זיך איינגעשפּאַרט אַ מודרע כאָם,
— „טרעבאַ האַלשע טאַנצאָוואַטע".

נאָר מען וואָלט זיי נאָך ביידן פאַרבראַנט אפשר אויך,
ווען נישט דער קלעזמער דאָס יידל.
אוים רחמנות צו זיי האָט ער געזאָגט
אַז ס'איז קאַליע ביי אים דער פידל —

און הינטערן פלויט האָט ער אויף גיך
זיך באַגאַסן מיט בוימל אַ קריגל —
און פון הינטן צום קאָלנער זיך צוגעקניפּט
אַ פּאָר ווייסע קאַטשקע-פליגל —

און ס׳זאָל אויסזען ווי גאָלד, האָט ער פון שטרוי
זיך געמאַכט אַ פּאַריק מיט אַ בערדל —
און מיט דעם סמיק, וואָס האָט אין זיין האַנט
ביים פייער געשיינט, ווי אַ שווערדל —

האָט ער אָדם מיט חוהן אַרויסגעיאָגט
פון קאַשטאַכאַן אינגאַנצן.
— גאַיץ, גאַיץ, — האָט ער צו זיי געזאָגט —
ערגעץ אַנדערש אַביסל טאַנצן.

— עץ וועץ אויך — האָט ער געבייזערט זיך —
אין דער פינצטער האָצקען קענען.
נאָר טאָמער צעלייגט עץ אַ פייער דאַביי
געץ אַכטינק, עץ קענצעך פאַרברענען. —

און מיט געבויגענע קני און קעפּ
און מיט לאַפּעס ביז דער ערד אַרונטער
האָבן ביידע זיך טאַקע פאַרלוירן באַלד
ווי צוויי שיפלעך וואָס גייען אונטער.

(און ווי טאַקע דאָס אַלצדינג וואָלט געווען
ניט מער ווי אַ ווילדע מעשה)
זיינען זיי דאַמאָלט אַוועק — ווי עס הייסט —
אַזש קיין טעמנע באַראַדייסע.

דאָס איז אַן אָרטשאַפט ביים סוף פון דער וועלט
ערגעץ אין אַ תהום אַ טיפן,
וואו מען קאָן ניט צוקומען — ניט מיט קיין באַן,
און אַפילו ניט מיט קיין שיפן.

נאָר דער גרויסער געלערנטער פּאַנטשי־פּו
האָט אַפילו אויסגעפונען
ווי אָפּט עס האָבן זינט יענער צייט
זיך געביטן לבנות מיט זונען.

און לויט די צייכנס וואָס ווייזן זיך
אויפן נאַכטיקן הימל אויבן —
קומט ביי אים אויס, אַז זיי לעבן נאָך היינט
(אויב ס'איז מעגלעך אַזוינס צו גלויבן).

— זיי לעבן — זאָגט ער — פון קראַפּיווע
אויסגעמישט מיט בלאָטע.
און די בלעטער אויף זייער פאַרשוויצטן לייב
הענגען שוין, ווי אַ קאַפּאָטע.

נאָר אַז מען דערטאַפּט אַביסל שטרוי
ביי אַ שטיין, געשיצט פון די ווינטן,
רייבט מען נאָך אַלץ דאָס פייער אַרויס
ווי אין קאַשטאַכאַן — מיטן הינטן —

און אַז אָדם גייט אַרום פייער אַ טאַנץ
טאַנצט מיט אים אויך חוה.
נאָר דאָס קומט דערפון וואָס זיי גלויבן נאָך אַלץ
אַז דאָס איז די גאָלדענע פּאַווע.

נישט אָדם שלאָגט, און נישט חוה בייסט,
ווי זי האָט אַמאָל געביסן.
נאָר טאַנצן, טאַנצן זיי אייביק, די קעפּ
צו דער הויך אַרויף פאַררימן.

— דאָס בענקען זיי — אַזוי זאָגט פאַנטשי־פו —
צו די וועלף און צו די שלאַנגען
וואָס זיי האָבן אַמאָל מיט די הוילע הענט
פון די נעסטן אַרויסגעפאַנגען.

אָווראַיע, ווי נאָר עס גייט אויף אין דער הויך
דער מינדסטער שיין פון אַ שטערן
וואָיען זיי — אַז די חיות אַרום
האָבן מורא זיך איינצוהערן.

און ווען עס הויבן זיך פייגל אויף
אין צווייען, צי גאָר אין דרייען —
הילכט ווי אַ דונער דער גאַנצער תהום
פון זייערע ווילדע געשרייען.

ניט תמיד אָבער גייען שטערן אויף,
און ניט תמיד פליען פייגל —
דעמאָלט וויינען זיי ביז זיי שלאָפן איין
אַרומגענומען ווי בייגל.

## ווען דער האַרבסט...

רייד פאַראַן אין מיר אַזוינע שיינע, אפשר,
ווי קינדער ערשט פון שלאָף.
אַז דאָ אָבער איז אָוונט-זון אין פענצטער,
שטיי איך און איך שווייג אין זיך געבויגן,
זע איך אויס פאַרטרויערט.
נאָר אַז מיין קאָפּ איז שוין אַ זילבער-גרויער,
זאָג איך אויס. — איך גלויב, אַז ווען איך טרויער,
זיינען מיינע אויגן קינדישער,
זיינען מיינע אויגן בלויער,
זאָלן מיינע אויגן צו דיר ריידן.

צי איך בענק? און ווי אַזוי?
די אָוונט-זון, וואָס שיינט, איז דאָך אוודאי
שענער פון מיין בענקשאַפט.
שווייג איך אויך און האָרך צום בוים אין דרויסן,
און ערגעץ רוישט דאָך אויך דיין זיידן קלייד אויף דיר.
די פייגל אָבער אין דעם בוים דאָ
וועלן זינגען מאָרגן, ווען די זון וועט אויפגיין.
די פאַלדן אָבער פון דיין קלייד,
זיי וועלן אויף דעם שטול, דעם אַלטן, דיר אַנטקעגן
האָרכן, אפשר, ווי עס וויינט דיין לייב צו מיר
אין מאָרגן-חלום דיינעם.

איבער אומגעציילטע שטעט און דערפער ווייט פון דיר בין איך,
און מיט די אויגן מיינע אָפענע אַנטקעגן דיינע,
און מיט די ליפּן מיינע איבער דיינע
אַזוי נאָענט זע איך דיך,
אַז בלויז, אפשר, אַ בלעטל פון דער בלום.
וואָס איך האָב פון דיין גאָרטן מיר צום אָפּשייד מיטגענומען,
קאָן דיך נאָך אויסהיטן פון מיר באַרירט צו ווערן.
נאָר, אפשר, זעסטו זיך שוין אויך אין מיינע אָרעמס איצטער
און דיינע הענט אַרום מיין נאַקן ציטערן,
ווי מיין באַגער צו דיר — וואָס חלומט דיך אַזוי ?
— ווי אָפּגעזונדערטע אויף אייביק פון דער זאָרג,
און איבער רעדער־רויש אויף רעלסן פליען מיר —
רעדער — כישוף־שפּילער, רעלסן — ריזן־סטרונעס,
שפּילט עס ווי אויף טויזנט וואונדער־אָרגלען
אַרום דיר, מיין טרויער.

— — —

צי וועל איך אויף אַן אמת זיך נאָך זען מיט דיר, מיין טרויער ?

— — —

דער האַרבסט וועט מיט זיין בלוט און גאָלד
מיך מיטנעמען צו דיר, מיין גאָלדן־בלוט,
מיך מיטנעמען צו דיר, מיין בלוטיק גאָלד — מיין טרויער.

# אין האַלבער נאַכט

## 1

משה לייב, ווייסטו וואָס,
זאָל זיך דיר אויסדאַכטן, אַז זאַמד איז גראָז,
צי אפשר טאַקע זיידן בעטגעוואַנט.
וועט דיך דער ים פאַרוויגן אויפן קול,
מיט מעשׂות פון אַ סולטאַן אין אַ לאַנד,
וואָס טוליעט זיך צו צוויי־און־צוואַנציק ווייבער מיטאַמאָל;
וועט דיך די שיינקייט זייערע פאַרשיכורן ווי ווייץ,
וועסטו אין האַרעם מיט געוואַלד אַריין,
און אויסרייסן די באָרד
דעם אַלטן הולטאַי דאָרט,
און דורך אַ פענצטער אים אַריינוואַרפן אין ים,
וועט פון דעם פּליסק זיך אויפכאַפּן אַ פיש
דאָרט אין דער טיפעניש.
וועט ער אַרויסקומען און וועט אַ מאַך טאָן, — האַם.
וועסטו זיך אויף דעם סולטאַנס אָרט אַנידערלייגן
און וועסט זיך אויסמאָלן, אַז דו ביסט ער,
וועסטו שוין מער ניט דאַרפן זיין אָט דער,
וואָס ליגט ביים ים אין קוני־איילענד דאָ אין רעגן.
וועט מירטל האָבן צוגעמאַכט די טיר
פאַר עמעצן אַן אַנדערן — און ניט פאַר דיר,
וועסטו ניט דאַרפן ברוגז זיין פאַרוואָס איר טעכטערל
האָט דורכן קוקערל אַרויסגעלאַכט,
ווען דו אין דרויסן אין דער נאַכט
— צום צענטן מאָל פאַרטריבן —
ביסט ווי אַ גולם שטיין געבליבן.

## 2

זיצט דער סולטאַן משה־לייב די הענט איןביידע ארבל,
קראַצט אים מיט אַ גאָלדן שאַרבל
דער אַבעסינטשיק קאַלי־באַבי;
קריכט אַריין אויף אַלע פיר דער עלטער־גבאי
פון די יעוונוכן,
וואָס פאַרשפּרייט געדוכן,
פון די טייערסטע געוואַרצן
אין דעם האַרעם.
ווערט דעם סולטאַן משה־לייבן וואַרעם,
כאַפּט ער די געליבטע פון זיין האַרצן
פאַרן הענטל,
לויפט מען און מען ברענגט אַ שפּאַניש־ווענטל.
גיט ער אַ באַפעל לאַ גוואַרדיאַ קאַפּוזיש —
קען דער יעוונוך ניט קיין פראַנצויזיש.
טייטשט דאָס אים דער הויפּטהאַר מיט די ברילן
— זיינע מאַיעסטעט דער סולטאַן — מאַכט ער — ווילן
עץ זאָלט אַזוי גיט זיין אויסטין ביז די לאַבער
אַלע זאַנע צוואַיאונצוואַנציק שאַינע וואַבער,
און עץ זאָלט צעלאַיגן זאַי
ווי זעלנער אין אַ ראַי,
די איידלע פאַרענט און די גרעבערע איין ביסבען וואַיטער,
וואַיל זאַ בעשטאַיט ער. —

## 3

פאַרוואָס איז אַזוי אומעטיק דער סולטאַן משה לייב?
ער טראַכט פון מירטלען זיין פאַרלוירענער. —
זיבן וויסטע רויבער האָבן זי געפאַנגען,
ווען זי איז אויף שפּאַציר געגאַנגען
אין פאָמעראַנצנגאָרטן לעבן קאַוועפעלד.
דער יעוונוך כאַכאַטש איז אויסגעווען אַ וועלט
ביז ער האָט זי געפונען ערגעץ ביי אַ ים-ברעג דאָרט
אויף אַ פאַרוואָרפן אָרט.
אַ יידל מיט אַ האָרב איז איצט איר מאַן,
ער האָט פאַר איר מיט גערשטן זיבן מאָס באַצאָלט
און מיט אַ האָרקעמל פון פאַלשן גאָלד.
און ווייל עס שטייט אין הייליקן קאָראַן
אַז זי אַ ווייב,

און אשת איש,
דארף ריין האלטן דאָס לייב,
פארטיליקט זי דערפאר
איר בענקעניש
צו אים, דעם סולטאַן, איר געליבטן האר — — —
כאַכאַטש האָט איינמאָל זיך מיט איר באַשטעלט
צו קומען זי אַרויסגנבענען ביינאַכט
האָט זי פאַר אים די טיר פאַרמאַכט,
און האָט אַרויסגעוויינט אַ מוראדיק געוויין.
האָט ער אַהיים זיך אומגעקערט אַליין.
און אָט וואָס ער דערציילט:
נישטאָ קיין מירטל מער אויף אַללאָס וועלט,
אַ קראַנקע פרוי איז דאָ
אויף אַזאַ אינדזל וואָס איז ווי אַ מדבר וויסט;
קיין בוים אויף מיילן ווייט נישטאָ,
בלויז זאַמד און דאָ און דאָרט אַ בערגל מיסט,
און קעץ, וואָס וויינען מיטן ים און מיטן צפון־ווינט.
די שטיבלעך זעען אויס
ווי אויפגעשטעלט פאַר הינט
און אָרעמע שניידערס בלויז,
און גאַסנרייניקער באַוואוינען זיי.
און זי וואוינט אויך אין אַזאַ באַנגאַלאַ —
קיין קוימען איז אפילו אויפן דאַך נישטאָ,
איין פענצטער בלויז, וואָס גייט אַרויס צום בעי —
אַ טייך אַזאַ — וואָס ציט זיך ווי אַ לאַנגער עק
פון ים אַרויס — און וואָס פאַרפלייצט דעם ברעג
מיט טויטע ים־חיות, וואָס שטינקען אין אַ פאַגע,
כמעט ווי יעזוס־גלויביקע, אין זייערע קלויסטערס ווען ס'איז חגא
אין זאַמד,
ביים פאַרקאַן דאָרט, אַוואו עס האָבן זיך פאַרצאַמט

די רייכע לייט, וואָס פּרעגלען ווי חזרים זיך אין אייגן שמאַלץ,
אין פייער פון דער זון און אין דעם וואַסערזאַלץ —
דאָרט האָט ער זי צום ערשטן מאָל דערזען
אין מיטן טאָג, אין זומערצייט איז דאָס געווען,
איין העמדל אויפן לייב — אַ שוואַרצס —
און קורץ, ביז צו די לענדן קוים — און מיט אַ נאַקעט האַרץ —
און אויך אין זאָקן בלויז אַ פּאָר — אָן שיך —
אַזוי האָט זי אינאיינעם מיט אַ קינד געוואַלגערט זיך,
און האָט אים ניט דערקענט.
נאָר ווען זי האָט דערזען אין זיינע הענט
דאָס כתב פון אים — איר סולטאַן משה לייב,
האָט זי געוויינט אויף אַללאַס גרויסער שטראָף.
שוין זיבן יאָר — האָט זי געזאָגט — האָט זי ווי אָן אַ סוף
געוואַרט.
דער טאָג האָט זי געמאַטערט און די נאַכט גענאַרט
און זי האָט אַלץ געהאָפט דערלייזט צו זיין.
נאָר איצט קאָן זי ניט גיין צוריק צו זיך אין לאַנד אַריין,
איר קינד — איר איינציק גליק,
געבוירן דאָ — וועט בענקען דאָ אַהער צוריק,
צו אירע חברטאָרינס צו די קליינע — — —
אַללאַס און דעם סולטאַנס הייליקע מעקא
איז פאַר איר אַ נאָמען בלויז פון דעם טאַבעקאַ,
וואָס איר פּאַפּאַ קויפט צוליב די שמאַטקעלעך, די שיינע,
וואָס מען גיט צו יעדן פּעקל —
ער וויל, אַז זי — זיין טעכטערל דאָס פינעפיעריקע,
זאָל אויסנייען פאַר אים פון דעם אַ תפילין-זעקל.
אַזוי האָט זי — דערציילט כאַכאַטש — גערעדט, גערעדט
אין דעם קוני איילענד דאָרט... אין דעם אַמעריקע...
און האָט דערביי געגלעט
מיט ציטערדיקע הענט

דאָס קינד אירס אויפֿן שויס,
און ווי אַן אָונט־זון, וואָס לעשט זיך אויס,
האָט ווייַנענדיקער צער געברענט
אין אירע אויגן,
און אויף איר שייַנעם קאָפּ,
ווען זי האָט צו דער ערד אראָפּ
איר שטערן צוגעבויגן. — — —

### 4

א הינטל מיט א קינד ביים ים
האָבן געפונען אַ גאָלדענעם קאַם,
האָט איטלעכס פון זיי פאַר זיך געוואָלט
דעם שיינעם קאַם, דעם קאַם פון גאָלד,
און די שיינע פרוי אין ים פאַרפאַלן
האָט ארויסגעוויינט פון די ווייסע וואַלן
דאָס ליד פון גאָרנישט.

די פרוי האָט געוויינט און דער ים מיט איר,
האָב איך געטראַכט וועגן דיר און מיר,
האָט דאָס הינטל מיטן קינד מיר געבראַכט
דעם גאָלדענעם קאַם, וואָס כ'האָב אויסגעטראַכט.
האָט דאָס קינד געקוקט מיט דיינע אויגן,
האָב איך זיך געשטרעקט און צוגעבויגן
צום זאַמד אַראָפּ און צו גאָרנישט.

האָב איך אַראָפּגעלאָזט מיין קאָפּ,
ווי אַלעמאָל ווען איך נאָר זיך אָפּ,
און איך האָב ניט געוואוסט, וואָס מיר טוט וויי,
נאָר אַ טרויער אַזאַ וואָס איז ווייס ווי שניי
האָט דאָס ליכט פון די אויגן מיר אויסגעפרוירן
ביז אַלצדינג אַרום האָט זיך פאַרלוירן
און איז געוואָרן גאָרנישט.

האָב איך אין דער שטיל זיך געבעטן ביי דיר
דו זאָלסט זיך מער ניט דערמאָנען צו מיר,
האָסטו מיר אָנגעקוקט קאַלט און פרעמד
ביז איך האָב זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט,
האָב איך מיין ליולקע אָנגעצונדן
און איך האָב מיין שניפּס מיר איבערגעבונדן
כלומרשט — איך זע דיר גאָרנישט.

האָסטו איבערגעלאָזן דעם ברעג און מיך
אינאיינעם מיט איינעמס צוויי אַלטע שיך
און דורכזיכטיק-לויטער שיין און קראַנק,
אַזוי ווי די זון ביים אונטערגאַנג
מיט וואָלקנס ווי מיט צירונג באַהאַנגען
ביסטו אַוועקגעגאַנגען — פאַרגאַנגען.
איז געבליבן נאַכט, און גאָרנישט.

5

משה לייב וועט אויסטראַכטן אַ שיף וואָס גייט אַוועק,
און אַזוי לאַנג וועט ער איר נאָכקוקן פון ברעג
ביז ער וועט זען דעם לעצטן וואָלקן רויך פאַרשווינדן.
און דעמאָלט וועט ער ווי די ליכט צוקאָפּנס,
וואָס מען טוט זיי ביי אַ טויטן צינדן,
אַ פייער ביי דעם ברעג פון ים צעלייגן,
און ווי מען וויגט זיך
ביי דעם קדיש וואָס מען זאָגט פון טויטנס וועגן,
וועט ער זיך וויגן ביי דעם פייער,
און וועט קלאָגן
אויף דיין נשמה, וואָס ער האָט ביים ים פאַרלוירן,
פאַרלוירן — — — אָנגעוואָרן — — —
אויף אייביק, אויף אייביק אָנגעוואָרן — — —

## אָוונט

1

ווי קרענקלעך ראָז עס זעען אוים די הייבלעך דיינע
אויף די אויגן,
און וואָרום זע איך דיך — די ברעמען דיינע
אַלעמאָל אַרויפגעצויגן,
מאַראַבלי?

מיט די אויגן מיינע איבער דיינע גלידער
שפרינג איך, ווי אַ ווילדע מאַלפּע, איבער צווייגן;
און דו מיט אויסגעשפּרייטע הענט (און ווי פון שטיין געפורעמט
יעזוס אויפן צלם) הערסט ניט אויף צו שווייגן,
מאַראַבלי!

ווי אַ מוטערס לייב צום זויג-קינד נאָענט,
און דאָך אַזוי אומענדלעך ווייט ביסטו פון מיר.
ווי דער הימל אין דער הויך אין זיינע אָוונט-פאַרבן
און ווי די אָוונט-זון ביים אונטערגיין — ביים שטאַרבן, — — —
מאַראַבלי!

2

ניט ווי די אָוונט-זון
זיך ביז אין טויט אַריין פֿאַרשפּילן וויל איך.
נאָר זאָלן אויפֿהערן זיך שפּרייטן
אַזוינע מיילן-ווייטע פֿינצטערנישן איבער באַרג און טאָלן,
ווען די נאַכט קומט.
און זאָלן אויפֿהערן זיך מאָלן
אַזוי פֿיל שרעק און טרויער-בילדער אַרום מיר,
ווען די נאַכט קומט.

נישט נאָך לויטערקייט פֿון שטערן בענק איך, —
ווען די נאַכט קומט.
בלויז אַ לעמפּל אין אַ ווינקל וויל איך זאָל מיר שיינען,
ווען די נאַכט קומט.
און בלויז — איך זאָל ניט דאַרפֿן הערן,
ווי אַ פּוסטע ווינטמיל וויינט אַלצדינג אַרום מיר —
ווען די נאַכט קומט.

3

רויט איז די ווילדע מאַנבלום אין פעלד
און איבריק, ווי אָרעמקייט אויף דער וועלט.
און רויט איז דאָס בלוט, וואָס וויינט און רינט
דורך די אָדערן פון דער מאַמע צום קינד.
און איבער דעם מענטש אין זיין איינזאַמקייט
גייט אויף די זון און זי פאַרגייט
אַזוי אייביק בלוטנדיק און רויט,
ווי די סערפּ, וואָס מיר זעען ביי דעם מלאך פון טויט.
און אַפילו די נאַכט, וואָס דעקט אַלצדינג צו,
ווי די ערד דעם מענטש אין זיין אייביקער רו,
האָט אַ שטערן אַמאָל, וואָס ציטערט אויף,
ווי דאָס לעבן וואָס וויינט צו אים אַרויף,
און דאָס לעבן וויינט דאָך, אַזוי ווי אַ הונט,
וואָס בלוטיקט פון אַן אָפענער וואונד. —
און עס ברענט דאָך די וואונד ווי אַ פייער אין פעלד,
אין מיטן דער נאַכט — אין דער פינצטערער וועלט — — — —

## אָ, גינגעלי מיין אומעט

זיי קלאָר מיין גינגעלי,
ווען ער, דער אָרעמער יאָהאָמאָ, האָט דערזען
די רויטע צייכנס אויף דיינע ווייסע הענט,
און ווען ער האָט דערקענט אויף זיי
דעם אָטעם פון טשאָהי־טשאָהו זיין פריינט,
האָט ער אפשר געדאַרפט פאַרנויגן זיך פאַר דיר
ביז צו דער זוים פון קלייד וואָס נעמט אַרום דיין לייב,
און מיט די אויגן בלויז אַ קוש טאָן דיר צום לעצטן מאָל דיין האַרץ:
נאָר אַז דער קאָפּ זיינער וואָס איז שוין גרוי ווי זילבער
האָט ווי אַ טויטנקאָפּ אַרויסגעוויינט צו אים
פון שפּיגל דיינעם,
האָט ער דאָך ניט געקאָנט זיך צווינגען מער
דעם אומעט זיינעם לענגער צו באַהאַלטן.
עס קאָן דאָך ניט דער האָן
דעם העלפאַנט צודעקן מיט זיינע פליגל.
און ווער איז שטאָלץ אויב ניט דער האָן דער נאַר.

ווי זאָגט דער גרויסער וואַנדילייאַ:
דאָס מינדסטע פייגעלע קאָן זינגען ווען די זון גייט אויף,
קאָן פליען ווען די זון גייט אויף,
און בלויז דער האָן, דער נאַרישער, צעשרייט זיך,
ווי נאָר פאַר אים אליין וואָלט זיך די זון באַוויזן;

און בלויז אַ קינד אַ קראַנקס וואָס קאָן ניט שלאָפֿן, וועקט ער,
און בלויז דעם אָרעמאַן דעם זאָרגן-קיניג וועקט ער,
דעם וועכטער, מעג ער קרייען אין אויער אַריין אַפילו —
ער גייט אַהיים און לייגט זיך דווקא שלאָפֿן.
און ווען צעשפּרייט דער האָן די פליגל זיינע?
ווען ער באַפאַלט אַ שוואַכן ברודער זיינעם,
צוליב אַ זערנעלע וואָס יענער האָט געפונען.
און ווען די נאַכט וואָס קומט, הייסט אים אַליין זיך היטן
פאַר אַלע בייזקייטן וואָס קומען מיטן חושך — — —

געבענטשט זאָל זיין דער גרויסער וואַנדעליי.
אַז זים ווי ברויט מיט האָניק איז זיין משל.
און ליכטיק איז עס ווי דער שענסטער שטערן.
דער שטאָלץ אין אונדז צעשפּרייט דאָך אויך די פליגל
ווען אונדז באַפאַלט די שנאה צו אַ ברודער.
נאָר אַז עס קאָן דער האָן ניט אויסמיידן די נאַכט
אַפילו ווען ער גרייכט צום העכסטן בוימשפּיץ,
ווי קאָנסטו אויסמיידן דעם אומעט דיינעם
וואָס איז אין פינצטערניש געגליכן צו אַ העלפאַנט,
וואָס קאָן דיך טראָגן איבער וויסטענישן
מיט אַלע דיינע ווייבער אויף דיין פלייצע,
מיט אַלע דיינע קינדער, אויב דו ווילסט נאָר.
און ווען דו זאָלסט אַפילו ווי דער טיגער שטאַרק זיין,
צי קאָן ער ניט דיין בלוט אין זאַמד צעגיסן,
און ווי אַ וואָרעם דיך מיט זיינע פיס צעטרעטן?

און וואָס איז שוין ווען דו ביסט קלוג אַפילו
מיט רייד ווי גאָלד דיין אומעט צו באַצירן?
דער קליגסטער קלאַון, האַוואַיאַ פון גולדאַטי,
האָט אויסגעלערנט בוהאַדאַ זיין העלפאַנט,

אַז ער אַליין זאָל אָנטאָן זיך דעם מאַנטל — — —
און וואָס האָט ער געזאָגט אין זיינע גסיסה־שטונדן?
— מיט לייבן און מיט וועלף, מיט לעמפּערטן און טיגערס
האָב איך אַ לעבן־לאַנג צו שפּילן זיך באַוויזן,
ווי אין אַ זומער־טאָג מיט קינדערלעך אין גאָרטן,
נאָר מיט מיין בוהאַדאַ, מיין ליבן העלפאַנט,
האָב איך אַ לעבן לאַנג זיך אָפּגעמאַטערט.
און ווי ס'איז שווער אַ באַרג פון אָרט צו רירן,
איז שווער געווען פאַר מיר אים אויסצולערנען
ער זאָל דאָס קונצשטיק וויזן, זיך אַליין צו לייגן,
עס זאָל זיך אויסדאַכטן דעם צירק־באַזוכער
אַז ער האָט זיך געלייגט צו שלאָפן אויף אַ וויל —

צו שלאָפן אויף אַ וויל אַ בוהאַדאַ, מיין העלפאַנט — — —

צו שלאָפן אויף אַ וויל, אַ גינגעלי, מיין אומעט — — —



## יאָהאַמאַס באַנגליד

פליט די באַן מיט מיר אין טאָג אַריין,
זע איך דיך אין טויט און מאָרגנשיין,
מיין גינגעלי.
גיט מיין בענקעניש צו דיר פאַרויס,
ווי אַ פויגל אַזאַ וויטן פלי,
מיין גינגעלי.

בין איך לענדערוויט אַוועק פון דיר,
ברענגט דער מאָרגנווינט דיין אָטעם מיר,
מיין גינגעלי.
זינגען טייך און גראָז און בוים ביים וועג
פון דיין ליכט און שיינקייט אין דער פרי,
מיין גינגעלי.

גליט אין מיר אַ לויטערער מיין טרוים,
ווי די זון ביי דיין געלעגערזוים,
מיין גינגעלי.
וויינען ציטערדיקע מיינע הענט —
פרייד און טרויער — אָרום מיינע קני,
מיין גינגעלי.

## מיט זיך אַליין

יאַהאַמאַ, מײַנער דו,
דײַן פֿרײלעכקײט איז וואוהין אַוועק?
— איך האָב אין אָוונטשײַן אויף גאָלדן גליק געוואַרט,
האָט גינגעלי, דאָס ווילדע רעטעניש,
ווי פֿון אַ טײַך אַ פֿיש
מײַן אָרעם האַרץ בײַ מיר אַרויסגענאַרט
און אָנגעהאַנגען דאָס דעם מילנערס בלאָנדן אײזל אויפֿן עק
איז ער מיט דעם אין מיל אַרײַן אַוועק
אין מיל אַרײַן אַוועק.
אין מיל אַרײַן אַוועק.

יאַהאַמאַ, מײַנער דו,
ווי וועסטו אָן אַ האַרץ אַרומגײן דאָ?
— דער שוסטער, יאַנקל בער, וואָס מאַכט מיר מײַנע שיך,
איז אין זײַן פֿאַך אַ וואונדער אויף דער וועלט, —
האָב איך בײַ אים באַשטעלט
אַ האַרץ אַ לעדערנעם פֿאַר זיך,
וועל איך מיר שוין מסתּם, ווי זרחי זאָגט, ביז צו מײַן לעצטער שעה
מיט אָט דעם האַרץ אַזוי אַרומגײן דאָ,
אַזוי אַרומגײן דאָ.
אַזוי אַרומגײן דאָ.

## ווען די זון פאַרגייט

אַ, ליולקע מײַנע,
צווינג מיך ניט צו ריידן פּוסטע רייד.
ניט ווײַל איך האָב דיך פּיינט האָב איך פאַרדרייט
אַ פּאַפּיראָס — מיר פון ציגאַר־פּאַפּיר פאַרדרייט, —

נאָר ווייל ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאָרף אין זיך,
וואָס קאָן דערמאָנען שווייגנדיק אָן רייד
דעם אָטעם פון אַ פרוי אין שוואַרצן זיידנקלייד,
וואָס איך האָב אויסגעטראַכט, — אין שוואַרצן זיידנקלייד.

— און ווייל ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאָרף אין זיך,
וואָס קאָן דערמאָנען שווייגנדיק אָן רייד
אָן ווייטע יום־טובדיקע טעג פאַרגאַנגענע פול פרייד,
וואָס איך האָב אויסגעטראַכט — פאַרגאַנגענע פול פרייד.

— און ווייל ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאָרף אין זיך,
וואָס קאָן דערמאָנען שווייגנדיק אָן רייד
דעם רויש פון הארבסט אין גאָרטן, ווען די זון פאַרגייט, —
דעם גאָלדענעם רויש פון הארבסט אין גאָרטן
ווען די זון פאַרגייט —
ווען די זון פאַרגייט.



# זרחי ביים ברעג ים

## זרחי צו זיך אליין

### 1

א זרחי, זרחי, דו קאָנסט ניט מאַכן
עס זאָל זיך אויפבויען א בריק
איבערן ים אהין און צוריק,
און דיין בענקשאַפט שטייט דאָך אויף יענער זייט
מיט רויט־אויפגעהויבענע לאַפּעס, און שרייט,
ווי א דאַרפס־מויד, וואָס דאַרף שוין א מאַנצביל האָבן,
א מאַנצביל האָבן,
א מאַנצביל האָבן.

און אומזיסט, וואָס דו קוקסט אויף די שיפן, זרחי,
דו שלאָגסט זיך בלויז אין דיין קאָפּ אַריין
טשוועקעס — מיט דעם וואָס דו רעדסט זיך איין.
זיי פירן בלויז אַלע אַזוינע לייט,
וואָס האָבן גאָלד און וואָס האָבן צייט
צו עסן איינמאָל און נאָכאַמאָל עסן, —
און נאָכאַמאָל עסן,
און נאָכאַמאָל עסן.

וואָלסטו אפשר געקאָנט ביי דיין חלום פּועלן,
אַז ער זאָל מאַכן אַ וואָלקן פון דיר.
נאָר וואָס טויג — אַז איידער מען גיט זיך אַ ריר,
טראָגט זיך אָן יעמאַכשמאַי פון דער ווייט,
דער ווינט מיט אַ מעסער אַזאַ, וואָס צעשניידט
דעם שווערסטן וואָלקן ווי קרויט אַ קעפּל,
ווי קרויט אַ קעפּל,
ווי קרויט אַ קעפּל.

און ווייזן די צונג העלפט אויך ניט, זרחי,
אַזוינס קאָן דאָך באַווייזן אויך
אַפילו אַ טויטער, וואָס הענגט אין דער הויך.
אָדער גאָר אַ קינד, ווען עס לויפט נאָך פאַרשייט
אַרום ערגעץ אין אַ העמדל פון זייד.
אָבער דו ביסט דאָך, זרחי, דאַכט זיך, אַ חכם, —
דאַכט זיך אַ חכם,
דאַכט זיך אַ חכם.

2

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט.
ער האָט ליב די אָוונטזון אויף גראָז.
און די אָוונטזון דווקא שיינט און ברענט
ווי אויף רויען פלייש אויף די פיס מיט די הענט
פון דער מויד וואָס קעמט זיך אין דרויסן.

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט
ער האָט ליב פאַרקלערטקייט אין אָוונטשיין
און זיין שכן זעט ווי אַ קצב־יונג אויס
און דווקא נאַקעט אויך, קומט ער אַרויס
צו דער מויד וואָס קעמט זיך אין דרויסן.

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט.
ער האָט ליב דער ווינט זאָל זינגען אין בוים.
נאָר דער ווינט האָט פיינט דעם בוים וואָס איז טויט,
און ער זינגט אין די געפאַרבטע האָר פון דער מויד
וואָס זיצט און קעמט זיך אין דרויסן.

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט.
ער האָט ליב וואָס ער זעט שוין די נאַכט וואָס קומט.
זי וועט נעמען די מויד אין אַ שטוב אַריין
און וועט שענקען אַביסל לבנה־שיין
דעם טויטן בוים אין דרויסן.

3

וואָס טויג דאָס זרחי דעם שוטה, מיט זאַמד
אַ מילכפּלאַש אָנצופּילן?
די ווייבער אין זייער נאַקעטקייט
האָבן ליב זיך צו שפּילן מיט גאַסנרייד;
רעדט ער זיי איין ווי קינדער פאַרנאַכט
אַז דאָס זאַמד איז גאָלד וואָס דער ווינט האָט געבראַכט
פון ווייטע פאַרבאָרגענע מילן —
זיי זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו שפּילן.

וואָס טויג דאָס זרחי דעם שוטה, אין זאַמד
אַ גרוב אַזאַ צו גראָבן?
עס האָבן די ווייבער זיין ביסל פרייד
פאַרסמט מיט זייער נאַקעטקייט;
איז ער אַזוינער וואָס ווייסט צו גוט
אַז פאַרסמטע פרייד מאַכט קאַליע דאָס בלוט
און באַשאַפט נשמה־מיקראָבן —
וויל ער זי מער נישט האָבן.

צו וואָס האָט זרחי דאָס פייער צעלייגט?
וואָס טויג דאָס אים, דעם שוטה?
ער וועט זיך אַרומגרינגלען מיט רויך
ווי יענער דאָרטן מיט זיין בויך —

וועט ער ניט דאַרפֿן זען אויפֿן מיסט
די פּיס מיט די הענט מיט די פּלייצעס און בריסט
וואָס ליגן אַזוינע ברוינע און רויטע
ווי אין בלאָטע קופּעס מיט האָרבסט־בלעטער טויטע.

וואָס שאָקלט זיך זרחי דער שוטה ביים ים
ווי אַמאָל ביים גמרא־שטענדער?
ער קוקט אויף אַ שיף וואָס גייט אַוועק —
טראַכט ער אוים פֿאַר זיך אַ ברעג
וואו מיידלעך שפּילן זיך מיט די צעפּ
און ווייבלעך מיט טיכלעך אויף די קעפּ
העקלען הייבלעך מיט וויקלבענדער
און וואַרטן אויף בריוו פֿון ווייטע לענדער.

4

— זאָל מען גלויבן?
— יאָ מיין האַר. די סטרונעס זיינען
פון זיין פרוים אַן אַלטן זאָקנבענדל.
און דער אינסטרומענט? — מען זעט דאָך,
אַז דאָס איז אַן אַלט פאַרזשאַווערט פענדל.

— קלינגט דאָס טאַקע?
— יאָ מיין האַר. דערווײַלע אָבער
וואַרט ער ביז די האַנט וועט ווערן בעסער.
ער האָט איינגעקאַרבט דאָס פענדל
מיט אַן אויסגעבאָרגט פאַרזשאַווערט מעסער.

— ווי־זשע שפּילט ער?
— שפּילט ער ווי ער קען — מיט איין האַנט.
אָבער מיט זיין ליבן נאָמענס ווילן
וועט ער, ווי עס זאָגט דער רופא,
באַלד מיט ביידע הענט שוין אפשר שפּילן.

— וועט ער שפּילן?
— יאָ, מיין האַר. ביים ברעג פון ים דאָ
ווען ס׳וועט אויפגיין דער אָוונטשטערן
און מ׳עט אפשר דאַרפן וויינען,
וועט מען אים דעמאָלט שפּילן הערן.

5

— אַ פֿאַסטעך ביי נאַכט, ביים לבנה־שיין,
שפּילט אין זיין דאַרף דורך אַ פֿענצטער אַריין;
ער שפּילט צו וועקן די מאַמע אין לייב
ביי דעם מיידל, וואָס ער וויל פֿאַר אַ ווייב —
און זרחי, מיין ברודער, אַלט און קאַלט,
שפּילט פֿאַר דעם שאָטן פֿון זיין געשטאַלט.

— אַ פֿישער ביים ברעג האָט אַ ווייב מיט אַ קינד.
ברענגט אים אַהיים אַ גוטער ווינט;
זינגט ער פֿון זיי דעם טרויער אַוועק
און די שרעק, וואָס האָט געוואַרט ביים ברעג —
און זרחי, מיין ברודער, אַלט און קאַלט,
זינגט פֿאַר דעם שאָטן פֿון זיין געשטאַלט.

— אַ בעטלער, וואָס וויינט אין גאַס אויף אַ שטיין,
וויינט ניט קיינמאָל פֿאַר זיך אַליין;
ער וויינט פֿאַר די פֿרעמדע מענטשן אין שטאָט,
וואָס רינגלען אים אַרום אין אַ ראָד —
און זרחי, מיין ברודער, אַלט און קאַלט,
וויינט פֿאַר דעם שאָטן פֿון זיין געשטאַלט.

6

— זרחי, מיין ברודער, צי איז דאָס ניט אפשר
אַ קליפּה אַ וויסטע וואָס וויינט אין דיר?
— ס'איז אפשר אַ קליפּה,
נאָר איך קאָן ניט אַריינקוקן אין מיר
ווי מען קוקט דורכן שליסללאָך פון אַ טיר — — — —
איך ווייס ניט ווי אַרום — — — —

— זרחי, מיין ברודער, די וועלט איז אַ פּאַלאַץ
און דו דרייסט זיך אַרום ווי אַ בעטלערביים שוועל —
— די וועלט איז אַ פּאַלאַץ
און איך — ווי דער סלופּ פון אַ קאַרוסעל
דריי זיך אַרום מיין אייגענער זעל — — — —
איך בין אַ שלימזל — — — —

— זרחי, מיין ברודער, דער הימל קאָן טרייסטן;
דעם פויגל פרעג און אַפילו דעם רויך.
— דער הימל קאָן טרייסטן,
נאָר איך קאָן ניט אַרויפקוקן צו דער הויך —
מיר דאַכט זיך, אַז גאָט אַליין וויינט אויך — — — —
איך ווייס ניט פאַרוואָס — — — —

## 7

גומילאַסטיקס דריי אויף אַ פּענדל פון בלעך
און מיט די ברילן צום ים אַרויס.
זרחי ווײנט אפשר זיין בענקשאַפט אויס —
וואָס ווייסן מיר, ליבע ברידער.

און ס'איז אפשר גאָרניט זרחי וואָס ווײנט,
נאָר אַ בוים וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט,
און וואָס ווײנט מיט די צווייגן אַזוי ווי מיט הענט —
וואָס ווייסן מיר, ליבע ברידער.

און ס'איז אפשר אויך ניט קיין בוים וואָס ווײנט,
נאָר די שטומע קלאָג פון אַן אויג מיט אַ האַנט
פון איינעם וואָס שטאַרבט ביי דער שוועל פון זיין לאַנד —
וואָס ווייסן מיר, ליבע ברידער.

און אפשר איז עס ניט איינער וואָס שטאַרבט,
נאָר אַ בלינדער ריז פון פאַר טויזנט יאָר
באַוויינט זיינע אָפּגעשווירענע האָר —
וואָס ווייסן מיר, ליבע ברידער.

און ס'איז אפשר אויך ניט קיין ריז וואָס ווײנט,
נאָר דער פּשוטער נאַרישער אינסטרומענט
וואָס ווײנט אונטער זרחים אַלטע הענט —
וואָס ווייסן מיר, ליבע ברידער.

## 8

ס׳איז ניט אַזוי די עלטער זרחים
וואָס ווײנט צום ים אַרויס פּאַרנאַכט;
נאָר ווײנען ווײנט ביים אָונטשטערן
דאָס טראַכטן זרחים וואָס ער טראַכט.

ס׳איז נישט אַזוי דעם מענטשנס פּראַצע
וואָס ווײנט אַרויס צו אים פון דר׳ערד —
נאָר ווײנען ווײנט די ערד — דאָס אײזן
די ערד — דאָס גאָלד פאַר קרוין און שווערד.

ס׳איז ניט אַזוי די חיה־רעה
און ניט פאַרשאָלטן איז איר בלוט —
נאָר ווײנען ווײנט דער בלינדער טרויער
אויף אַלצדינג וואָס דער הונגער טוט.

ס׳איז ניט אַזוי די טויב די ווײסע
וואָס שפּרײט צו פליען די פליגל אויס —
נאָר ווײנען ווײנט ביים רים אין קישן
דאָס פעדערל וואָס פליט אַרויס.

ס׳איז ניט אַזוי דעם שוחטס חלף,
ס׳איז ניט די ברכה וואָס ער מאַכט —
נאָר ווײנען ווײנט דאָס קינד דאָס טויטע
וואָס מ׳האָט אין וויגל אומגעבראַכט.

ס׳איז ניט אַזוי דער יין־שׂרף,
וואָס ווײנט אין גויאימס מאָרד־געשריי —
נאָר ווײנען ווײנט דער אַלטער זרחי
וואָס לעבט און טראַכט און קוקט אויף זיי.

9

— סיבאָס דער אַלטער קאַפּיטאַן
איז נאָכן עסן גוט ווי אַ קינד.
האָט ער זרחין געהייסן האָרכן צום ווינט,
און ער האָט אים דערביי אַ מעשה דערציילט
פון אַ גילגול, וואָס בלאָנדזשעט אַרום אויף דער וועלט.

— סיבאָס דער אַלטער קאַפּיטאַן
האָט אָן די ברילן ניט געזען
אַז זרחי איז פאַרוויינט געווען,
האָט ער דערציילט וועגן גילגול נאָך מער —
פון אַלטן באַבלטאָון קומט ער אַהער.

— סיבאָס דער אַלטער קאַפּיטאַן
וועט חרטה האָבן אויף זיין זינד;
געהייסן זרחין האָרכן צום ווינט —
און אַליין אַוועק מיט די הענט אויפן בויך,
און מיט אַ לאַכנדיק פּנים אין ליולקע רויך.

סיבאָס דער אַלטער קאַפּיטאַן
אויפן ים וועט ער זיין אַמאָל — — ערגעץ העט — — —
וועט אים אפשר באַנג טאָן דעמאָלט צו שפּעט,
וואָס ער האָט לאַכנדיק דערציילט
פון דעם גילגול, וואָס בלאָנדזשעט אַרום אויף דער וועלט.

10

— גילגול גילגול פון באַבלטאָן,
קום אַרויס און זאָג ווער דו ביסט?
— אין תוהו אין תוהו איבער דער וועלט,
זיינען אַלע וועגן פאַרוויסט,
זיינען אַלע וועגן פאַרוויסט.

— גילגול גילגול פון באַבלטאָן,
ווי לאַנג שוין ביסטו נע־ונד?
— פון אַלע קברים ביים וועג קלאָגט אַרויס
די מאַמע וואָס האָט מיך געהאַט,
די מאַמע וואָס האָט מיך געהאַט.

— גילגול גילגול פון באַבלטאָן,
דו קלאָגסט דאָך אַליין אין דער נאַכט?
— מיין פאַרשאָלטענעם אַלטן צימבל דאָ
פאַר אַן עדות האָב איך געבראַכט,
פאַר אַן עדות האָב איך געבראַכט.

— גילגול גילגול פון באַבלטאָן,
ווער הערט, אַז ס'איז קיינער נישטאָ?
— מיין ברודער דער וואָלקן, מיין ברודער דער ווינט,
און די וויסטע נאַכט וואָס איז דאָ,
און די וויסטע נאַכט וואָס איז דאָ.

## 11

— האָט דער אַלטער סיבאָס צו זרחין אַראָפּ,
צוגעבויגן זיין רויטן קאָפּ,
און ווייטער דערציילט די מעשה:
— די געצעלטן פון די געפאַנגענע לייט
האָבן טאַקע אויסגעזען פון דער וויַיט,
אַזוי ווי טויבן ווייסע.

נאָר די ברוינע פּנימער זיינען געווען —
ווען מען האָט זיי פון דער נאָנט געזען
קראַנק און נידערגעשלאָגן,
מען איז זיי באַפאַלן אין שלאָף ביינאַכט
און אין קייטן זיי אין דער פרעמד געבראַכט
הינטערן קעניגס וואָגן.

אָבער ניט וואָס מען האָט ביים טשערעד זיי געהיט,
און ניט די קראַפּיווע האָט געבריט —
און ניט די בייטש פון די טרייבער.
געבריט ווי פייער האָבן די טענץ
ווען מען האָט צו זיי — ווי אַ סטאַדע מיט גענדז —
צונויפגעטריבן די ווייבער.

געבריט האָט ווי פייער אין דער פרעמד,
ווען מען האָט געדאַרפט אַ געשאָנקען העמד
אויסוואַשן ביי די ברעגן.
און דאָס הארץ האָט זיך ווי אַ מעסער געשאַרפט,
ווען מען האָט אַן אייגענעם טויטן געדאַרפט
אין דער פרעמדער ערד אַריינלייגן.

און אַז מען דרייט זיך ביים ברעג אַרום,
מיט די הענט אין די אַרבל פינצטער און שטום,
און מען קוקט זיך ניט אָן פאַר טרויער,
איז ביי די ווייבער אין די בריסט
דער באַגער צו די מאַנען געוואָרן פאַרוויסט,
און די מילך פאַר די קינדער, זויער.

האָט דאָס דעם עלטסטן פונעם שטאָם
אַזוי געשלאָגן, ווי עס שלאָגט דער ים
דעם פעלדז וואָס שטייט אין מיטן.
האָט ער באַפוילן צום קעניג צו גיין
און אויפצוהייבן פאַר אים אַ געוויין
אַז מען האָט שוין גענוג געליטן.

האָט אָבער געלויערט אין גאַס דער טויט
אויף איטלעכן מיט אַ פרעמדער הויט,
איז מען ביינאַכט געקראָכן.
זיינען ביים ברעג דערווייל ווייב און קינד
געלעגן פאַרלאָזענע — ווי פאַר הינט —
אַ פאַר צעוואָרפענע קנאָכן.

קיין נביא איז דעמאָלט מיט זיי ניט געווען,
האָט מען ניט פאַראויסגעזען
אַז דאָס גיין וועט ניט טויגן.

און ווי איבער אַ טייך אַ צעבראָכענע בריק
האָט דאָס אומגליק — ווען מ'איז געקומען צוריק —
אַ שפּרונג געטאָן אין די אויגן.

נאָר אומזיסט וואָס מען האָט די הענט צעשפּרייט,
און מען האָט זיך אַזוי ווי מען שטייט און גייט
געוואָרפן אין די פלאַמען.
אויף איטלעכן רוף נאָך ווייב און קינד,
האָט אָפּגעענטפערט דער רויך מיטן ווינט —
ווי טויזנט שדים צוזאַמען.

און אַז מען האָט שוין אַליין געברענט,
און מען האָט געשליידערט קאָפּ און הענט
צו אַלץ, וואָס מען האָט געפונען.
האָבן אָן קופּערנע פאַנען און טעפּ
אַזוי ווי פויקן, געהילכט די קעפּ —
ביז דער מאַרך איז אויסגערונען.

דער ליאַרם האָט זיך ווי דער רויך צעשטרעקט,
און האָט אין באַבלטאָון אויפגעוועקט
אַלע לייט אויף די דעכער.
נאָר זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס קומט פונעם שלאָס —
דער קעניג האָט איבערגעכאַפּט די מאָס,
הייסט ער צימבלען העכער — — —

די צייט האָט באַבלטאָון פון דער ערד
ווי מיט אַ בעזעם אַראָפּגעקערט —
קיין שטויבל איז ניט געבליבן.
דאָס אומגליק אָבער פון דאַמאָלט ביים ברעג
שטייט נאָך ביז היינט ווי אַ שוואַרצער פלעק,
אין הייליקן בוך פאַרשריבן.

עס שטייט אַז דער עלטסטער אין יענער נאַכט,
האָט פון זיינע אָדערן סטרונעס געמאַכט —
און אַ טויטער איז ער געזעסן
געזעסן און געשאָלטן דאָס לאַנד,
און געשוואָרן, אַז אָפּדאַרן זאָל אים אַ האַנט
אויב ער וועט זיין היים פאַרגעסן.

און אַזוי ווי עס הייסט טאַקע אומעטום,
איז ער דער גילגול, וואָס בלאַנדזשעט אַרום
ביי די ברעגן פון ים, און טייכן.
פאַרשאָלטן זיך — ניט צו קומען צו רו —
נעמט אים אין ערגעץ די ערד ניט צו,
ביז ער וועט אַהיים דערגרייכן.

12

סיבאַם איז אַלט און זרחי איז אַלט;
נאָר דער אַלטער סיבאַם זעט אויס געזונט,
און ער זיצט אויפן שטיין ווי אַ וואַסער-הונט,
און זיין פנים — די רויטע לבנה — לאַכט
פון זרחין, וואָס זיצט ווי אַ גולם פאַרטראַכט,
און קוקט אויף זיך און זיין צימבל.

— רבקה, מאַמע פון ביידן, דו,
אונדזער עלטער-זיידן יצחקס ווייב,
ווער האָט די ערשטע פרוכט פון דיין לייב
פאַרקויפט פאַר געקאָכטע ארבעס אַ טאָפּ?
— אָט-דער וואָס ביז צו די קנעכל אַראָפּ
איז באַוואַקסן געווען ווי אַ מאַלפּע.

— רבקה, מאַמע פון ביידן, דו,
ווער האָט געזען, מיטן קאָפּ אויף אַ שטיין,
מלאכים אַרויף און אַרונטערגיין
אויף אַ לייטער ביז אין הימל אַריין?
— אָט דער מיט דעם ליכט פון שטערנשטיין
אויף זיין אויסגעדאַרטן פנים.

— טאַ וואָס טוט סיבאָס ביים ברעג פון ים?
— ער האָרכט ווי עס זינגט אין דער פאַן דאָס שמאַלץ
פון דעם פיש, וואָס ער בראָט אינאיינעם מיט אַלץ.
קיין שליטה האָט ניט אויף אים די נאַכט,
וואַרעמט ער זיך ביי דעם פייער און לאַכט,
ווען דער ווינט ווינט אויס אַ מעשה.

— טאַ וואָס טוט זרחי ביים ברעג פון ים?
— ער רופט זיינע טויטע אבות אַרויס
און ער וויזט זיי דעם צימבל, אויף זיין שוים —
זעצן זיי זיך צו אים אויפן שטיין
און זיי וויינען ווי ער אַליין,
געבויגענע אין דער פינצטער.



## 13

דאָס פּנים ביים ים אין לבנה־שיין
וואָס זעט אויס אַזוי ווי טויט צו זיין,
האָט אָפענע אויגן מיט אַ באָרד —
און די אויגן שווייגן צום ים אַרויס
ווייל זיי ווילן ניט זען אונטער זיך אויפן שוים
די טויטע הענט אויפן צימבל דאָרט —
און זרחי זינגט, ווי דער זיידע לכבוד־שבת.

דאָס מויל מיט די אויערן אָנגעשטעלט
אין דער נאַכט אַרויס, צום ווינט וואָס דערציילט,
ווייל דאָס האַרץ וויל אָפּנאַרן זיך אַליין —
און דאָס אומרעכט רופט אַן עדות צו זיין
אַז די נאַכט מיט איר לבנה־שיין
באַשיינט ניט אומזיסט דאָס טויטע געוויין —
און זרחי זינגט, ווי דער זיידע לכבוד שבת.

## זרחי וועגן די זיבן רויטע בערד

איר זיבן ברידער, גזלנים — אַ־האַי! —
ס׳אַראַ שרעק ס׳האָט געפּלאַטערט פון אייערע בערד,
פון אייערע זיבן רויטע בערד.
ס׳האָבן די בערד אין דער פינצטער אַפילו
שיר ניט אויסגעזען ווי ברוינע;
נאָר עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז גזלנים אַזוינע
זאָלן זיין מיט אַלצדינג, ווי יידן, צופרידן: —
און עס זיינען דאָך די נאַרישע יידן
אַפילו מיט שוואַרצע בערד צופרידן.

וואָר איז, מען קאָן זיך פאַרעקשנען אויך
און זיך זאָגן, אַז מ׳האָט ניט רעכט געזען.
ביינאַכט אין דער פינצטער ניט רעכט געזען.
עס קען דאָך זיין, אַז איר גזלנים
קומט פון אַזאַ מין ווייטער מדינה,
וואו די בערד ביי אַלעמען זיינען גרינע,
ווי גראָז אין דער זון, אָדער גאָר ווי שימל,
און וואו שטייט, אַז מען טאָר ניט אונטערן הימל
אַרומגיין מיט בערד, ווי גראָז און שימל?

וואָר איז, עס וואָלט פאַרשוואונדן די שרעק,
וואָרעם ווער וואָלט זיך שרעקן פאַר גרינגע בערד,
פאַר אַזוינע פּראָסטע גרינגע בערד.
און חוץ דעם, ווי קאָן מען מיט בערד אַזוינע
קומען ביינאַכט און אויפשניידן לייבער
פון קינדער און טראָגנדיקע ווייבער;
און אַ גזלן דאַרף דאָך אַזוינס באַווייזן,
אויב ער איז טאַקע געזונט ווי אייזן,
דאַרף ער דאָך אַזוינס באַווייזן.

נאָר וואָס טויג דאָס אַלץ, אַז אַ מענטש ליגט ביים ים
און וויינט אין דער פינצטער צום הימל אַרויף,
מיט אָפענע אויגן צום הימל אַרויף;
און אַז כוואַליעס ביי אים זעען אויס ווי מיילער
פון גרויסע חיות, און אַז ברומען, ווי בערן,
הערט ער איבער זיך די שטערן; —
מעג ער דאָך זען אויך אַ קופּע מיט טויטע
און גזלנים, וואָס טאַנצן מיט בערד, מיט רויטע
אין אַ ראָד אַרום דער קופּע מיט טויטע.

וואָר איז, מען דאַרף אפשר מיטטאַנצן אויך,
ווי זאָגט דער בעל-שם: ווער עס מיידט אויס פרייד,
ווער עס מיידט אויס אמתדיקע פרייד
איז גלייך צו אַ מת, וואָס איז פאַרשאָלטן
אייביק קיין תיקון ניט צו געפינען,
ווייל אַפילו אַ מענטש, אַ געררירטער פון זינען
קען זיך צעפליעסקען אַמאָל אין טאַנצן
און ווער ווייסט? — אפשר איז דאָס טאַקע אין גאַנצן
אָט דאָס רויבן, מאָרדן, פליעסקען און טאַנצן?

אַ־האַי! — איר זיבן גזלנים ביים ים,
שלאָגט אייער זרחין, ער נעמט דאָס צו,
באהבה נעמט ער אַלצדינג צו;
און אויף יענער וועלט וועט ער ניט טראַכטן,
ניט איבערטראַכטן „נאַשע" און „וואַשע",
נאָר זיין אייגן אָרעם שיסעלע קאַשע
וועט ער פאַר אייערע אָרעמע זעלן,
ביים טויער פון הימל אַנידערשטעלן —
פאַר אייערע אָרעמע זעלן.

און אויב ס'וועט קיין מלאך ניט האָבן קיין צייט,
וועט ער אַליין אַרויסגיין צו אייך.
אַ שרעקט זיך ניט! — וועט ער אַ זאָג טאָן צו אייך —
פון מיין אָרעם בלוט, וואָס איר האָט פאַרגאָסן,
אַ קאַשע פאַרקאָכט, און אַז איר וועט עסן,
וועט גאָר אייערע אַלע זינד פאַרגעסן.
און אייך הייליקן, און אָנטאָן פליגל,
און עפענען פון הימל דעם ריגל, —
פאַר אייך, געהייליקטע אין פליגל.

און ניט פאַר דער טיר וועט איר דאַרפן שטיין;
נאָר איינס נאָכן אַנדערן אַרום זיך,
וועט אייך זרחי אויסזעצן אַרום זיך.
און כדי ער זאָל אייך ניט פאַרשעמען,
וועט ער צו אייך, ווי צו קינדערלעך, ריידן.
— ניטאָ קיין מעסערס אין גן־עדן! —
וועט ער זאָגן. — דאָ עסן אַלע
פיש און פלייש מיט די הענט, ווי חלה,
און חלה עסן דאָ אַלע, אַלע.

און אַז עס וועט נאָכן עסן ביי אייך
זיך אַריינכאַפּן חלילה אַ הילך,
אַזאַ מין ערדיש־פאַרשאָלטענער הילך,
וואָס גיט ניט קיין כּבוד דער נשמה,
וועט זרחי ניט שווייגן, נאָר ער וועט בלאָזן,
ווי אויף אַ טראָמפּייט, און ער וועט ניט דערלאָזן,
אַז מען זאָל אייך פאַר די קאָלנערס נעמען,
און ווי שיכּורע גוים אַרויסטעלעבעמען. —
ער וועט ניט דערלאָזן מען זאָל אייך נעמען.

— איך לערן זיי — וועט ער זאָגן צום שר —
לויבן דעם בורא מיט אַ טראָמפּייט,
מיט אַ צימבל אַזאַ, און מיט אַ טראָמפּייט,
און אַז דער שר וועט דעם קאָפּ זיינעם וויגן
און אַ זיפץ טאָן, און כּלומרשט פרעגן — פון וואַנען? —
וועט זרחי, חלילה, ניט דערמאָנען
די מעשה פון די בערד, די רויטע
ביים ים אַרום דער קופּע מיט טויטע.—
נישטאָ, נישטאָ מער קיין בערד קיין רויטע.

זיבן ליכטיקע זעלן זיינען דאָ,
וואָס צימבלען אויס פאַר גאָט זייער פרייד —
וועט ער זאָגן צום שר — זייער ליכטיקע פרייד.
און וועגן אייער זינד, וועט ער זאָגן,
אַז זי איז ווי אַ בייזער חלום פאַרשוואונדן,
און מיט איר אויך זרחים שרעק און וואונדן.
וועט דער שר אויף איטלעכן באַזונדער
קוקן אפשר ווי אויף אַ וואונדער.
אויף אייך — אויף איטלעכן באַזונדער.

נאָר זרחי ווייסט דאָך, אַז איר קאָנט
מיט אייערס אַ הילך פאַרסמען די לופט.
(ניט אומזיסט טאַקע) פאַרסמען די לופט,
וועט ער דערווייל מיט זיין קעשענע טיכל
צעפּאָכען הינטעראַרום אין די ווינטן
אַלץ, וואָס ס'עט קומען ביי אייך פון הינטן.
וועט מיינען דער שר אַז ער הערט טאַקע צימבלען,
וועט ער הייסן, אַז פון אַלע זיבן הימלען
זאָל מען קומען ביי אייך זיך לערנען צימבלען.

ווען קומען אַלע מלאכים צופליען
און די אבות מיט קרוינען אויף די קעפּ,
מיט ליכטיקע קרוינען אויף די קעפּ.
און יום-טוב וועט זיין ביי זיי, און ביי אַלע.
נאָר זרחי, וואָס וועט דעם אמת וויסן,
וועט דאַרפן שטיין ווי אָפּגעשמיסן.
און וועט דאַרפן פּאָכען און דאַרפן בלאָזן.
דערפאַר וואָס ער וויל אייך קיין שלעכטס טאָן ניט לאָזן.
וועט ער דאַרפן פּאָכען און דאַרפן בלאָזן.

נאָר, ווי געזאָגט, איז זרחי — זרחי,
און ער נעמט דאָס באהבה אָן.
טאַקע אמתדיק באהבה אָן.
וואָרעם איידער דאָ, ווי אַ קראַנקער פויגל,
מיט אַ שוואַרצער באָרד אַרומצושוועבן
צווישן אייך, וואָס איר לאָזט אים דערפאַר ניט לעבן
איז שוין בעסער אפשר דער טויט אינגאַנצן —
מען זעט כאָטש קיין רויטע בערד ניט טאַנצן
אַרום טויטע — ווען מ'איז טויט אין גאַנצן.

וואָר איז, זרחי קאָן וויינען פאַר אייך,
און באַווייזן אייך, מיט די פיש אין טייך,
מיט די אַלע מינים פיש אין טייך —
אַז אויך ער האָט אַ רעכט אויף דער וועלט צו לעבן.
נאָר אַז איר זענט אַזוינע לייט וואָס קוועלן
ווען עס טוט זיי עפּעס ניט געפעלן,
און אַז איר זענט אַזוינע לייט וואָס שלאָגן,
ווען איר קאָנט עפּעס ניט פאַרטראָגן —
מוז מען דאָך זיך לאָזן שלאָגן.

וואָר איז, אויך זרחי האָט אַ האַנט,
נאָר וואָס טויג זי אים, אַז זי ווערט ניט קיין פויסט?
און אייערע — איז דאָך אייביק אַ פויסט.
וואָר איז, דאָס מעסער האַלט איר אין בוזעם
ווען איר קניט ביים ליד פון קלויסטער־אָרגלען;
נאָר ווען יידן דאַווענען שניידט מען גאָרגלען
און דריקן זיך קעפּ פאַר שרעק אַרונטער,
הייבט מען פאַר בערד און פּאות אונטער
די קעפּ וואָס דריקן זיך אַרונטער.

## 14

וואָס וויל דער זיידע רב יעקב פון זרחין —
וואָס ער מוטשעט אים מיט זיין האַנט אויפן ספר?

עס קאָן טאַקע זיין,
אַז זיין האַנט אויפן ספר איז ריין און גוט,
איז ריין און גוט, ווי דאָס טויטע בלוט,
וואָס אָטעמט פון איטלעכן אות אַרויס
אַ טרייסט פאַר אים אין דער פינצטער;
נאָר דאָס ליכט דאַביי, דורכן פענטצער פון קלויז
קאָן דאָך לויכטן אויך מיט דער אייגענער שיין
פאַר דעם רשע וואָס גייט אַ רויבער צו זיין,
און וואָס וואַרעמט אַ מעסער דאַביי מיט זיין בלוט
אין אַ האַנט אַזאַ, ווי דעם זיידנס, וואָס רוט
ביי דער שיין פון דעם ליכט אויפן ספר?

נאָר אפשר ווייס דער זיידע רב יעקב
אַן אַנדערן מאמר? — אַן אַנדערן מאמר — — — — ?

עס קאָן דאָך זיין,
אַז דאָס ליכט זאָל לויכטן אין וועג אַריין
פאַר דעם צדיק, וואָס גייט ביי אַ קראַנקן צו זיין,
צי פאַר דעם געדונגענעם שומר אויך,
וואָס פאַר זיינע אַלטע האַלב-בלינדע אויגן
איז דאָס שטערנליכט איבער אים אין דער הויך
שוין ניט ליכטיק גענוג? — נאָר אויב דאָס איז וואָר,
קומט דאָך אויס, אַז מען איז ביי זיך ניט קלאָר
און אַז גאָרניט קאָן מען וויסן פאָרויס;
איז דאָך בעסער, ווען מען לעשט אפשר אויס
אין גאַנצן דאָס ליכט ביים ספר?

וואָרעם נאָך אַמאָל טאַקע, וואָס פאַר אַן ענטפער
קאָן געבן אויף דעם דער זיידע רב יעקב?

עס קאָן דאָך זיין,
אַז דער, וואָס זעט ניט צו גיין אַליין
ביינאַכט אין דער פינצטער, — דאַרף ער ניט גיין;
און דער וואָס מוז, דאַרף מיט פיס און הענט,
מיט מסירת נפש זיך דראַפּען אפשר,
ווי אַ שאָטן איבער די גלייכע ווענט;
וואָרעם אפשר וויל דאָס אַזוי און באַגערט
די נאַכט, ווען זי קומט צו באַהערשן די ערד,
און דערפאַר טאַקע איז איר שטראָף אַזוי גרויס,
פאַר דעם, ביי וועמען עס שיינט אַרויס
דורכן פענצטער אַ ליכט ביי אַ ספר?

נאָר אפשר איז דער זיידע רב יעקב
אַ קראַנקער, און ער וויל ניט אויפוועקן קיינעם?

עס קאָן דאָך זיין,
אַז ער ליגט אָן שלאָף — איז וואָס זאָל ער טאָן?
וואַרטן ביז עס וועט אויפגיין די זון?
מען קאָן דאָך פון זינען אַרונטערגיין
מיט זיך איינעם אַליין אין דער פינצטער.
וואָרעם ווען קאָן מען הערן אַזוי דאָס געוויין
פון דער אָרעמער וועלט, אויב ניט אין דער שעה,
ווען די נאַכט איז דאָ און קיין שלאָף איז ניטאָ?
און אויב אַזוי, קומט דאָך טאַקע אויס,
אַז ס'איז גוט, וואָס ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ קלויז
און די שיין פון אַ ליכט ביי אַ ספר.

נאָר אפשר איז דאָס גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש,
און דער זיידע רב יעקב איז אויך אַ קרבן?

עס קאָן דאָך זיין,
אַז דאָס פייער אין ליכט איז פאַר זיך אַליין
אַ נשמה וואָס וויל ניט אונטערגיין
איידער זי שיינט? — און ווער וועט זי זען
אויב זי וועט זיך אין דער פינצטער ניט ווייזן,
ביי טאָג דאַרף דאָך, סיידן אַ נס געשען,
איר ליכטיקייט זאָל באַוואונדערט זיין.
מיר פאַרזעען דאָך דעמאָלט פונעם ליכט די שיין,
אַפילו ווען זי וויינט און דערמאָנט
אַ נשמה, וואָס מיר האָבן ביים לעבן געקאַנט,
און דאָס איז דאָך מער ווי אַ ספר.

נאָר אויף דעם קאָן מסתמא דער זיידע רב יעקב
שוין זיכער זרחין קיין ענטפער ניט געבן.

ווייל עס קאָן דאָך זיין,
אַז ער טראַכט שוין אַליין פון דער זון מיט איר שיין;
און ווי גרויס אַ טראָפּן פון ים זאָל ניט זיין,
איז דער ים דאָך גרעסער. און אַזוי איז דאָך אויך
מיט דעם ליכט ביים ספר, צו דער זון געגליכן — — —
און עס ווערט דאָך שיין, אַפּילו דער רויך,
און אַפּילו דאָס שטויבל וואָס הויבט זיך אויף
און שוועבט אין דער זון צום הימל אַרויף.
און דערפאַר זעט אפשר דער מענטש טאַקע אויס
אַזוי ווי אַ תם, ווען ער וויגט זיך אין קלויז
ביי טאָג מיט אַ ליכט ביי אַ ספר.

נאָר זאָל דער זיידע רב יעקב, חלילה,
ניט ברוגז זיין אויף זיין אייניקל זרחי.

עס קאָן טאַקע זיין,
אַז ביים ים ביינאַכט אויף אַ נאַקעטן שטיין
איז שווער זיך צו גריבלען אין זיך אַליין.
נאָר זאָל דאָס ניט אויסזען ווי ער וואָלט געמיינט
זיך צו קריגן, חלילה, נאָר דאָס האָט אפשר טאַקע
זיין נשמה אויף זיך אַליין געוויינט
ווי דאָס ליכט, וואָס וואַרט אויף אים ערגעץ-וואו,
ער בענקט דאָך אויך נאָך אַ טרייסט און נאָך רו.
און דער זיידע האָט דאָך אויסגעזען
ווי אַ ל״ו — ווי אַ ל״ו — ווען ר׳איז אויף געווען
ביי דער שיין פון ליכט — ביי דעם ספר — — —

## 15

זרחי, זרחי!
איך, דער הימל, וויל שלום מיט דיר —
און דו בויגסט דיין קאָפּ צו דער פינצטערער ערד,
אַזוי ווי דו וואָלסט מיין רוף ניט געהערט;
ווי אַ פויגל, וואָס איז ווי די וועלט אַזוי גרויס,
שפּרייט איך מיין גאָלדענע ליכטיקייט אויס —
און דו, ווי אַ גאָלדענע פליג אונטער מיר,
ווילסט אַרויס פון דער וועלט און דו זוכסט אַ טיר,
און דו זעסט ניט אַז אין מיין ליכטיקייט טרויערט
אַפילו די חיה די בייזע, וואָס לויערט
אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס געדויערט
ביז זונען אויפגאַנג — — —
ביז זונען אויפגאַנג — — —
ביז זונען אויפגאַנג — — —

16

זרחי, זרחי!...
אַפילו די פינצטערניש איז אַ געזאַנג;
זי וואַקסט ווי אַ וואַלד, וואָס הויבט זיך אויף
מיט די ביימער ביז איבער די הימלען אַרויף,
און איר טרויער רינט ווי צעשמאָלצן גאָלד
אויף אַלץ, וואָס האָט אייביק זיין געזאָלט,
און איר טרויער רינט ווי די אייביקייט לאַנג
אויף אַלץ, וואָס איז אייביקער אונטערגאַנג —
און דו לאָזט דיינע אבות אין קבר נישט ליגן
און רופסט זיי ביים ברעג פון ים זיך צו וויגן,
צו פאַרזינגען דיין צער מיט דעם אַלטן ניגון
אָמר אביי — — — —
אָמר אביי — — — —
אָמר אביי — — — —

17

אָמר רב שלמה — זאָגט רב שלמה:
דער בעל-פּחד וועט ווי אַ וואָרעם אין וועג
צעטראָטן ווערן אין סוף פון די טעג.
און דער גיבור וואָס וועט אין גערעכטן צאָרן
זיך אָנצינדן אַזוי ווי אַ דאָרן,
וועט ווערן אויסגעלייזט דורכן רויך
וואָס וועט אים אַרויפנעמען צו דער הויך.
און אויך דער וואָס וועט אַרונטער פון זינען
וועט פאַר זיך אַ מיתה געפינען.
אָבער פינצטער און טויזנט מאָל ווייַ וועט זיין
צו יענע, וואָס וועלן זיצן ביים ווייַן
און מיט שיינע ווייבער ביי די טישן
צוליב דעם וואָס זיי ווילן זיך ניט מישן —
צו זיי וועט געשען אַזוי ווי עס שטייט:
השכורים בטחטל ארגולים — די פרייד
וועט אַרויסברומען פון זיי ווי פון אָרגלען
ווען אַנדערע וועלן זיך שניידן די גאָרגלען.
— בלילה בראבא — אַ וועלט וועט פאַרגיין
און זיי וועלן דאַרפן פאַרבלייבן אַליין.
זיך ביים ווייַן צו לאָזן רייצן פון ווייבער
מיט דער שיינקייט פון זייערע זינדיקע לייבער.

דעם צדיק רב שלמהס באָרד און האָר
— ווי עס שטייט געשריבן — האָבן זיבעציק יאָר
קיין קאָם ניט געזען. און אומגעגעסן
איז ער נאַקעטערהייט אויף אייז געזעסן,
און דערפאַר איז טאַקע נאָך זיין טויט
אויף דעם אָרט וואָס מען זיצט, ביי אים די הויט
געווען אַזוי בלוי — שיר ניט צו גלויבן
אַז ס׳האָט זיך אַ שטיק הימל פון אויבן
צוגעקלעפּט צו זיין הייליק לייב.

נאָר געהאָלפן האָט דאָס גאָרניט דער וועלט.
בלויז נאָך אַ שטיין האָט מען אויפגעשטעלט,
אַן אָפּשרעק פאַר דעם מענטשנסוועגן
אין אַ שפּיגל פאַר דעם וואָלקן, אין רעגן
אין אפשר אויך פאַר דעם ווינט אין וועג,
ער דאַרף דאָך אַן אָפּהאַלט אויף זיין געיעג,
ער זאָל ניט חלילה די וועלט צעטראָגן
און זאָל האָבן אַן וואָס זיך אָנצושלאָגן.
ווען עס ווילט זיך אים טאָן אַ פייף.

אמת איז, אַז דער ווינט אין דער וועלט
קאָן אויך פייפן איבערן פרייען פעלד
און ער קאָן אויך, פון פאַרקאַנעס פאַרהאַלטן,
אַרויספייפן דורך די מינדסטע שפּאַלטן.
אָבער — זילבוה דגינה — אַזאַ מין פייף
קומט ניט אַרויס אַזוי הייליק און שטייף,
ווי איבער אַ שטיין פון אַ צדיקס לעבן,
וואָס האָט זיך אַליין אַוועקגעגעבן
צו דינען גאָטבאַרוכו.

דער ווינטפייף איבער אַ צדיקס שטיין
דערמאָנט (ווי דער האָן די זון) דאָס געוויין
פון דער וועלט, וואָס וואַרט אויף משיח בן דוד.
— ברמדא המדתא — מיט גאָלד באַקאָוועט
און בלענדנדיק־ליכטיק, ווי קינדערשע פרייד,
וועט זיין פערדל זיין. און מיט זיין טראָמפּייט
וועט ער אויפוועקן אַלעמען אונטער די שטיינער
און הייסן די ווינטן אין זייערע ביינער
אַריינבלאָזן אָטעם מיט אַ פייף.

— הוהוקו לבר — ס׳אַראַ פרייד דאָס וועט זיין,
ווען דורך אַלע מיילער וועלן אַריין
מיט אַזאַ מין שטאַרקן אימפּעט די ווינטן
אַז ס׳וועט זיי אַרויסשטויסן פון הינטן!
— הוהוקו שטאַיאָמים — נאָכאַמאָל
וועט זיך פון הימל דערהערן אַ קול,
וועט די ערד זיך טרייסלען ווי אין פיבער,
און די ימים וועלן די ברעגן אַריבער
פאַר פּחד און פאַר פרייד.

און דעמאָלט וועט זיין כלמתא ברחק,
אַלע אין שטריימל, קיטל און פראַק,
און ווייבער מיט קינדער ביי די בריסטן
וועלן די ערד — דעם סטעפּ דעם וויסטן —
פאַרלאָזן אויף אייביק און פאַראויס וועט גיין
טאַקע ער, דער צדיק רב שלמה אַליין.
און בטנצם נקטים —— ניט מען וועט קלאָגן,
נאָר טאַנצנדיק וועט תהילים זאָגן
אַפילו דער שטן יעמאַכשעמוי.

זון, לבנה און שטערנשיין
וועלן דעמאָלט אינגאַנצן איבריק זיין,
ווי אין פסוק שטייט : נאַקעט אין גאַנצן
וועט פאַראויס דער רבי רב שלמה טאַנצן,
וועט דאָס בלויע שטיק הימל, וואָס האָט פאַר זיין טויט
זיך צוגעקלעפּט צו זיין הייליקער הויט
אויף דעם אָרט וואָס מען זיצט — אַזוי זיך צעפלאַמען
אַז ס׳וועט לויכטן ווי טויזנט זונען צוזאַמען
אין דעם סוף פון די טעג.

און דעריבער — דלוני — לאָמיר באַנאַנד
מיט ווייב און קינד אין איטלעכן לאַנד
זיך אפשר זעצן אויף אייז צוזאַמען,
וועלן מיר זוכה זיין צו פלאַמען
ווי דער צדיק רב שלמה אין אונדזער פרייד.
וועט מקוים ווערן, אַזוי ווי עס שטייט :
הפליטה בלילה — אין אַלע ווינקלען
וועט אויף אונדז, (ווי דאָס גאָלד פון מצרים) פינקלען
אונדזער אייגענע ליכטיקייט — אמן.

18

אמר רב זרחי — זאָגט רב זרחי:
אין ספר ברחנדי
צונויפגעשטעלט פון די גרעסטע חכמים,
אין קאַפּיטל זיבן
דערציילט זיך אַ מעשה פון אַ רוצח,
וואָס האָט איינמאָל, אַזוי ווי אַ וואָלף אין דער פינצטער,
געווײנט אין מיטן דער נאַכט.
געגאַנגען אויף רויב
און באַפאַלן אַן אישה אין שלאָף
און קוילען געוואָלט אויך דאָס קינד ביי דער ברוסט;
האָט עס אויסגעשטרעקט די הענטלעך צו אים
און דאָס מעסער, וואָס האָט נאָך געטריפט מיט בלוט,
ביי אים צוגענומען
און געשפּילט זיך מיט דעם
ביז די פלעקן פונעם בלוט אויפן העמדל
האָבן אויסגעזען ווי בלומען אין מאָרגנליכט
ביים שיין פון דעם פאַקל
וואָס האָט אים געלויכטן צו קוילן.
שברולים לדרחי פרומה — באַהאַלטענע ליכטיקייט אין דער פינצטער
די קלאָג פון רוצח.
און אפשר — ווער ווייסט?
אפשר מיינט דאָס גאָר-גאָר עפּעס אַנדערש חלילה,
און די צונג וועט זיך בראָטן אין גיהנום,
ווייל זי האָט ניט אויסגעטייטשט פּונקט ווי מען דאַרף?

אמר רב זרחי — זאָגט רב זרחי:
אין ספר ברחנדי
צונויפגעשטעלט פון די גרעסטע חכמים,
אין קאַפּיטל זיבן,
דערציילט זיך אַ מעשה פון אַ צדיק.
געגאַנגען פאַרביי אַ קלויסטער ביינאַכט
האָט מען גליענדיק זשאַר פון די פענצטער געוואָרפן,
האָט זיך אָנגעצונדן די באָרד מיטן בגד
אַזוי ווי אַ פאַקל (אויף אים).
האָט דער צדיק אויפגעהויבן די אויגן צום הימל
און שטאַרבנדיק האָט ער אַזוי געזאָגט:
— פאַר בלינדע נאַראָנים זיינען די שטערן מזלות,
פאַר רשעים זיינען זיי גאָרניט;
אין דער אמתן אָבער זיינען זיי
גאָטס ליכטיקייט אפשר,
וואָס ווייזט זיך אונדז בלויז דורך זיין הימל —
דעם אַלטן צעלעכערטן שירעם פון איבער דער וועלט,
און ס'איז מער ניט — אַ חסד אַ גרויסער
אויף וועמען זיין ליכטיקייט לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַ פייער,
און נעמט אים צו זיך.
שברולים לדרחי פרומה — באַהאַלטענע ליכטיקייט אין דער פינצטער.
די לעצטע תפילה פון צדיק,
און אפשר — ווער ווייסט?
אפשר מיינט דאָס גאָר-גאָר עפּעס אַנדערש חלילה,
און די צונג וועט זיך בראָטן אין גיהינום,
ווייל זי האָט ניט אויסגעטייטשט פּונקט ווי מען דאַרף?

19

צימבל ניט זרחי! דו קאָנסט נאָך אַ פּיש
אויפוועקן אונטער די וואַסערן —
וועט ער קומען און וועט דיך פאַרמסרן
ביי דעם וועכטער דאָ פון דער טריקעניש.
וועט זיין ניט גוט, זרחי.

— וואָס טוט ער דאָ אַזוי שפּעט ביינאַכט ?
און ווי אַזוי הייסט ער ? און פון וואַנען ?
— פון דאָרט, וואו מען האָט דאָס וואַסער אין קאַנען
אויף הילצערנע קאָראָמיסלעך געבראַכט
אין שטוב אריין, פאַניע.

— אויף הילצערנע קאָראָמיסלעך ? קאָן דאָס זיין ?
ווער האָט דאָס פאַרשטאָפּט די וואַסער-רערן ?
— איוואַנעס מיט נעזער ווי רויטע מערן,
זיי זיינען ביינאַכט דורך די פענצטער אריין
און געלט געוואָלט, פאַניע.

אַזוינע בייזע פאַרדאַרבענע לייט ;
מען האָט זיי אַלע געדאַרפט אַרעסטירן.
— ניט געווען ווער עס זאָל זיי אונטערפירן
אַלעמען אַוועקגעלייגט אין צייט
געמאַכט כיק-כיק, פאַניע.

— אויב אַלעמען, איז ער דאָך טויט ;
טאָ ווער האָט דערלויבט אים דאָס קבר פאַרלאָזן?
— געמיינט, אַז משיח טוט שופר בלאָזן,
דער ווינט דער פאַסקודנער אונטער דעם פּלויט
האָט אָפּגענאַרט, פאַניע.

— טאָ פֿאַרוואָס־זשע קערט ער זיך ניט אום?
און וואָס טוט ער אונטער זיין שפּענצער פֿאַרהילן?
— אַ צימבל איז עס. די מתים ווילן
ער זאָל פֿאַר זיי מאַכן ברום־ברום, ברום־ברום —
מאַכט ער פֿאַר זיי פּאַניע.



## וועכטער אין הימל

20

פאַר דעם גרויסן ים איז דאָ אַן אָרט,
און דער וועכטער קוקט ניט צי ער האָט אַ באָרד,
און ער שטעלט ניט אָפּ מיט דעם שטעקן אין האַנט
דעם ווינט וואָס פאַרנעמט דאָס גאַנצע לאַנד —
נאָר זרחין מיט דעם געבויגענעם קאָפּ,
אים שלעפּט ער פון שטיין פאַר דער באָרד אַראָפּ.

וועכטער, דער ים קאָן אַרויס פון זיין ברעג
און פאַרפלייצן אַלצדינג אויף זיין וועג,
און די שטאָט פון אייזן געבויט איז אַ שפּיל
(ווי פאַר אַ קינד) פאַר דעם ווינט אויב ער וויל.
און זרחי דער אַלטער קוקט דאָך אויס
אַזוי ווי אַ מת פונעם קבר אַרויס.

נאָר אַז דעם וועכטערס מאַנטל איז בלוי,
און דער נאַכטיקער הימל איז אויך אַזוי,
און אַז די קנעפּ זיינע שיינען אויך
אַזוי ווי די שטערן אין דער הויך —
איז דאָך טאַקע, ווייזט אויס, קיין חילוק נישטאָ
צווישן אויבן דאָרט און אונטן דאָ.

## 21

אין דער פינצטער זע איך דיך, מיין גאָט;
אין ווערטער זע איך דיך צו זרחין קומען;
אין זרחין זע איך דיך פאַר שרעק פאַרשטומען —
אין דער פינצטער זע איך דיך, מיין גאָט.

אין דער פינצטער הער איך דיך, מיין גאָט.
אין וועכטער פייפסטו און דו הויבסט דעם שטעקן;
אין זרחין ווײנסטו טויטע אויפצואוועקן —
אין דער פינצטער הער איך דיך, מיין גאָט.

אין דער פינצטער שטראָף מיך ניט, מיין גאָט;
מיר איז ניט נאָענט אין וועכטער אין דעם שטייפן
ניט דיין שטעקנהויב און ניט דיין פייפן —
אין דער פינצטער שטראָף מיך ניט, מיין גאָט.

אין דער פינצטער שילט מיך ניט, מיין גאָט;
דיין קלאָג אין זרחים אויגן אין די רויטע, —
גלויב איך ניט — זאָל אויפוועקן די טויטע —
אין דער פינצטער שילט מיך ניט, מיין גאָט.

אין דער פינצטער זיי מיט מיר, מיין גאָט.
אַז אַלץ ביסטו, וואָס אויבן און וואָס אונטן,
פון וואָלקן ביז די שיפן אויף די גרונטן —
אין דער פינצטער זיי מיט מיר, מיין גאָט;

רוט ניט איין דער טויטער קעניג
טראָגט זיך דורך דער נאַכט זיין ניגון:
— ווײ מיר! ווײ מיר! — הערט מען קלאָגן. —
ווער וועט מיך אין רו פאַרוויגן?

ווער שעפּט אויס דעם ים דעם גרויסן?
ווער קען לינדערן מיין טרויער?
ווען וועט זיך די וויסטקייט אָפּטאָן
פון ירושלימס מויער?

כ'האָב געהאַט אַ פאָלק מיין אייגנס —
האָט מען עס צעזייט, צעטריבן.
און דאָס פאָלק איז אויסגעשטאָרבן
און אַליין בין איך געבליבן.

כ'האָב געהאַט אַ קעניג-פּאַלאַץ —
הויזט אַצינד די פּוסטקייט דאָרטן,
ווינט און פוקסן-יאָמער טראָגן
זיך בײנאַכט אַדורך מיין גאָרטן.

מיינע שאָף און רינדער האָבן
בייזע וועלף מיר אויפגעפרעסן,
זאַמד-בערג וויסטע שטייען דאָרטן,
וואו דער פּאַסטעך איז געזעסן.

קלאָגט אַזוי דער טויטער קעניג
דאַכט זיך טויזנט דורות קלאָגן,
דורות פינצטערע ווי כמאַרעס,
וואָס די שטורעם-ווינטן טראָגן.

23

צוויי טויזנט לאַנגע יאָר — אַ ממזר אָנגעהאַנגען
האָט מיר די הור — די צייט, און איז אַוועקגעגאַנגען.
דעריבער פרעסט די שאַנד ווי פייער מיינע ביינער,
און טעג באַפאַלן מיך, געשליידערטע ווי שטיינער,
און ווי אַ בייזן שד אַ גילגול אויף די וועגן
מיידט אויס אַ ברודער מיך, אַ הונט, וואָס קומט אַנטקעגן,
און בלויז דער טרויער־בוים — דער ווינט אין זיינע צווייגן,
דערציילט דער וועלט פון מיר און פון מיין בלוטיק שווייגן.

## זרחי און די קעניגין

**24**

שטיי אויף פון פייכטן זאַמד מיין זרחי,
און דער קעניגין פונעם ים גיי אַנטקעגן:
מיט ווייסע פליגל אויף גאָלדענע שיכלעך,
אַזוי ווי עס שטייט אין די מעשה-ביכלעך —
קומט צו איר זרחין אין שטערן-רעגן,
מיט וויין און אַ קוישל מיט האָניק-קיכלעך,
די קעניגין פונעם ים.

זאָל ענטפערן זרחי דער קעניגין פונעם ים:
וואָס וויל ער פון איר, וואָס ער לאָזט זי ניט לעבן?
וואו זאָל זי אים נעמען אַזאַ מין שערל
אַרויסצושערן ביז צום לעצטן הערל
זיינע גרויע האָר? זאָל ער הייסן זיך געבן
אַ זאַק מיט קאָראַלן, אַ זאַק מיט פערל —
וועט דאָס אים געבן מיט ליבשאַפט די קעניגין פונעם ים.

זאָל אויפהערן וויינען דער נאַרישער זרחי.
ביי דער קעניגין אין דער היים ביים פייער
זיצט דער אָנקל אָדם און די טאַנטע חוה,
און זיי זינגען דאָס ליד פון דער גאָלדענער פּאַווע.
און אַז זרחי וועט צוזאָגן זיין אַ געטרייער,
וועט אין אַ גאָלדענעם טשייניקל קאַווע —
אמתע יובאַן־קאַווע — קאָכן די קעניגין פונעם ים.

און איר אָטעם וועט ווי אַ כישוף־שלייער
דאָס רעטעניש פון דער וועלט פאַרהילן —
וועט זרחי זיין אומגליק איבערהיפּן
ווי אַ שווערן חלום ביי אירע ליפּן,
און ווי אויף אַ גאָלדענעם קעמל וועט שפּילן
דאָס ליד פון איר ליבע אויף זיינע ריפּן —
אויף זיינע ציטערדיקע ריפּן — די קעניגין פונעם ים.

## דאָס גאָלדענע ביקל נומער איינס

25

ביים ים, ביינאַכט, איז קיינער ניטאָ.
בלויז שדים וויסטע זיינען דאָ:
מיט הויכע היטלען, מיט ציגנבערדלעך
און מיט לאַנגע בייטשן אויף ווייסע פערדלעך
יאָגן זיי זיך צו די ברעגן און שרייען.

געווען אַמאָל מענטשן מיט האָר און בערד
לאַנגע אַזוינע ביז צו דער ערד,
האָט דער שטן געוואָלט, אַז, ווי זיינע ווייבער,
וואָס האַצקען אַרום אים מיט נאַקעטע לייבער,
זאָלן זיי מיט נאַקעטע פנימער האַצקען.

האָט ער זיך פאַר אַ כהן פאַרשטעלט
און צוגעזאָגט, אַז פאַר גאָלדן געלט
וועט ער באַווייזן אַ קונציק שטיקל.
האָט מען געבראַכט. האָט ער אַ ביקל
פון דעם גאָלד, ביים פייער אויסגעגאָסן.

האָט דאָס ביקל געדרייט זיך אַהין און צוריק.
האָט מען עס כאַפּן געדאַרפט מיט אַ שטריק.
האָבן אַלע ווי איינער ביז צו די אויערן
אַליין די בערד זיך אָפּגעשוירן
צו געבן אַ כאַפּ דאָס ביקל.

האָט דאָס ביקל זיך געטאָן אַ הויב
און איבערגעלאָזט אַ וואָלקן שטויב.
איז מען אויף פערדלעך פייל פון בויגן,
מיט די בערד אין די הענט אים נאָכגעפלויגן
איבער אַ וועלט מיט לענדער וויסטע.

האָט זיי דאָס ביקל אַרויסגענאַרט
ביז העט אַהין, וואו עס האָבן געוואַרט
דעם שטנס חילות, די בייזע שטורעמס,
וואָס האָבן זיי אין זייערע אָרעמס
פאַרטראָגן אין ים אַריין, ערגעץ.

דרייען זיי זיך ווי פאַרכישופטע דאָרט
זינט דעמאָלט אַרום אויף דעם אייגענעם אָרט,
מיט די בערד אין די הענט און זיי שרייען,
און בעטן, כלומרשט, מען זאָל זיי באַפרייען
פון דעם כישוף־ראָד, דעם וויסטן.

אין דער אמתן אָבער נאַרן זיי
— ווי עס הייסט — מיט דעם דאָזיקן געשריי.
און מען דאַרף זיך מיט אַלע כוחות היטן
מען זאָל ניט אַריינפאַלן אינמיטן
צווישן זיי אין דער פינצטער.

פאַרכישופט איידער מען קוקט זיך אום —
דרייט מען זיך אויך אַרום ביקל אַרום
און מען האָצקעט אויף אַ פערדל אַ ווייסן
צוגעוואָקסן — ניט אָפּצורייסן
מיט אַ נאַקעט פנים ווי אַלע.

און אפילו ווען מ'האָט שוין אַ זכות ביי גאָט,
און מען רייסט זיך אַרויס פון דעם כישוף-ראָד,
מעג מען זיך ערשט פאַר בושה באַגראָבן.
ווייל אפילו קיין גרושה וועט ניט חתונה האָבן
מיט אַ מענטש, אָן אַ שטיקל בערדל.

מ'האָט זיך אָנגעהערט פון די לייט שוין גענוג
איצט היט זיך שוין איטלעכער ווער ס'איז קלוג
אפילו אויף די האָר-וואוקס-אָנאָנסן
שטייט — אַז פאַר אַ מאַנצביל אָן בערד און וואָנצן
דאַרף מען זיך היטן, ווייל זיי זיינען שדים.



## 26

זרחים זיידע, אַ ווילדער פּאַרשוין,
אַרומגעגאַנגען נאַקעט אינגאַנצן,
נאָר אויף זיין קאָפּ די הילצערנע קרוין
האָט ער צוגעקלעפּט מיט צעלאָזטער סמאָלע,
זי זאָל זיך ניט וואַקלען ביים טאַנצן.

געברומט האָט ער ווי אַ לייב מיט אַ בער
און געפּייפט ווי זאַווערוכעציקל,
און אויף זיין אייגענעם בויך האָט ער
אַליין זיך צוגעפּויקט מיט די פויסטן
ביים טאַנץ אַרום גאָלדענעם ביקל.

דאָס אַלצדינג איז אין דער מדבר געשען —
און מען האָט ניט געטאָרט עפּעס איבערהיפּן,
און ווייל זרחי איז פאַרחלומט געווען,
האָט אים דער רבי דעמאָלט שיר ניט
די נשמה פון לייב אַרויסגעקניפּן.

און אַז מ'האָט ביים לייוונט מעסטן אַמאָל
געדאַרפט האַוורילע זאָל זיך פאַרקוקן,
האָט אים זרחי דעמאָלט דערציילט אויפן קול
וועגן גאָלדענעם ביקל, און אים געוויזן
ווי אַזוי מען האָט געטאָן זיך בוקן.

האָט האָווריִלע דער מודרער כאָס זיך צעלאַכט
אַז ר'איז שיר אַנידערגעפאַלן:
נאָר באַלד דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט
און געזאָגט, אַז ער וואָלט דאָס ביקל פּאַרדונגען
צו די פּריצים פאַר זייערע שטאַלן.

און אויב אויך זיין אייגענע פּראָסטע קו
וואָלט געהאַט פון דעם ביקל אַ קעלבל —
וואָלט ער שוין געקאָנט זיך לעבן אין רו —
און ער וואָלט ניט געדאַרפט אַזוי זיך דינגען
ווען ער קומט עפּעס קויפן אין אַ געוועלבל.

און ווייזט אויס, אַז האָווריִלען האָט טאַקע פאַרשאַט
די מעשה פון גאָלדענעם ביקל:
ער האָט איינמאָל ביינאַכט זיך פאַרשיכורט געהאַט.
האָט ער צוליב אַ גאָלדענעם זייגער
געהרגעט אַ מענטש אויפן שולגאַס בריקל.

און זרחי האָט דעמאָלט אַפילו געהערט,
ווי ער האָט זיך צעטאַנצט אין דרויסן,
נאָר ער האָט געהירזשעט דאַביי ווי אַ פערד,
און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל מיט די שטיוול
פאַר שמחה דאָס בריקל צעשטויסן.

און געהירזשעט האָט ער אַזוי און געטאַנצט
ביז די זון איז אויפגעגאַנגען.
נאָר דעמאָלט האָט מען דערזען וואָס עס גלאַנצט,
האָט מען דאָס גלאַנציקע צוגענומען,
און אים האָט מען אויפגעהאַנגען.

און זרחי געדענקט נאָך, אַזוי ווי היינט:
ווי אַ הונט האָט זיין ווייב סקאַוואוטשעט,
און דאָס בערגל ערד, פון דער זון באַשיינט,
האָט אויסגעזען שיר ווי דאָס גאָלדענע ביקל,
וואָס האָט משהן מיטן זיידן אין מדבר פאַרמוטשעט.

נאָר ווען מ׳האָט זיך אָפּגעקערט
און מען האָט זיך געטיילט מיטן שטריקל,
האָט זרחי געמיינט, אַז האַווריִלע הערט.
האָט ער געוואָלט, ער זאָל אהרנען פרעגן,
צו וואָס ר׳האָט געמאַכט דאָס גאָלדענע ביקל.

האָט אים אָבער מיט דער ביקס אַ סאָלדאַט
מיט אַ הויכן „פּשאַקרעוו״ אַוועקגעטריבן,
האָט ער שוין אַליין אויך געוויינט כמעט
ווי האַווריִלעס ווייב מיט די פינעף שרצים,
וואָס זיינען אָן אַ טאַטן געבליבן.

27

„אַז מען וועט דאָס גאָלדענע ביקל טויטן,
וועט די וועלט באַפרייט זיין פון אַלע נויטן" —
וועגן דעם האָט זרחין דערציילט בסוד
אין פּאָדהייצע, הינטער דער אַלטער שטאָט.
הערשל טאָקע דעם קצבס זון,
וואָס האָט אים דעמאָלט אַ פּאַטש געטאָן —
אומזיסט און אומנישט — פאַר גאָרנישט.
ס'איז געשען אַזוי: אַריינגעקומען
איז הערשל אין קיך, און אַרומגענומען
פּעשען, וואָס ער האָט גערופן זיין גאָלד
האָט זרחי אַהין ניט קוקן געוואָלט,
האָט ער געטראַכט וואָס ער ווייסט ביי זיך
פון איר קניפּל אין בוזעם, וואָס זי קלייבט אויף שיך,
און אויף אַ געלער ראַטאַנדע.

האָט אים דאָס טראַכטעניש געצויגן
ער זאָל זיך צום דיל אַרונטערבויגן.
האָט ער כלומרשט זיך געשפּילט אין נים
און אַרויפגעקוקט צו פּעשעס פים —
נאָר אַז ער האָט אויסגעזאָגט, אַז געזען
האָט ער גאָרנישט-נים, ווייל ס'איז פינצטער געווען —
האָט מען ניט געדאַרפט אים שלאָגן.

נאָר אחוץ וואָס הערשל האָט אים געגעבן
טאָקע אַ פּאַטש — האָט ער אויפגעקליבן
אַלע נים, און אַזוי ווי מען האָקט

האַלץ מיט אַ האַק, האָט ער זיי צעקנאַקט,
און צו דעם נאָך — צו טאָן אים ביז אין דער גאַל —
האָט ער אַלעמאָל פּעשען געטאָן אַ באַפּאַל
מיט די לאַפּעס פּאַר אים אין די אויגן.

און פּעשע איז דאָך געווען אַ שטילע,
פונדעסטוועגן האָט זי אים אַפילו
ניט אָפּגעשטויסן פון זיך דאַבײ.
האָט ער זיך טאַקע ווי אַ בוהיי
מיטן קאָפּ אין איר יאַקל אַרײַנגעדרייט,
אַז עס האָט זיך אויף איר אַזוי געענגט —
אַז עס האָט זיך אַזש צעקנעפּלט.

פאַרוואָס ער אַליין האָט גענומען זיך שלאָגן
קאָפּ אָן דיל — קאָן זרחי ניט זאָגן.
נאָר ווען הערשל האָט אים געכאַפּט, פאַר שרעק,
און איז מיט אים אין מאַרק אַוועק,
געדענקט ער, ווי היינט וואָלט דאָס געווען —
ווי אַ מת האָט הערשל אויסגעזען
ווען ער האָט אים געפרעגט וואָס קויפן?

נאָר דערנאָך, ווען ער איז שוין מיט אים געזעסן
הינטער דער שטאָט, און געטיילט און געגעסן
די בייגל מיטן שאָקאָלאַד —
האָט ער שוין צו הערשלען מער גאָרניט געהאַט.
האָט אים הערשל טאַקע דערפאַר געגלעט,
ביז ער האָט זיך ווי מיט אַ גרויסן, צערעדט
מיט אים, וועגן גאָלדענעם ביקל.

מיט גאָט האָט ער דעמאָלט אָנגעהויבן.
— אַמאָל — האָט ער געזאָגט — פלעגט מען גלויבן

אַז אַ גאָט איז דאָ וואָס פירט די וועלט,
און אַז ער גיט טאַקע דעם רשע געלט,
כדי פאַרן צדיק זאָל בלייבן די זאָרג
ער זאָל אייביק דאַרפן לעבן אויף באָרג,
ווייל אָרעם זיין איז אַ מצוה.

און זינט דעמאָלט טאַקע ברומט מען ווי אָרגלען,
און מען בייסט, און רייסט זיך פאַר די גאָרגלען,
— האָט ער געזאָגט — פאַר אַ שטיקל ברויט.
נאָר די רייכע ווי בערן פעט און רויט
שטאָפּן זיך אייביק די קישקעס אָן,
און גייען ווי פּרינצן אָנגעטאָן,
און הערן ניט אויף צו הוליען.

ער, זרחי — פאַרשטייט זיך — האָט געשוויגן,
און בלויז געהאָרכט. מיט אַ מאָדנעם ניגון
האָט האַרשל גערעדט — ס'האָט זיך שיר ניט געדאַכט
אַז ווען מען האַלט די אויגן פאַרמאַכט
זעט מען, אַ ליכטיקן פון דער ווייט
אַ הויכן, גאָלדענעם רייטער, וואָס רייט,
און וואָס רופט מיט אַ טראָמייטער.

ער געדענקט ווי ער האָט פונקט דעמאָלט אַפילו
זיך דערמאָנט אָן דעם חזיר וועלוול האַווערילע;
דעם בייגל בייטאָג און דעם עפּל פאַרנאַכט
האָט דער באַהעלפער אין חדר אריין געבראַכט
בלויז אים אַליין, און מער קיינעם ניט —
און ווי אַן אבן־טוב, האָט אים געהיט
דער אַלטער פּאַסקודנער רבי.

נאָר מען קאָן דאָך די וועלט ניט איבערמאַכן,
האָט ער מורא געהאַט טראַכטן פון אַט די זאַכן.
האָט אָבער הארשל בייז גאָר
זיך געשוואוירן ביים לעבן, אַז דאָס איז ניט וואָר.
אַז מ'איז הונגעריק, איז ברויט מיט זאַלץ
היילִיקער — האָט ער געזאָגט — פון אַלץ,
אַפילו פון דער תורה.

מען דאַרף נאָר — האָט ער געזאָגט — זיך ניט נאַרן.
ר'האָט אַפילו געשפּאָט פון דעם כהן אהרן.
די מדבר ביי אים איז געווען די וועלט
און דאָס גאָלדענע ביקל — דער אָפּגאָט דאָס געלט
און יענע וואָס האָבן געהאַפּקעט אין ראָד,
דאָס זיינען די טיפּשים וואָס גלויבן אַז גאָט
איז אייביק טאַקע, אייביק.

ס'איז קיינער פאַר קיינעם ניט בעסער, ניט ליבער,
— האָט ער געזאָגט — און מען שניידט אויך איבער
דעם האַלדז פון אַ כהן ,אויב מ'האָט נאָר מיט וואָס.
און אַז ס'וועט נישט זיין מער קיין באַלעבאָס,
וועלן מענטשן זיין ניט אָרעם און רייך
נאָר ווי בוימער אומגלייך און אייביק גלייך —
און די ערד וועט זיין אַ גן־עדן.

פאַרשטייט זיך אַז ר'האָט ניט געדאַרפט זי שרעקן,
האָט אים אָבער הארשל ווי מיט אַ שטעקן
מיט די רייד געשלאָגן איבערן קאָפּ.
ווען מען פאַלט פון אַ בוידעם אפילו אַראָפּ
קאָן מען ניט ווערן אַזוי צעמישט.
— ער וויל גאָט זאָל ווערן אָפּגעווישט?
און העלדזער זאָל מען שניידן?

ווי פייער איז אַלץ אַרום אים געפלויגן,
ביז ר'האָט פּלוצעם ווידער דערזען פאַר די אויגן
ווי מען זיצט אין די זאָקן ביי זיי, אין שטוב,
און מען וויינט אויף זיין ברודער, וואָס ליגט שוין אין גרוב
ערגעץ-ווייט פון דאַנען, אויף אַ וויסטן פעלד —
וואו מען האָט אַ תליה אויפגעשטעלט —
פאַר אים און פאַר משה דעם דינ'ס.

האַרשל האָט ווי פון אַ כלה
געזעגנט פון דער זון. און די מחותנים אַלע
יידן און גוים אין מיטן פעלד —
אַזוי האָט האַרשל געזעגנט פון דער וועלט.
נאָר דעמאָלט גראָד איז די זון אַראָפּ,
און ווי אַ היטל אַ רויטס אויף זעלנערס קאָפּ,
האָט זי אויסגעזען אויפן בערגל.

איצט איז שוין ביי אים אַ לעבן מיט יאָרן,
ווי אַ טייכל אויסגעטריקנט געוואָרן.
און כאָטש ער זעט זיך, דאַכט זיך אים פאָרט —
אַז אַ פרעמדער איז דער, מיט האַרשלען דאָרט.
ער זעט שוין אפילו דעם קלויסטער פון שטאָט
און די שול, אַז מען וויל — און אַפילו די באָד —
נאָר ס'איז פאָרט ניט מער קיין אייגנס.

ער דערמאָנט זיך בלויז, אַז צוריק אַ יאָר צוואַנציק,
ווען ער איז אַוועק מיטן טאַטן אין דאַנציג,
האָט אים זיין טויטער ברודער געבראַכט
אַ פאָן אַ רויטע, ווען ער איז פאַרטראַכט
ביים גרענעץ געלעגן, ווי עס זעצט אַרויס
אַ פייער אין מיטן דער נאַכט פון אַ הויז,
האָט זי פאַר אים געפלאַטערט.

דער ברודער האָט אים געהייסן זי נעמען
און זען אַז ער זאָל זיך ניט דאַרפן שעמען,
וואָס ער האָט זי געפאַרבט מיט זיין בלוט.
איז אָבער, ווי זאָגט מען, דו טראַכסט און גאָט טוט.
און אַזוי, איידער וואָס און ווען, איז ער
טאַקע פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער,
קיין אַמעריקע דעם וויסטן.

נאָר ווען זיין טויטער ברודער וואָלט וויסן,
אַז ער זיצט אַזוי־אָ אָפּגעריסן
ביים ים ביינאַכט, ביי אַ קופּקעלע זשאַר,
וואָלט ער אים אפשר געקושט דערפאַר.
ער האָט אפילו אויך אייגענע דאָ.
נאָר ביי זיי איז קיינמאָל פאַר אים ניטאָ
קיין אַנדערער נאָמען, ווי גולם.

אַנומלט, ווען ס'האָט אַזוי שטאַרק גערעגנט —
ביינאַכט — האָט ער פעשען אין גאַס באַגעגנט,
נאָר קוים וואָס זי איז צו דערקענען געווען.
ווי אַן אַלטע פאַניע האָט זי אויסגעזען
אין דעם נאַסן קלייד מיט די געלע שיך.
געבעטן אים, אַז ער זאָל זי מיט זיך
אונטער זיין שירעם נעמען.

געלעבט אַמאָל ווי אַ פּאַווע אין גאָרטן,
האָט זי געזאָגט, איצט לייגט זי קאָרטן
און זאָגט די צוקונפט. נאָר אויב ער וויל,
וועט זי פון אים ניט פאַרלאַנגען פיל,
ער איז דאָך אַ לאַנדסמאַן און אַ קאַוואַליר,
זאָל ער צאָלן אַ וועטשערע פאַר איר,
וועט זי גיין מיט אים זייער גערן.

פונעם שידוך מיט הארשלען איז גאָרניט געוואָרן.
ער האָט זי שיר ניט איבערגעפאָרן
אַנומלט אין גאַס. זי האָט אים דערקענט,
נאָר ער האָט פון איר זיך אָפּגעווענדט
און געברומט, וואָס מען האָט ניט קיין אויגן אין שטאָט,
און דעם דינער וואָס איז געזעסן ביים ראָד
געהייסן ווייטער פאָרן.

אים גערופן ביים נאָמען און נאָכגעלאָפן —
גאָט זאָל זי דערפאַר ניט שטראָפן.
נאָר אויף וויפיל מען קאָן אין אַ רגע זען,
איז אויך אויף אים אַ רחמנות געווען.
אַ פליך אויף דעם אָרט פון דעם קאָפּ מיט פלאַקס — — — —
און קיילעכדיק, דאַכט זיך, אָבער געל ווי וואַקס
דאָס אַמאָליקע פנים דאָס רויטע — — — —

זי האָט נאָכדעם געהערט וועגן מאָדנע זאַכן
ער זאָל רייך זיין — הייסט עס — פון פייער־מאַכן
און פון געלט וואָס ער נאַרט ביי אלמנות אַרויס.
אין דער אמתן אָבער, לאָזט זיך גאָר אויס
אַז ער איז אַ יוניע־פּרעזידענט
ביי די לייט וואָס קלעפּן אויס די ווענט —
מען רופט זיי „פּייפּער־הענגער".

28

פייפער־הענגער, פייפער־הענגער,
די לייטער וואָלט געמעגט זיין לענגער.
נאָר דער פייפער־הענגער, וואָס עסט זיין ברויט
אויף דער לייטער, מיט הענט פון פאַרב און קויט,
הערט ניט אַרונטער וואָס מען רעדט.
ווי אַ קינד אין וויג, אויפן לייטער־ברעט,
וויגט ער זיך מיט די אויגן אַרויף —
און אוודאי הויבן אים מענטשן אויף,
נאָכדעם, ווען עס טרעפט שוין דאָס אומגליק.

דער דאָקטאָר אין דעם כאַלאַט דעם ווייסן,
וואָס הייסט אויף אים דאָס העמד צערייסן,
האָרכט אַזוי לאַנג ביז דאָס האַרץ גייט אויס.
נאָכדעם הייסט ער אַרויסגיין אַלע פון הויז,
און ער גיט אין האַנט אַריין אַ פּאַפּיר
דעם וועכטער, וואָס ער לאָזט ביים טיר.
נאָר דער וועכטער איז אַזוי פרעמד און פויל,
אַז ער טראָגט ניט אפילו קיין האַנט צום מויל
ווען עס ווילט זיך אים טאָן אַ געגעץ.

נאָר אַז די שעה האָט אויסגעשלאָגן,
און מען קומט שוין מיטן טויטן־וואָגן —
דעמאָלט וואַקלען זיך און שלעפּן זיך
אין שוואַרצע שפּענצערס מיט געלע שיך
און מיט אַ רויטער פאָן אין די הענט,
דריי ברידער הינטערן פּרעזידענט —
און אַזוי טאַקע ביז צו דער ברוקלין־בריק.
נאָכדעם קערט מען זיך ווידער אום צוריק —
און מען זעצט זיך אין קאָרטן שפּילן.

און אַז מען שפּילט שוין, באַדאַרף מען שפּילן,
ביז עס רוישט אין די קעפּ ווי אין וואַסער־מילן,
און ביז עס באַווייזט זיך דער טאָג אויף די ווענט.
און אַז דער שלעפּעריקער פּרעזידענט
גייט דערנאָך אין אַ באָד אַריין שלאָפן אַוועק,
בלייבן דריי ברידער מיט דער זאָרג און דער שרעק
וואָס וואַקסט אין זיי מיט דער זון וואָס גייט אויף.
קריכן זיי ווידער אויף די לייטערס אַרויף,
און זיי אַרבעטן און זיי דרימלען.

זאָגט זיי דער טויט דורכן פענצטער: גוט מאָרגן.
און פון אונטער זיין שוואַרצן בוזעם פאַרבאָרגן,
שלעפּט ער דערווייל אַ חלום אַרויס.
פון אַ ווייס און אַ וואַרעם בעט אין אַ הויז.
נאָכדעם לייגט ער אויך אין דעם בעט אַריין
אַ פרוי, וואָס קאָן קיין שענערע ניט זיין,
און קאָלט אַזוי ווי תמיד און שטום
וויקלט ער מיט דעם חלום אַרום
די פּייפּער־הענגערס אויף דער לייטער — — — —

29

— זרחי, ייִנגעלע, וואָס איז פֿאַראַנען
אויף דער וועלט חוץ ווייבער און מאַנען?
— פֿאַראַנען אַ הייליק ספֿר, די תּורה,
פֿאַראַנען אַ גרויסער גאָט, דער בורא,
און פֿאַראַנען אַ גאָלדן ביקל, אַ געץ,
וואָס מען שפּרינגט אַרום דעם ווי פֿיש אין אַ נעץ
מיט אַלערליי טענץ און האָפּקעס.
און פֿאַראַנען דאָס לעבן מיטן טויט
און זרחים הענט וואָס קנעטן פֿון ברויט
קייקעלעך מיט באָבקעס.
— געטראָפֿן ייִנגעלע.

— זרחי, ייִנגעלע, וואָס נאָך איז פֿאַראַנען
אויף דער וועלט חוץ ווייבער און מאַנען?
— פֿאַראַנען אַ הייליק ספֿר, די תּורה,
פֿאַראַנען אַ גרויסער גאָט, דער בורא.
און פֿאַראַנען אַ גאָלדן ביקל, אַ געץ,
וואָס מען שפּרינגט אַרום דעם ווי פֿיש אין אַ נעץ
מיט אַלערליי טענץ און האָפּקעס
און פֿאַראַנען דאָס לעבן מיטן טויט
און זרחים הענט וואָס קנעטן פֿון ברויט
קייקעלעך מיט באָבקעס.
— געטראָפֿן ייִנגעלע.

30

ווען זרחי האָלט זיינע אויגן פאַרמאַכט
און ער הערט זיך איין צו אַלץ וואָס ער טראַכט,
ווערט ער פאַר זיך אַליין אַזוי פרעמד,
ווי ער וואָלט געקוקט אויף אַן אַלטן העמד
וואָס איז איבערגעבליבן אַ קויטיקס דאָ
פון איינעם, וואָס איז שוין מער ניטאָ.
און דעמאָלט דאַכט זיך אים אויס, אַז ער הערט
דאָס געוויין פון יענעם פון אונטער דער ערד,
וואָס וויינט מיט אויגן טויט און קאַלט,
אַזוי ווי ביינאַכט אַ חלום-געשטאַלט,
וואָס מען ווייסט ניט, צי איז דאָס אַ גייסט אין דער הויך,
צי אַ וואָלקן ערגעץ — צי גאָר אַ רויך — — —

און ווען זרחי טראַכט און עס ווילט זיך אים זען,
ווער די עלטערן זיינע זיינען געווען,
דערזעט ער פון איבער אַ באַרג אַהער
אַ וואָלקן, וואָס שלעפּט זיך אַזוי ווי אַ בער.
און ווי נאָר דער וואָלקן באַפרוכפּערט דאָס לייב
פון דער בלאָטע, וואָס איז געוואָרן זיין ווייב,
וואַקסט ווי פון אַ מוטערלעך שויס
וויינענדיק פון דער בלאָטע אַרויס
אַ נפש, וואָס האַלט ווי אַ בער די הענט

און וואָס ווערט פון זיך אַליין ניט דערקענט,
און וואָס שטייט ווי אַ גולם אויף דער וועלט
אויף דעם אָרט וואו מען האָט אים אַנידערגעשטעלט.
און ווען זרחי טראַכט צי ס׳איז עמעצער דאָ
מיט אים אין דער וועלט, צי ס׳איז קיינער ניטאָ, —
וואַקסט פון דער פינצטערניש אַרויס
אַ שטיין לעבן אים. דאַכט זיך אים אויס
אַז דער שטיין האָט אָרעמס און אַ קאָפּ,
וואָס לאָזן זיך שלעפּערדיק אַראָפּ
ווי זיינע — צו דער מאַמע, דער ערד.
רעדט ער פון אַלץ וואָס ער טראַכט, און הערט
ווי מען רעדט צו אַן אייגענעם ברודער, צום שטיין,
ביז ער זעט אים וויינען ווי זיך אַליין,
ווי זיך אַליין אין רעגן און ווינט
מיט אַ צונג און מיט אויגן — שטום און בלינד.

און אַז ס׳איז לאַנגווייליק ביים שיין פון דער לבנה,
פאַרוואָס זאָל זרחי דאָ ביים ברעג ניט טאָרן ליגן?
צי איז ער דען אַ מאַנספאַרשוין, אַ טאַטע,
וואָס דאַרף אין האַלבער נאַכט אַ קינד וואָס וויינט פאַרוויגן?
און אַז ער האָט קיין ווייב וואָס זאָל פאַר שלאָפנגיין
מיט עפעס-וואָס זיך האָבן צופיל אָנגעגעסן —
פאַרשפאָרט ער דאָך במילא שוין פון שלאָף געוועקט צו ווערן,
צו לייגן איר צום מאָגן וואַרעמע קאָמפּרעסן.
און זאָל ער שלאָפן גיין אין יענעם פרעמדן בעט
וואו די נשמה שלוקערצט ווי אַ קינד וואָס פרירט,
איז וואָס-זשע וועט ער טאָן מיט דער באַלעבאָסטע זיינער —
זי איז דאָך אייביק אַזוי פורימדיק פאַרשמירט,
ווי זי וואָלט זיך דאָס גאַנצע יאָר פאַר המנען פאַרשטעלט,
און דווקא גלייך פאַרטאָג קריכט זי אַריין צו אים,
צו מאָנען דירה-געלט — — —
נאָר זאָל שוין זיין,
אַז מיט די גוים דאָרט ביים וויין,
אין ליכטיקן בראָדוויי, איז טאַקע גוט און וואויל.
נאָכאַלעמען אַז שיקסלעך זיינען שיין און ביז צום האַרצן הויל,
מעג מען דאָך אַ שפּיל טאָן זיך מיט זיי.
עס וויל דאָך איטלעכער אַביסל
פון אָט דער גרויסער אָנגעפילטער שיסל
וואָס רופט זיך לעבן אָן — עס איז שוין פאָרט אַזוי.
נאָר אַז ס׳איז דזשאַן די. ראַקעפעלער אַזאַ וויסטער גוי
וואָס וואָלט אַ יידן גיכער אומברענגען געוואָלט

איידער אים מיט עפּעס-וואָס-ניט-איז אַרויסצוהעלפן,
וואָלט ער אַ קבצן אַט אַזאַ ווי אים, דעם אָרעמען זרחי,
צוגעשיקט פון צייט צו צייט אַ זשמענקעלע מיט געלד —
איז וואָס איז דאָ צו טראַכטן נאָך — געווים;
געטרונקען וואָלט ער איצט וויפל עס קאָן אַריין.
און וואָלט געוואָרן װאַרעם אים — קאָן זיין
אַז ער וואָלט ווײנענדיק אין טיש אַריין, אַריינגעהאַקט
אַזאַ מין ליד —
אַז עס וואָלטן שויבן, לאָמפּן, וויינגלעזער און געסט,
אָוועקגעלאָזט זיך אין אַ קאַראַהאָד אַזאַ —
ווי פליאַסקעדריגעס היימישע אין אַ כאָליערע-צייט,
אויף אַ בית-עולם חתונה.
אוודאי וואָלט מען אָפּגעמאָסטן אים מיט אויגן דעמאָלט
ווי ביי קעלבער אויסגעסטאַרטשעטע — פון אַלע טישן.
און אויפגעשטעלט ווי שפּילקעס וואָלטן זיך די האָר ביי יעדן.
און הערן וואָלט מען אפשר בלויז אַ שאַרף אַזוינעם
פון די אָטעמס — ווי פון פלעדערוואָישן
וואָס שאַרן אָפּ דאָס אַש פון צוגעברענטן ברויט ערגעץ.
נאָר ער וואָלט דווקא דעמאָלט ווי אַ האָן אוודאי זיך אַ שטעל געטאָן,
און שוין אויף גויאיש וואָלט ער זיך געווענדט
צום קעלנער צו דעם רויטן;
העי דו לומפּ — וואָלט ער געזאָגט צו אים —
אַ יונג אַזאַ ווי דו, וואָס וואַרפט זיך ווי אַ קאַץ אין זאַק
מיט לייב און זעל אין פּראַק,
באַדאַרף זיך אויפהענגען אַ שלאָס אויף העמד און פלודערן —
עס זאָל ביי אים דאָס האַרץ חלילה ניט אַרויס.
און צו דעם גאַסט,
צו יענעם מיט דער קרומער נאָז און דער פּראַנץ-יאָסל-באָרד,
וואָלט ער שוין אויף צעפּוקעניש גערעדט אויף יידיש דווקא;
— דו אַלטער הונט — וואָלט ער געזאָגט צו אים —

דו זעסט דאָך אוים ווי אַ הולטייסקע בונט
פון טויזנט אָפּגעלעבטע דייטשן מיטאָמאָל,
וואָס טוסטו דאָ? —
און יענער וואָלט אודאי ווי אַ מויז געקוויטשעט אויפן קול:
— גוואַלד, וואָס וואָנט וואָנט פאַן מי דאַט דזשו וואַט וואָנט פאַן מי? —
נאָר ער וואָלט אים ניט אָפּגעלאָזט פאַר קיין שום פאַל
ביז ער וואָלט אים
דאָס לעצטע האָרל פון זיין פליך ניט אויסגעפּליקט.
און וואָלט אַ פּאָליציייניק זיך אַריינגעמישט
און אָנגעטאָן אים אַ צילינדער פון אַ ליך אַ פרעמדן
מיט אַ הילך און אים ביים אַרבל אָנגענומען —
וואָלט ער ערשט דעמאָלט זיך איינגעשפּאַרט — און ניט פון אָרט,
ביז מ'עט ניט ברענגען אים אַ פלעשל מילך, און מיט אַ גאָפּל דווקא:
איך בין נאָך ניט אָנטוויינט — וואָלט ער געוויינט —
איך דאַרף נאָך זויגן.
און צו באַווייזן דאָס, וואָלט ער זיך טאַקע אויסגעצויגן
ווי אַ ממזר אויף דער ערד —
און וואָלט געסמאַקעט פונעם פלעשל,
אַז עס וואָלט ביי זיי דאָס האַרץ געפּלאַצט פאַר טרויער.
און אויך דעם אַלטן ריכטער וואָלט ער ניט געשאָנעוועט
שווייג — וואָלט ער געזאָגט צו אים —
איך בין דיר ניט אַ נפש אַט־אַזאַ,
ווי דער פראַנצויזישער נעפּוליאָן,
וואָס שטייט די הענט פאַרלייגט, און מיט אַ פּוס פאָרויס.
חאַנקל־האַלי־חולמי פון באַגדאַד — דאָס איז מיין נאָמען.
און פון דער הייליקער משפּחה באַרדאַזגאַנדאַ איז מיין פעטער
צאַנצל צוצעהולי, הייסט דער ליכטיקער.
און בריטאַם באַזדאַ, אונדזער גרעסטער גיבור איז מיין נעפּיו.
און כדי עס זאָל ניט אויסזען אַז ער איז פון זין אַראָפּ
וואָלט ער דעם נעפּיו אויסגעלאָזן מיט אַ פּייף,

און וואָלט געוושאָרן זיך ביי גאָט, אַז ער איז הונגעריק
אַ מענטשן אויפצועסן.
נאָר אויב מען וואָלט פאַרשיקט אים אין אַ דול־הויז טאַקע,
וואָלט ער שוין אָפּגעהיט אַליין
מען זאָל פון אים ניט פּטור ווערן מיר־ניט דיר־ניט.
—העי, וועכטער מיינער, — וואָלט ער אַלע אינדערפרי
דורך די גראַטעס זיך געווענדט
צו יענעם מיט דעם דאַשעק —
איך דאַרף אַ בוך אַ גראָבס אַ גרויס,
ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו פּאַטשן זיך אין בויך אַריין.
און זע איך בעט דיך,
שלאָג אַריין דעם טשוואָק אין שטערן מיר וואָס גיכער,
איך קען זיך מיט מיין ראָק ניט האַלטן אייביק — —
אמת איז: דאָס עסן איז ניט פונעם בעסטן דאָרטן. —
און אויך דאָס נאַכטלעגער איז ניט ווייך גענוג. —
און דורכן פענצטער פון אַ דול־הויז די לבנה,
אינאיינעם מיט די קוויטשערייען וואָס מען הערט,
איז ניט קיין וויגליד פאַר אַ מענטש
וואָס בענקט נאָך רו. —
נאָר קאַלט ווי אויף זאַמד אָט־דאָ,
איז דאָרטן זיכער ניט — — —
און אויך מער לאַנגווייליק ווי דאָ,
איז דאָרטן זיכער ניט — — —
און אויך מער אומעטיק ווי דאָ,
איז דאָרטן זיכער ניט — — —

32

ווערט זרחין קאַלט — ליגט אַ ליידיק סמאָלע־פאַס ביים ברעג,
זעצט ער זיך אַרויף און דרימלט איין.
הויבט זיך אויף דאָס וואַסער, — טראָגט עס אים אַוועק
אין ים אַריין.
עפנט ער די אויגן אויף;
פילט ער אַזש ביז צו די לענדן זיינע פיס
אין וואַסער אונטן — זעט ער, וואו ער איז,
שטרעקט ער זיך אַרויף
און שרייט
מען זאָל אים ראַטעווען ווי לאַנג עס איז נאָך צייט.
באַווייזט זיך קיינער ניט.
הויבט ער אויף זיין קול
נאָך און נאָך אַמאָל.
קומען מענטשן מיט אַ גלח, דאַכט זיך, אין דער מיט,
וואַרפט מען זיך ביים ברעג מיט תפילות און מיט קלויסטער־לידער
אויף די קני אַנידער.
הייסט דאָך דאָס, אַז ער איז יעזוס זייער גאָט,
פאָכעט ער, ווי מיט פליגל מיט די הענט, זיי זאָלן זען,
אַז ר׳איז אַ מענטש.
און אַז דאָס איז אַן אומגליק בלויז

וואָס איז מיט אים געשען.
זעט ער, ווי עס ווערט אַ ריזנראָד
פון פּאָנעז, ליכט און רויכער־טעפּ,
מיט מענטשן קעפּ אויף קעפּ,
וואָס דרעגנגען זיך מיט חיהשן געברום
אַרום די זיבן יונגפרויען די שענסטע פון דער וועלט,
וואָס זינגען, ווי מלאכים, ציטערדיק און פרום
און טראָגן, ווי פון ליכט צונויפגעשטעלט,
אַ קרוין, — און הויבן אָן אין ים אַריין צו גיין,
ווייסט ער דאָך, אַז ער איז דאָ אַליין,
און אַז זיי וועלן זען, אַז ס'רינט אים ניט אַראָפּ
קיין טראָפּן בלוט אַפילו פונעם קאָפּ,
און אַז אין הענט און פיס קיין טשוועקעס
האָט ער אויכעט ניט,
קען דאָך זיין אַז ער איז אַזאַ ייד,
וואָס וויל בלויז חוזקן פון יעזוסן און זיי,
וועלן זיי דאָך אָנפאַלן אויף אים מיט אַ געשריי
און אפשר אויך אים הרגענען דערפאַר.
פאַלט אים איין, אַז ער זאָל אפשר פאַר אַ נאַר
פרואוון זיך פאַרשטעלן. פון סמאָלע קען ער מאַכן
זיך אַ דערנער־קראַנץ, און אויסטאָן העמד און שיך
און הענט און פיס אַליין צעגראַבלען זיך,
וועלן זיי שוין אפשר מוזן לאַכן,
ווען זיי וועלן אים דערזען אַזוי.
נאָר אַז ער זעט ,ווי איינער דאָרט ביים ברעג,
אַ ווילדער גוי,
גיט מיטאַמאָל די לאַפּעס זיינע אַ צעשטערעק אַזוי
אַרום אַ יונגפרוי, וואָס פאַרקאַשערט זיך דאָס קלייד
אין ים אַריין צו גיין.
און אַז, ווי הינט פאַר פרייד

שרייען אַלע שוין, פֿאַרקאַשערט ביז די לענדן,
און הויבן אָן פֿון אים זיך אָפּצואַווענדן,
ביז זיי ליגן פּאַרווייז שוין אין זאַמד,
ווי קופּעס פֿלייש צונויפֿגעשאַרט,
האָבן זיי דאָך — הייסט עס — שוין
פֿון גאַנצן ווייטן ברעג (אין חושך פֿון דער נאַכט)
אַ הורנבעט געמאַכט.
און ס'אַרט זיי ניט, וואָס איינער שטייט און וואַרט
אין מיטן ים אַליין אין טויטנשרעק?
מיינט דאָס דאָך אַז ער וועט אפשר דאַרפֿן פֿרירן דאָ,
ביז העט אין טאָג אַריין
— עס זאָל אַ פֿישער אים דערזען אין מאַרגנשיין, —
ווײַנט ער און ער זעצט זיך ווידער
אויפֿן סמאַלע־פּאַס אַנידער.
וויגן אים די כוואַליעס הין און הער.
דאַכט זיך אים, אַז ער איז מער ניט ער.
קוקט ער, ווער ער איז,
זעט ער זיך אַ ריז,
וואָס רייט אין ווייסן אויף אַ פֿערד, —
אַזאַ, ווי די נביאים
האָבן אויסגעקלערט צו ראַטעווען די וועלט,
וואָס ווײַנט און שעלט אין אומגליק אירן
זיך אַליין
זעט ער, אַז ער האָט אויך אַ טראָמפּייט,
וויל ער בלאָזן ווי צו נעילה־צייט
דער טאַטע זיינער דאָרט אויף יענער זייט.
דערפֿילט ער, אַז דער טאַטע איז שוין טויט,
שטעלט זיך אָפּ אין גומען אים דאָס קול,
וויל ער נאָכאַמאָל
זיך אויפֿשטעלן און העכער נאָך ווי פֿריער פּרוּוון שרייען.

שרעקט ער זיך, עס זאָל זיך ניט באַנייען
דיזעלבע שפּיל: — מ׳זאָל אים, הייסט עס, לויבן
און דערהויבן אַזוי נודנע,
ווי אַ געטשקע אַ פּאַסקודנע
פון אַ שטיק האָלץ געמאַכט.
בויגט ער זיך אַראָפּ
נאָך טיפער צו דעם ים —
וואָס זאָגט אים רוישנדיק דאָס לעבן אָפּ.
דאַכט זיך אים, אַז ער זעט שיר ניט אויס
ווי אַ קוימענקערער ווען ער קריכט אַרויס
פון קוימען ערגעץ־וואו פאַרנאַכט אין אָוונטשיין;
טוט אים באַנג, פאַרוואָס ער רייט אַזוי
מיט סמאָלע אויסגעשמירט — אין טויט אַריין.
הערט ער ווי עס שווערט דער ווינט אים אויפן קול
אַז ס׳איז דעם ים קיין חילוק ניט,
צי איז מען ריין, צי קויטיק,
דאַכט זיך אים, אַז אויך דאָס וויינען וואָס ער וויינט
איז מער ניט נויטיק.
עס גייט דאָך ווי דאָס זשומען פון אַ פליג אַרום די אויערן
אין ים פאַרלוירן.

# דאָס געשריפטס אויף זרחים מצבה־שטיין

(ניפטאָר געוואָרן בישנאָס ניינצנדרייאונצוואַנציק
בעקאַק ניו־יאָרק זיכרוינו ליוורעכאַ)

33

דאָ ליגט זרחי, אַ באַשעפעניש אַזאַ,
וואָס האָט געהאַט צוויי גרויסע פּיס
און גרעסערע נאָך הענט.
האָט ער טאַקע אָן די סימנים זיך אַליין דערקענט
אַפילו שפּעט ביינאַכט.
און ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז אַלע פון זיין שטאַם
זיינען הארב ווי רעטעך און ווי כריין,
און אפשר אויך ווי סם,
האָט ער אַ לעבנלאַנג מיט זיך אַליין
געקעמפּט פאַר זיי.
און ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז וואָרשטלעך האָט ער ליב, — האָט ער
געגנבעט צוויי
ביי דעם חזירניק, וואָס האָט געהייסן פּשיצקי
(אַ ממזרל פון קרול כמעלניצקי),
און זיי צום פּנים זיינעם צוגעקלאַפּט פאַר ליפּן,
ער זאָל דעם טעם כאַטש פילן,
ווען ר׳עט הונגעריק זיין.

און אז ער איז אזא, וואָס אָט־אזוינס פאלט איין,
איז אים שוין איינגעפאלן
אז ער זאָל איבערהיפּן אויך
דאָס ברכה זאָגן
און אויך דאָס דאווענען מיט זאַק און פּאַק אין גאנצן.
האָט ער טאקע געטאָן אזוי,
האָבן קינדער אָנגעהויבן טאנצן
ארום אים אין מארק און רופן „זרחי גוי",
האָט ער זיך אויך פון זיי אַוועקגערוקט
און צו דער ערד אראָפּגעקוקט,
ביז אים האָט זיך געדאכט
אז לויט זיין באָרד און האָר
איז ער אַ חיה גאָר,
אזא, וואָס דאַרף ארומקריכן אין וואלד.
איז ער זיך (שטום און קאלט
ווי ר'איז געווען כלומרשט) אהין אַוועקגעקראָכן,
און מיט דער נאָז
זיך אָנגעהויבן לערנען פון דער נאָענט צו שנאָרכן צווישן גראָז
אזוי ווי אלע וואלד־באַשעפענישן, ווען דער הונגער מאָנט.
האָט זיך אים אויסגעדאכט,
אז ר'האָט קיין מאָמע צווישן מענטשן קיינמאָל ניט געהאַט
האָט ער טאקע ניט איינמאָל אזוי ווילד
אויסגעשטרעקט דעם גאָרגל און געברילט,
ווי עס וואלטן זייניקע מיט באָרד און האָר
אין הייל־ און ביימער־שפּאלטן
שוין הונדערט טויזנט יאָר
זיך אויפגעהאלטן.
נאָר אז די חיות האָבן וואָיענדיקערהייט
זיך אָפּגעקערט פון אים און זיך אַוועקגעדרייט,
ווי ער וואלט גאָר אין גאנצן ניט געווען,

האָט ער דאָך דעמאָלט שוין געזען
אַז ער איז אויך אין וואַלד מיט זיך אַליין,
האָט אויפגעהויבן זיך אין אים אַזאַ געוויין,
אַז ס'האָט אים אויסגעדאַכט — ער הערט
דעם הימל קלאָגן איבער זיך
און אונטער זיך די ערד.
נאָר אַז ער האָט די פּיס די אייגענע און הענט
באַקוקט און ווידער זיך דערקענט,
האָט ער, ווי אויף אַ טויטן שוין
אויף זיך געקלאָגט,
און אָט וואָס ר'האָט געזאָגט:
— דאָס איז דאָך איך אַליין — איך זרחי,
— וואָס ניט איך ביז אַזאַ, וואָס רופט זיך אָן אַ ייִד,
— און ניט איך בין אַזאַ וואָס רופט זיך אָן אַ גוי,
— און וואָס איך בין אַזאַ אַפילו ניט
מען זאָל מיך קאָנען אָננעמען כאָטש פאַר אַ חיה.
און דעמאָלט, ווי עס הייסט, האָט ער טאַקע
זיך ווינגדיק אַהין און קריק,
געיאָמערט אַזוי לאַנג,
ביז ער איז, ווי אַ מענטש צום שטאַרבן קראַנק,
געבליבן ליגן שטום.
און אַז ער איז נאָכדעם אין אַ צייט אַרום
געשטאָרבן טאַקע,
און ס'איז קיינער ניט געווען
וואָס זאָל אים אָנטאָן דאָס טויטן־קלייד,
האָט ער (ווי דורך אַ כישוף, הייסט עס), טויטערהייט
געשלעפּט זיך ביים לבנה־שיין אַליין
צו לייגן זיך אַהער אין אָט דעם גרוב אַריין,
וואָס זיינע טרערן, — פאַרוואַנדלטע אין ראָבן,
האָבן מיט די שנאָבלען פאַר אים אויסגעגראָבן.

34

און אַז עס קאָן זרחי ניט שלאָפֿן ביינאַכט,
זאָל ער פּרוּאוון דערציילן פֿון וואָס ער טראַכט.

— עס ברומט דער ים דורכן פֿענצטער אַריין
דאַכט זיך אים אוים, ווען ער הערט זיך איין,
אַז דאָס ברומט די וועלט פֿונעם שלאָף אַרוים;
זעט זי ביי אים ווי אַ חיה אויס —
וויל ער די לאַפּעס זען וואָס זי האָט,
זעט ער די וועגן דורך פֿעלד און שטאָט —
וויל ער די מיילער אויך זען מיט די ציין;
דערזעט ער די בערג מיט די שפּיצן פֿון שטיין
און די קראַטערס אַלע מיט פֿייער און רויך —
וויל ער שוין זען צי זי האָט אויך אַ בויך;
דערזעט ער די מתים מיט הויט און האָר,
וואָס ליגן אין איר שוין טויזנטער יאָר —
וואָלט ער דאָס האַרץ אירס אויך זען געוואָלט —
דערזעט ער אין בויך אַ קופּע מיט גאָלד.

און אַז עס קאָן זרחי ניט שלאָפֿן ביינאַכט,
זאָל ער ווייטער דערציילן פֿון וואָס ער טראַכט.

ער האָט מורא צו ריידן. ער זעט אַ ריז,
וואָס איז גרעסער נאָך ווי די חיה איז.

וואָס טוט דער ריז? ער האַלט אַ שער
און ער שרייט, אַז מען דאַרף קיין פּרינצן ניט מער
און ער שאַרט צונויף מיט אַן איינציקער האַנט
די קעניגן אַלע פון איטלעכן לאַנד —
האָט זרחי מורא צו טראַכטן דערפון,
און ער וויל ניט, אַז דער ריז זאָל דאָס טאָן.
ער דערמאָנט זיך אַן איטלעכן קעניגס ווייב,
וואָס וועט באַוויינען ביינאַכט איר לייב.
נאָר דער ריז וויל ניט וויסן — ער שטייט און שרייט.
און זרחי הערט די שער ווי זי שניידט,
און ער זעט ווי איטלעכער קעניג בלייבט שטיין
מיט די הענט ביים דיך און מיט אַ געוויין.

און אַז עס קאָן זרחי ניט שלאָפן ביינאַכט,
זאָל ער ווייטער דערציילן פון וואָס ער טראַכט.

ער גלויבט שוין די אייגענע אויגן ניט,
נאָר דער שניט, אויף דער חיה דער וועלט, איז אַ שניט.
אָט איז דאָך אַ בויך, וואָס איז אָפן ווייט,
און אָט איז דאָס הארץ וואָס דער ריז צעשניידט
און אָט איז איר איינציק אויג אין קאָפּ —
די זון וואָס ער נעמט פונעם הימל אַראָפּ;
נאָר אַז זרחי זעט ווי די חיה איז טויט
און דער ריז — ווי פון אַ בהמה די הויט —
נעמט ער אויך דעם הימל אַרונטערציען —
קאָן ער שוין מער ניט קוקן אַהין,
ער וואַרט בלויז צו הערן דעם דונערקנאַל
פון אַלץ וואָס וועט אויבן טאָן אַ צעפאַל.
ער וואַרט בלויז די קופּע מיט שטויב צו דערזען
פון אַלע און אַלץ וואָס איז אויבן געווען.

און אַז עס קאָן זרחי ניט שלאָפן ביינאַכט,
זאָל ער ווייטער דערציילן פון וואָס ער טראַכט.

עס טראַכט שוין זרחי פון גאָרניט מער,
אַזוי ווי בליי איז דער קאָפּ ביי אים שווער.
ער זעט בלויז דעם ריז ווי ער בויגט זיך איין
און ער הערט וואָס ער ברומט אים אין אויער אַריין;
ער הייסט אים צונויפקלייבן אַלץ וואָס צעפּאַלט,
און טאָן ווי מיט שמות וואָס מען באַהאַלט.
ער זאָגט אים אויך צו אַז ער קומט צוריק,
ער גייט נאָר רופן דעם שמיד הארשביק,
ער זאָל שוין ברענגען די נייע וועלט
מיט דער זון וואָס ער האָט ביי אים באַשטעלט.
די זון וועט שוין אַנדערש זיין געמאַכט,
זי וועט שיינען אפילו ביינאַכט
און מ׳וועט שוין ניט דאַרפן פאַרטרויערט זיין,
וואָס מען שלאָפט ניט און מען האָרכט אין ים אַריין.

35

קומט צו פאַרטאָג אין חלום צו זרחין
אַ קעניג וואָס בעט אַ ציגאַר טיטון.
נעמט זרחי אַרוים פון דעם טאַש אין זיין רעקל
און ער גיט אים אַוועק דאָס גאַנצע פעקל,
דאַנקט אים דער קעניג און רופט אים „מיין זון”.
וויל זרחי אים נאָך עפּעס געבן.

גיט ער אַוועק אים די לעצטע פּאָר גראָשן
וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין געבאָרגט;
בענטשט אים דער קעניג, זאָל גאָט אים געבן
געזונט און פרנסה ווי לאַנג ער וועט לעבן,
דערפאַר וואָס ער האָט אים אויך באַזאָרגט
מיט דעם געלט, — עפּעס אָנצובייסן — — — —

שרייבט זרחי אָן אַן אַדרעס דעם קעניג,
וואו מען קאָן באַקומען אַ בולקע מיט שמאַנט,
און קאַווע אין אַ גרעסערן טעפּל,
מיט קוכן אַ שטיקל, אַיי מיט אַן עפּל,
און מען קאָן אויך מיטן קאָפּ אויף דער האַנט
זיך צושפּאַרן דאָרט ,אויב מען וויל נאָר — — — —

פאַרהויבט זיך דער קעניג זיין מאַנטל דעם אַלטן,
און רוקט זיך די קרוין קעגן ווינט אַראָפּ,
און מיט קנאַפּל אין הויזן וואָס זיינען צעריבן,
לויפט ער אַזוי ווי פון שדים געטריבן
זיך אָנצושטאָפּן דעם נאַרישן קראָפּ
מיט אַלץ וואָס מען וועט אים דערלאַנגען — — —

קוקט אים זרחי נאָך, ביז ער זעט אים שוין מער נישט,
און ער הערט זיך איין צו דעם ים וואָס שרייט
און ער קוקט אויף דער זון וואָס גייט אויף אין הימל,
און אויף דעם גרינעם גלאַנציקן שימל
וואָס דער ים האָט אויף דער גאַנצער ווייט,
צום ברעג אַרויסגעוואָרפן — — —



אויף דיין בלויען באַנד, מיין ליבע פרוי,
גייען כינעזערלעך שפּאַצירן;
כינעזערלעך אין אָוונטשיין,
כינעזערלעך אין אָוונטשיין.
באַגעגנט זיי מיין פעטער זרחי,
אָט דער, וואָס דאַנערשטיק פלעגט תמיד פירן
קעלבעלעך אין יאַטקע אַריין,
קעלבעלעך אין יאַטקע אַריין.

הויבן אָן כינעזערלעך פאַר פרייד
צו קרייען ווי הענדעלעך רויטע,
ווי הענדעלעך אין אָוונטשיין,
ווי הענדעלעך אין אָוונטשיין.
גיט אַ קוק אויף זיי מיין פעטער זרחי
מיט די קליינע אויגלעך מיט די טויטע,
פאַלן זיי די הערצעלעך איין,
פאַלן זיי די הערצעלעך איין.

וויינען זיי אַרויס, מיין ליבע פרוי
פון דיין קליידל, פון די פאַלדן,
ווי קינדערלעך אין אָוונטשיין,
ווי קינדערלעך אין אָוונטשיין.
לאַכט אין באָרד אַריין דער פעטער זרחי
און ער גייט אַוועק זיך צו באַהאַלטן
צוריק אין קבֿרל אַריין,
צוריק אין קבֿרל אַריין.

# גייען מיר שפּאַצירן

37

דער געניטער פּרעסער ווייסט, וואָס ס׳איז גוט,
און דער גרויסער דיכטער ווייסט, וואָס ס׳איז שיין.
אָ, גיב מיר דיין האַנט, מיין ליבע פרוי,
און לאָמיר צום ים שפּאַצירן גיין.

ביים ים זיינען קליינע קינדער דאָ
אַ סך — און זיי שפּילן זיך אין דער זון,
און דער הימל איז בלוי פאַר זיי, ווי פאַר אונדז,
און זיי זינגען און ווייסן ניט דערפון.

ביים ים זיצן באָבעס און זיידעס אויך,
און גרוי, ווי שטיינער זיינען זיי,
און מיט ברילן אויף ד׳אויגן און הויקערדיק,
און אין שאָטן שוין — אָבער אַלץ נאָך צו צוויי.

דער פּרעסער בלויז, אָט יענער דאָרט,
וואָס פּאַקט אין פּיסק אַריין וואורשט מיט ברויט,
ער זיצט אַליין, ווי דער גרויסער פּאָעט,
וואָס טרוימט ערגעץ איצטער וועגן טויט.

דער פּאָעט איז בלייך און אומזיסט איז דאָ
דאָס פענצטער אָנטקעגן אים אין דער וואַנט,
ווי דיאַגנעס מיטן לאַמטערן — דער נאַר,
זוכט ער בייטאָג דאָס נישט דאָיקע לאַנד.

נאָר אפשר איז ער געוואוינט צו דעם,
ווי דער פוס צום שוך און דער מאָגן צום ברויט,
און ווי די וועלט צו דער ליבער זון,
וואָס גייט אויף און פאַרגייט פאַרוואָלקנט און רויט.

נאָר אַזוי צי אַזוי — אַזוי לאַנג דיין האַנט
רוט וואַרעם אין מיינער, איז אַלצדינג שיין;
און גוט איז אונדז, וואָס מיר ציילן זיך ניט
צו די מענטשן וואָס דאַרפן זיין אַליין.

פרעג איך ביי מיין ליבער פרוי,
ווי אזוי צו פאַרענדיקן דעם ראָמאַן
אין מיין ביכעלע —
זאָגט זי: דאָס גליק זאָל אַוועק מיט דער באַן,
און צוריקקווינקען מיט אַ טיכעלע.
זאָג איך: טיכעלע־שמיכעלע —
זאָגט זי ביכעלע־שמיכעלע —
און פרעגט מיך, צי וויל איך ניט בעסער
קאַווע מיט אַ קיכעלע.
זאָג איך: קיכעלע־שמיכעלע —
און היים מיר אויפציען אויף מיין קישן
אַ ציכעלע.
זאָגט זי ציכעלע־שמיכעלע.
און הייסט מיך אַריינטראָגן צום שוסטער
איר שיכעלע.
זאָג איך: שיכעלע־שמיכעלע.
ווערט זי ברוגז און ווייזט מיר
אַז כ׳האָב שוין אַ פליכעלע —
זאָג איך:
פליכעלע־שיכעלע־ציכעלע־קיכעלע־טיכעלע־ביכעלע־שמיכעלע
קאָן זי ניט זאָגן אַזוי גיך ווי איך, אַזוי גיך ווי איך,
פליכעלע־שיכעלע־ציכעלע־קיכעלע־טיכעלע־ביכעלע־שמיכעלע
האָבן מיר אינאיינעם געלאַכט —
ביז זי האָט מיר די אויגן פאַרמאַכט —
די אויגן פאַרמאַכט.
און מיך איינגעוויגט מיט דעם ליד פונעם רעגן,
מיט דעם ליד פונעם רעגן,
וואָס מען זינגט פון קליינע קינדערם וועגן.